STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01862

HENRIK IBSEN

Georg Morris Cohen Brandes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גע̇ארג בר̇אנדעס

העגריק איבסען

איבערזעצט פון
ק. טעפּער

מ̇אקס נ. מייזעל
אידישער פערלאג פאר ליטעראטור און וויסענשאפט
424 גרענד סטריט, ניו י̇ארק
1918

Copyright, 1918
by
MAX N. MAISEL

פאררעדע.

אין'ם יאהר 1866 זומער צייט האב איך אנגעשריבען עטליכע זייטלעך וועגען הענריק איבסען'ען, א שרייבער, מיט וועלכען איך האב זיך אינטערעסירט שוין עטליכע יאהר; פלוצלונג האב איך געדארפט זיין אין פאריז און בין דעריבער געצוואונגען געוועזן אבצולעגען מיין ארבייט וועגען איבסען'ען. קומענדיג צוריק פון פאריז אין'ם יאהר 1867, האב איך פערענדיגט מיין ארטיקעל, — דעם ערשטען ארטיקעל, וועלכער איז ערשינען אין אייראפא וועגען איבסען'ען. קיינער האט דאמאלס נאך ניט געהערט וועגען דעם גרויסען שרייבער; איך בין געוועזן דער ערשטער, וועלכער האט געפרואווט פערשטעהן די דאזיגע אייגענארטיגע אינדיווידואליטעט.

אין פופצעהן־זעכצעהן יאהר ארום — אין'ם יאהר 1882 — האב איך זיך ווידער גענומען שרייבען וועגען דעם נארוועגישען שרייבער, זיין פערזענליכקייט און ווערק. אין דעם משך פון דער צייט האט איבסען אנגעשריבען נייע זאכען, וועלכע זיינען געוועזן פיעל בעדייטענדער פון די פריהערדיגע; ער איז געווארען אן אנדערער מענש; זיין איינפלוס האט זיך פערשטארקט, ער איז געווארען אונגעוועהנליך פאפולער אין די סקאנדינאווישע לענדער און איז געווארען אלץ מעהר און מעהר בעריהמט אויך אויסער סקאנדינאוויען, בעזונדערס אין דייטשלאנד. אויך אינערליך איז ער שוין ניט געוועזן מעהר דער מענש, וועלכען איך האב געקענט מיט פופצעהן יאהר צוריק, שרייבענדיג דאס ערשטע מאל וועגען איהם.

אויך איבסען'ס קריטיקער האט זיך אין דער צייט שטארק געביטען; ער איז שוין אויך מעהר ניט געוועזן דאס, וואס אין די

אמאָליגע יאָהרען. פיעלעס, פיעלעס האָט ער איבערגעלעבט אין דער דאָזיגער צייט, פיעלעס איבערגעפיהלט, און האָט זיך געמוזט ביס־לעכווייז אָבזאָגען פון פיעלע מיינונגען און איבערצייגונגען, וועלכע ער האָט איבערגענומען פון זיינע עלטערן און ערציהער. איצט האָט דער קריטיקער נעקענט בעסער פערשטעהן דעם דיכטער.

און ווידער זיינען פערגאַנגען זעכצעהן יאָהר. איבסען האָט די גאַנצע צייט ענערגיש געאַרבייט; ער איז פון א לאָקאַלען שריי־בער געוואָרען א וועלט בעריהמטהייט. קיינער פון די דראַמאַטור־גען־צייטגענאָסען האָט ניט אַזא נאָמען, ווי איבסען. אמת איז, אז אנדערע לייקענען זיין בעדייטונג; ניט אַלע זיינען בעגייסטערט פון זיינע פּאָעטישע ווערק. אָבער אמת איז אויך, אז איבסען האָט קאָנצענטרירט אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון זיינע צייטגע־נאָסען — וואָס נאָך קען פאָדערן א שרייבער?

דעם צוואַנציגסטען מערץ 1898 ווערט העגריק איבסען זיבעצ־ציג יאָהר אַלט. דאָס איז אַן אמת געשעהעניש! לכבוד דעם דיכטער האָב איך איבערגעדרוקט דאָס, וואָס איך האָב ביידע מאָל געשריבען וועגען איבסען׳ען און זיך ווידער א מאָל גענומען צו דער כאַראַקטעריסטיק פון זיין אַרבייט ביז׳ן היינטיגען טאָג. די וואונ־דערליכע לאָגיק פון די אומשטאַנדען האָט געוואָלט, אז איך זאָל שרייבען וועגען איבסען׳ען כמעט יעדע פופצעהן יאָהר. ווען איך בין אַרויסגעטראָטען מיט מיין ערשטען אַרטיקעל וועגען איבסען׳ען, איז ער אַלט געווען 38-39 יאָהר; פערעפענטליכט מיין צווייטען אַרטיקעל וועגען איהם האָב איך, ווען ער איז געווען א פיער־און־פופציג־יעהריגער מאַן און איצט קאָנסטאַטיר איך מיט פרייד, אז דער געבורטסטאָג פון דעם זיבעציג־יעהריגען שרייבער האָט גע־פונען א הארציגען אָבקלאַנג אין אַלע קולטורלענדער פון דער וועלט.

די אויסלענדישע קריטיקער האָבען, שרייבענדיג וועגען איב־סען׳ען, געהאַט פאַר זיך די רעזולטאַטען פון איבסען׳ס לעבענס־אַרבייט. זיי האָבען ניט געלעזען יעדע איינציגע זאַך זיינע, ווען זי איז ערשינען, נור אַלע מיט א מאָל, ווען זיי זיינען אריין אין די געזאַמעלטע ווערק. זיי האָבען מיט אמאָל דערזעהן דעם דיכטער׳ס

צורה, און ניט ביסלעכווייז, שטריך נאָך שטריך, מיט א מאָל האָט זיך פאר זייערע אויגען ענטפּלעקט דאָס גאנצע פאַנטישע געביידע און דעריבער האָבען זיי געקענט האָבען א מעהר אָדער וועניגער ריכטיגע פאָרשטעלונג וועגען דעם דיכטער — דעם בויער. אפשר איז אינטערעסאנט צוצוקוקען זיך, ווי אזוי דאָס דאָזיגע געביידע האָט זיך אבגעשפּיגעלט אין׳ם בעוואוסטזיין פון א צייטגענאָסען, וועלכער האָט געזעהן, ווי ציגעל אויף ציגעל איז געלעגט געוואָרען און האָט דעריבער געהאט א מעגליכקייט, קענענדיג פּערזענליך דעם דיכטער, וואָס האָט געבויט דאָס ווערק, זאָגען עפּעס, וואָס זאָל ער־קלערען דעם זין פון׳ם ווערק.

ג. בראַנדעס.

ערשטער איינדרוק

(1867)

א נאָמען האָט זיך הענריק איבסען געמאכט אין דענעמארק בעיקר מיט זיינע דראמען: „די קאָמעדיע פון ליעבע" און „בראנד". אין תוך זיינען די דראמען גאָר ווייניג עהנליך איינע צו דער אנ־דערער, „בראנד" איז טיפער און רייפער פון דער „קאָמעדיע פון ליעבע", אָבער דענעמארק האָט פון די ביידע דראמען געהאט דעם איינדרוק, אז איבסען איז פריהער פון אלעמען און מעהר פון אלע־מען א קאמפפס־נאטור. אין דער „קאָמעדיע פון ליעבע" ערקלערט ער מלחמה דער געזעלשאפט, אייגענטליך דער נאָרוועגישער געזעל־שאפט, אין׳ם נאָמען פון שעהנקייט און דיכטונג; אין „בראנד" — פון׳ם שטאנדפונקט פון מאָראל און אמת׳ער רעליגיאָזיטעט. די מלחמה ענדיגט זיך טראגיש. ניט די מעכטיגע ליידענשאפט, ניט דער אלהערשענדער ווילען קענען שלום מאכען מיט דער גע־זעלשאפט. זיי ווילען האָבען א פרישע אטמאָספער, מעהר רוים, אָבער דאָס לעבען איז ענג און בעגרענעצט, די געזעלשאפט פוילט אין איהר פערשלאָפענקייט. די העלדען פון די דראמען פּרואווען רעוואָלוציאָנירען די פוילע אָרדנונג, אָבער פון דער רעוואָלוציאָן ווערט ניט קיין נייעס לעבען. די „קאָמעדיע פון ליעבע" איז איי־גענטליך איהר טראגעדיע און דער ווילענסמענש „בראנד" ווערט א מארטירער.

עס איז קלאָר, אז אונזער דיכטער קוקט פעסימיסטיש אויפ׳ן היינטיגען לעבען. ער איז ניט א פילאָסאָפישער פעסימיסט, ד. ה. אזא איינער, וואָס קלאָגט זיך אויף די צרות און אומגליקען, וואָס

לויערען אויף יעדען מענשליכען לעבען און איז איבערצייגט, אז יעדעס זיין איז פערבונדען מיט ליידען; איבסען'ס פעסימיזם איז א מאָראַלישער. אין איהם הערט זיך פעראַכטונג און מאָראַלישע עמפערונג. ער קלאָגט זיך ניט, ער בעשולדיגט. ער איז ניט צור־קראָכען, ער איז שטרענג. איבסען איז א קעמפפער און דערי־בער איינזייטיג: אין דער געזעלשאַפט פון זיין צייט וואַרפט זיך איהם אין די אויגען גראַד דאָס שלעכטע, דאָס פערברעכערישע. זיין פעסימיסטישקייט פערביטערט איהם: זיין אויג איז געווענדט מיט טרויער צום אידעאַלען, ווייל ער זעהט, ווי פאַטאַל דער אונ־טערגאַנג פון אַלעם אידעאַלען איז און ווי אונפרוכטבאר — אַלע העכערע שטרעבונגען. די העלדען פון איבסען'ס „בראַנד" און „די קאָמעדיע פון דער ליעבע" זיינען רעוואָלוציאָנער, אָבער פאַרוואָס האָבען זיי קיין ערפאָלג ניט? איינע זאָגען, אז דאָס איז דערפאַר, וואָס די געזעלשאַפט איז צו טיף געפאַלען, אז מען זאָל זי נאָך קענען אויפהויבען פון זומפ; אַן אַנדער ענטפער איז, אז יעדעס אמת'ע לעבען בליהט אַרויס פון אומגערעכטיגקייט און פערברעכען; נאָך זאָגען אַנדערע, אז שענהייט און אמת זיינען בעשטימט צו בעלייב־טען אַלעם מיט א פּלוצלינגיגען ליכט, און פערשווינדען, ווי הימ־לישע מעטעאָרען, וואָס ווערען אויסגעלאָשען, ווי נור זיי דערנעהענ־טערען זיך צו דער ערד, און נאָך אַן ערקלערונג איז דאָ, אז איבסען האָט א נייגונג צו זעהן דאָס לעבען אין דונקעלע, שווערע פאַרבען. די לעצטע ערקלערונג מוז זיין די ריכטיגע: איבסען מאָלט דאָס לעבען אַזוי און ניט אַנדערש טאַקי דערפאַר, וואָס אין די טיפעני־שען פון זיין נשמה איז בעהאַלטען עפּעס, וואָס צווינגט איהם פאַר־צושטעלען זיך דאָס לעבען אַלס עפּעס גרויזאַמעס און בעזעס; אין זיינע אויגען מוז זיין עפּעס, וואָס צווינגט איהם צו זעהן די וועלט געמאָלט אין שוואַרצען; אין דער טיפעניש פון זיין וועזען איז עפּעס נערוועזעס, מעלאַנכאָלישעס, קאַמפּפּפעהיגעס, קריגערישעס, וואָס שפּיגעלט זיך אָב אין זיינע ווערק און גיט צו א דונקלען קאָ־לאָריט אפילו זיין ליעבע צו ליכט.

עס איז ניט שווער צו זעהן, צי איז די דאָזיגע היפּאָטעזע טאַקי

א ריכטיגע. דער, וואס וויל דערגעהן עפעס א געהיימניס, דארף בעאָבאכטען דעם מענשען, מיט וועלכען ער האָט זיך פעראינטערעסירט, שטילערהייט, אונבעמערקט, ווען ער גיט ארויס אונבעוואוסטזיניג זיך און דאס, וואס איז בעהאלטען אין איהם. ווילט איהר אויספאָרשען א פערברעכער, איז דאס בעסטע אויפוועקען איהם פון שלאף און אויספרעגען. אזוי איז אויך מיט דער פאָעטישער אינדיווידואליטעט: ווען זי כאפט זיך אויף, נעמט זי זיך ניט־ווילענדיג צו אזא סוזשעט, פאָרם און פערזענליכקייט, וואס גיט איהר א מעגליכקייט לייכטער פון אלץ זיך אויסדריקען און אויסזאָגען. דאס ערשטע ווערק, וואס איבסען האָט אָנגעשריבען, נאך זיצענדיג אויף דער שוהלבאנק און שטודירענדיג דעם קלאסיקער סאלוסטי, איז געוועזן א דראמא פון רוימישען לעבען, אין דער דאָזיגער דראמא האָט איבסען, ווי שילער אין זיינע רויבער, געגעבען אויסדרוק דער גאנצער ליידענשאפטליכקייט, וואס זיצט אין א יונגען, אונערפאהרענעם צוואנציג־יעהריגען הארץ, א הארץ פול מיט טרויער, שמערץ, יאוש, עראָטיק, עהרגייץ און אמביציאָן. ווער, מיינט איהר, איז דער העלד פון דעם דאָזיגען קינדישען און אונרייפען ווערק? ק א ט י ל י נ א , דער enfant perdu פון דער רוימישער געזעלשאפט, וועלכען איבסען מאָלט ווי א העלד, ווי א קאָלאָסאלען און מעכטיגען גייסט, וואס האָט, אמת, ניט אויסגעהאלטען דעם נסיון, אָבער איז בעשטימט צו עפעס גרויסען, און רייסט זיך אלץ אין דער הויך פון דער נידער איהם ארומרינגלענדיגער פערדאָרבענער און באנאלער סביבה און פון דער שטיקענדיגער אטמאָספער פון דער פאטאלער דעקאדאנס־צייט. דאס איז א דעספעראדאָ, ווי פאלק און בראנד, וואס הויבט אויף, א פלאמיג בעגייסטערטער פון דער גרויסקייט פון די אמאָליגע צייטען, די פאָהן פון אויפשטאנד און געהט אונטער אָן אָפּפער פון פעראט און אייגענעם פערברעכען, וועלכען ער קויפט אוים מיט'ן טויט. שוין אין דעם דאָזיגען ערשטען ווערק פון'ם יונגען דיכטער פיהלט זיך יענער פעסימיזם, קריגערישער גייסט, פייעריגער פאטאָס, דאס קלא־

פען מיט'ן קאָפּ אַן דער וואַנד, וואָס פערוואונדערט אונז צום שטוי־נען אין דער ווייטערדיגער ארבייט פון'ם דיכטער.

די פאָרשטעלונג, וואָס דענעמארק האָט ביסלעכווייז בעקומען וועגען איבסען'ען, איז זיכער איינזייטיג, אָבער אויך ריכטיג אין דערזעלבער צייט; זי גיט איבער דאָס וויכטיגסטע אין איבסען'ען. בעקענען מיר זיך נאָהענטער מיט איבסען'ם לעבען, זעהען מיר, אז דאָס, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, האָט געדאַרפט צוגעבען זיין פּאָעטישער ארבייט דעם כאַראַקטער, וועלכען זי האָט.

הענריק איבסען איז געבאָרען געוואָרען דעם צוואַנציגסטען מערץ 1828 אין סקיען, נאָרוועגיען. זייענדיג זעבצעהן יאָהר אַלט, איז ער אריינגעטראָטען אין אַן אַפּטייק און גענומען זיך גרייטען צום אוניווערסיטעט, לעבען איז איהם אויסגעקומען אין זעהר אונ־גינסטיגע בעדינגונגען. ווען ער האָט אויסגעהאַלטען דעם עקזאַמען, איז ער שוין אַלט געווען צוויי־און־צוואַנציג יאָהר, אָבער דאַמאַלס האָט ער שוין ניט געהאַט „ניט קיין חשק, ניט קיין מעגליכקייט“ צו נעמען זיך צו עפּעס אַ ספּעציאַליטעט. עקאָנאָמיש האָט זיך איהם געלעבט זעהר שלעכט: אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך ניט גע־קענט פערגינען מיטאָגען יעדען טאָג. שווער געלעבט האָט זיך איב־סען'ען אין דער יוגענד, ער האָט ניט געזעהן קיין גוטס און פרעה־ליכס און דאָס גאַנצע לעבען זיינס איז אין די בעסטע יוגענדיאָהרען פערגאַנגען אין שטענדיגען, אונערמידליכען קאַמפּף. עס איז נאַ־טירליך דעריבער, אַז ער איז שפּעטער אריבערגעשפּרונגען פון שווערען און אָנגעשטרענגטען צום ליידענשאַפטליכען, אונקאָנווענ־ציאָנעלען, ניט־איינגעצאַמטען.

אין'ם יאָהר 1850 איז ערשינען די דראַמאַ: „קאַטילינאַ“. אין'ם יאָהר 1851 האָט איבסען אָנגעהויבען ארויסגעבען אַ וואָ־כענשריפט, אין וועלכער ער אַליין האָט געשריבען לירישע און סאַ־טירישע זאַכען. אין דעמזעלבען יאָהר איז ער געוואָרען אַן אינ־סטרוקטאָר אין אַ טעאַטער, וועלכער איז נור וואָס געעפענט געוואָ־רען אין בערגען, און אין 1852 האָט ער זיך געלאָזט קיין אויסלאַנד צו בעקענען זיך מיט'ן טעאַטער: געווען איז ער ניט לאַנג אין דע־

נעמארק און דייטשלאנד. אין 1857 איז ער בעשטימט געוואָרען פאר'ן דירעקטאָר פון דעם נאָרוועגישען טעאטער אין כריסטיאניע, און מיט א יאָהר שפעטער האָט ער געהייראט זיין איצטיגע פרוי, די שטיף־טאָכטער פון דער שריינבערין טאָרעזען. ווען זיין טעאטער האָט אין 1862 באנקראָטירט, איז איבסען אוועקגעפאָהרען פון נאָרוועגיען און פערווײלט זייט דאמאלס מייסטענטיילס אין רוים. נאָך איידער ער איז אוועקגעפאָהרען האָט ער ארויסגעגעבען איי־ניגע דראמען און געשריבען פערשידענע לירישע זאכען. אין נאָר־וועגיען, זייענדיג א טעאטער־דירעקטאָר, האָט ער געהאַט אויסצו־שטעהן פיעל פון דער פרעסע, וועלכע האָט איהם שטענדיג אטאַ־קירט און בכלל קען מען זאָגען, אז ער האָט געלעבט אין שטענדיגער מלחמה מיט זיינע נאָרוועגער. אין נאָרוועגיען האָט איבסען שטענ־דיג געליטען נויט; מען דערצעהלט, אז אין רוים האָט איהם אויס־געפעהלט דאָס נויטיגסטע צום לעבען גראָד אין יענער צייט, ווען „בראנד" איז ערשינען אין קאָפּענהאגען.

דאָס דאָזיגע בוך איז א גאנצע רעוואָלוציאָן אין'ם שיקזאל פון איהר אוטאָר. ווי אלעמען איז בעקאנט, ווערט אין דעם דאָ־זיגען ווערק אָדער פון איהר העלד, —ווייל די אידעע פון'ם ווערק איז ניט איינגאנצען קלאָר, — געפּרעדיגט דער געדאנק, אז א מענש דארף אוועקווארפען אָן א זייט אלע קליינליכע, טאָג־טעגליכע זאָר־גען און אינטערעסען און ווידמען זיך נור זיין גרויסער ארבייט. דאָס נאָרוועגישע פאָלק האָט מיט א שארפזין, וועלכען ווייניגע האָ־בען געאהנט אין איהם, בעוויזען דער וועלט, אז דאָס פאטערלאנד האלט פאר א כבוד פאר זיך, וואָס עס האָט צווישען איהרע זיהן א מענשען, וועלכער פּרעדיגט היינטיגע צייטען אזעלכע וואָהרהייטען: נאָרוועגיען האָט אויסגעדריקט איהר ווילען, אז אזא מענש זאָל בע־פרייט ווערען פון די טעגליכע דאגות און האָבען א מעגליכקייט צו ערפילען זיין מיסיאָן. דער נאָרוועגישער פּארלאמענט האָט בע־שטימט איבסען'ען א פענסיע, און האָט אויף אזא אופן, צום גליק, גאראנטירט דעם דיכטער אויפ'ן גאנצען לעבען א בעשיידענע הכנסה.

I

ווען מיר געהען צו צו אַ היינטיגען דיכטער, פרעגען מיר פריהער פון אַלעמען, וואָס האָט ער געבראַכט מיט זיך אויף דער וועלט, וואָס האָט ער ענטדעקט. מיר זיינען איהם גרייט מוחל צו זיין פערשידענע פעהלערען, אַבי ער זאָל זאָגען עפּעס נייעס, אָבער בעצויבערט ווערען מיר ווערען פון איהם, נור ווען ער וועט ווירקליך אויפטהון עפּעס נייעס, זאָגען אַן אָריגינעל וואָרט. דערמיט ערקלערט זיך דער אינטערעס, וועלכען מיר אין דענעמאַרק האָבען צו דער נייערער נאָרוועגישער ליטעראַטור. אָהן צווייפעל שטעהט די נאָרוועגישע דיכטונג שטאַרק אָב פון דער דענישער קלאַסישער דיכטונג: זי האָט ניט די האַרמאָנישקייט פון פאַרב, די פיינהייט פון סטיל, די שעהנע רוהיגקייט, מיט וועלכער עס צייכענען זיך אויס די ווערק פון אַ קולטור־דיכטער. ס'איז אַ אַבגרונד צווישען דעם קלאַסישען סטיל, וועלכען עס האָבען די בעסטע ווערק פון הייבערג און פּאַלודאַן־מיולער אָדער די נאָוועלען פון פרוי היולעמבורג — אַלץ דענישע דיכטער! — און דעם מאַנערירטקייט פון ביערנסאָן'ס ערשטע דראַמען אָדער די שווערע, געקינצעלטע פאָרמען פון דער נאָרוועגערין טאָרעזען. און דאָך געפעלען אונז אַלעמען מעהר ביערנסאָן'ס זאַכען, ווי די ווערק פון דער פריהערדיגער גענעראַציאָן, וועלכע האָט געצויגען ווייטער אונזער דענישע טראַדיציאָן. דענעמאַרק איז טאַקי געווען די פערמיטלערין צווישען נאָרוועגיען און אייראָפּאַ, די נאָרוועגיש־דענישע עלטערע ליטעראַטור האָט קינסטלעריש געפורעמט די היינטיגע נאָרוועגישע דיכטונג — און דאָך פרעהען מיר זיך, וואָס די נאָרוועגישע היינטיגע ליטעראַטור בעפרייט זיך פון אונזער דענישען איינפלוס און הויבט אָן צו ווערען זעלבסטשטענדיג. כדי דאָס זאָל מעגליך ווערען, האָט געדאַרפט געשעהן אַזעלכעס: דער קולטורשטראָם האָט זיך געמוזט אויפהויבען אַזוי הויך אין'ם נאָרדען אַז פון דענעמאַרק זאָל זי זיך קענען צוגיסען איבער נאָרוועגיען, בעפרוכטענדיג איהר; און נאָך איז נויטיג געווען, אַז דער דאָזיגער שטראָם זאָל פערלאָזען די דע־

נישע ברעגען, ווערען זעלבסטשטענדיג, צוריקלויפען אהיים, איבער־לאזען זיין פרוכטברייננגענדיגען שלאם. די פאעטישע וועגעטאציאן, וואס איז אויסגעוואקסען אויף דעם באדען, האט געפונען איהר שעהנסטען און פולשטענדיגסטען אויסדרוק אין ווערגעלאנד'ס לי־ריק און אין ביערנסאן'ס פויערישע נאוועלען, אבער די גרעסטע בעדייטונג פאר אונז האט די ערנסטע היסטארישע דראמא.

אבער וואס האט אונז איבסען געזאגט אזוינס נייעס? מיר אין דענמארק קענען איהם, אלס קאמפפסנאטור. ווען ער זאל זיין נור דאס און ניט מעהר, וואלט מען פון איהם, אלס דיכטער, ניט געקענט ערווארטען עפעס גרויסעס; א גייסט, וואס צושטערט אלעס אויף זיין וועג, איז ניט דיכטעריש. אודאי קען אין יעדער פער־זיינונג זיין בעהאלטען עפעס פאזיטיוועס, אבער ביי איבסען'ען איז דאס ניט אזוי, ווי דאס איז לייכט צו זעהן פון זיינע דראמען.

אויב מיר ווילען לעזען איבסען'ס דראמען איינע נאך דער אנדערער, ערווארטענדיג עפעס גרויסעס, ווילען מיר, זעהר מעג־ליך, ווערען אביסעל ענטטוישט; איהר קענט זיי לעזען און לעזען און דאך ניט פערצוויבערט ווערען פון עפעס א נייער אידעע, עפעס א נייער פאעטישער וועלטאנשויאונג, ווייל, אין אמת'ען, האט איב־סען ביז איצט אנגעשריבען איינאיינציגע אריגינעלע און (ניט קו־קענדיג אויף איינצעלנע פעהלערען) א אינגאנצען איינגעגעבענע דראמא, אבער דערפאר האט די דאזיגע דראמא אזא גרויסע בעדיי־טונג, אז זי אליין גיט איהם א רעכט צו בעטראכט ווערען פאר א גרויסען נארדישען דיכטער.

הענריק איבסען איז ניט איינער פון די גליקליכע דיכטער. א גליקליכער דיכטער איז יענער, וועלכער ענטדעקט אין זיך גאנץ פריה, אויב ניט מיט אמאל, אן אריגינעלען אינהאלט און אויך די פיינע, קלארע פארם, וואס זאל אויסדריקען דעם דאזיגען איג־האלט. אזא דיכטער קען מיט דער צייט אנשרייבען בעדייטענדע ווערק, ווי אמאל, ער קען שפעטער בייטען זיינע קינסטלערישע פארמען, אבער דאך ווילען אלע זיינע ווערק, סיי די בעדייטענדע־רע, סיי די ווייניגער בעדייטענדע, זיין קונסטווערק, יעדעס אין זיין

אַרט, און וועלען זיך אויסצייכנען אַלע מיט שעהנהייט און דער פּאַ־עטישער אינדיווידואַליטעט פון׳ם אויטאָר. אַנדערש איז דאָס גע־גאַנגען איבסען׳ען מיט זיינע דראַמען און ליריק. שריט ביי שריט, לאַנגזאַם איז געגאַנגען דער דיכטער, ביז ער האָט געטהון אַ שפּרונג און מיט דעם שפּרונג פּערטראָגען געוואָרען אויף יענער זייט גרענעץ, וואו עס ליגט דאָס געבענשטע לאַנד. עס האָט זיך לאַנג געדוכט, אַז ער וועט ניט קענען געבען דעם ריכטיגען שפּרונג. זיין גענִיאַלע נאַטור האָט זיך ניט געקענט בערוהיגען; ווי אַ קראַנק, פּיבעריש קינד וואַרפט ער זיך פון זייט צו זייט אַרום, אָט גיט ער זיך אָב זיינע וויזיאָנען און אידעען און אָט פּערצווייפעלט ער אין זיי און אין זיין פּערצווייפלונג הויבט ער אָן צו זוכען דאָס, וואָס איהם פעהלט, אויסער זיך: ער כאַפּט זיך אָן אָן די שעהנע, פיינע דראַ־מען פעריען, הילט זיך איין אין זיי, אַזוי אַז ער ווערט ניט צו דערקענען, זוכט אַ סטיל, וואָס זאָל זיין גוט פאַר איהם, נאָך מעהר זוכט ער אַ שפּראַך אָן אייגענע, אַ שפּראַך פאַר זיך, וואַרפט אַוועק דאָס, וואָס ער האָט שוין געפונען, פּערשטעהט, ענדליך, אַז נעמען ביי אַנ־דערע הייסט פּערלירען זיך, און אַזוי, קעמפּפענדיג און איבערוועג־דענדיג, געפינט ער סוף כל סוף זיך.

איבסען האָט געפונען זיך, ווען ער האָט, האָבענדיג פּערענ־דיגט זיינע ערשטע צוויי אַרבייטען, — „קאַטילינאַ“ אין דענישע פינפזילביגע יאַמבען און „דאָס פעסט אין סאָלהאוג“, וואָס איז גע־שריבען אין׳ם ריטם פון די העלדענזאַגען, — אָנגעשריבען אין׳ם יאָהר 1857 פאַר׳ן כריסטיאַניאַ׳ער טעאַטער, „פרוי אינגער פון עס־טראָט“, אַ היסטאָרישע טראַגעדיע, און אין׳ם קומענדיגען יאָהר — „די פּעלדהעררען אין העלגאָלאַנד“, וואָס איז אַ דראַמאַטישע בע־אַרבייטונג פון דער אַלטער זאַגע וועגען דעם וואָלסונגער געשלעכט; די ביידע דראַמען זיינען זעהר אינטערעסאַנט, בעזונדערס די ערש־טע, אָבער זיי זיינען ניט אַזוי שטאַרק אָריגינעל, ווי די שפּעטערדיגע דראַמען איבסען׳ס. אָריגינעל איז נור דער סטיל, די פאָרם, וואָס ווערען ביי איבסען׳ען וואָס ווייטער אַלץ מעכטיגער און שטאַרקער, — אָבער די אידעען זיינען בעקאַנטע; מיר האָבען דעם איינדרוק,

אז מיר האָבען עפּעס עהנליכעס געהאַט פון'ם דיכטער, אויב ניט פון אנדערע. איבסען האָט אַ גרויסע פעהיגקייט צו וואַריאירען זיינע מאָטיווען; ער געהט אַלץ מעהר אין דער טיף, אָבער ניט אין דער ברייט. ער האָט ניט אַזאַ ברייטקייט, ווי טיף, אָבער דאָס שטערט איהם ניט צו זיין אַן עראָבערער. אַפילו אין דער שפּעטערער אר־בייט „די פעלדהערערן פון העלגאַלאַנד" האָט ער בע'גזל'ט די אַמאָ־ליגע פאָלקסדיכטונג. כדי צו קאָנצענטרירען אין דער דראַמאַ וואָס מעהר כאַראַקטעריסטישע און פּיקאַנטע שטריכען פון די אַמאָליגע צייטען, האָט איבסען גענומען מיט אַ ברייטער האַנד עפּעקטפולעס פון פערשיעדענע פאָלקסלידער און זאַגען; ווי גאָלדשמידט האָט עס זעהר גוט אויסגעדריקט, האָט ער בעל־הבית'עוועט אין די אַלטע זאַגען, ווי אַן אמת'ער גזלן. און איבסען האָט נאָך אַזאַ געוואוינ־הייט! נעמט ער ניט פרעמדס, נעמט ער אייגענס. דאָס קען מען זעהן אַן די פּערזאָנען, וואָס טרעטען אויף אין זיינע דראַמען. איבסען איז עהנליך צו יענע מאָלער, וואָס האָבען שטענדיג דיזעל־בע מאָדעל; זיצענדיג שטעלט זי פאָר ברוט'ן, שטעהענדיג — כריסטיאַן IV; אין אַ כיטאָן איז דאָס אַביל, אַ נאַקעטע — שמשון הגבור. אַ דיכטער מוז אָבער שטענדיג האָבען זיין אייגענע מאָ־דעל.

אין דער דראַמאַ „פרוי אינגער פון עסטראָט" פיגורירט אַ טיפּ, וועלכען איבסען האָט אַזוי אָפט געמאָלט. דאָס איז אַ טיפּ פון אַ מזיק, אַ טייפעל, פערשטעהענדיג דאָס וואָרט אין גוטען און שלעכ־טען זין. די הויפּטראָל אין „פרוי אינגער" שפּילט דער דענישער ריטער נילס לוקע; לוקע איז מזל, גליק — שוין דער פאַמיליען־נאָמען בעווייזט, ווער דער ריטער איז: דאָס איז אַ מזל'דיגער מענש, אַ גליקליכער, אַ האַלב־מיטעלאַלטערליכער דאָן־זשואַן, וואָס בעצויבערט יעדען איינעם, ווי קאַטילינאַ, האָט גרויסע פעהיגקיי־טען און נאָך גרעסערע אַמביציאָנען. אין דער דראַמאַ ווידערהאַלט זיך דער גרונדמאָטיוו פון „קאַטילינאַ'ן": דער ריטער, אַ שכור, אַן אויסגעלאַסענער מענש, טהוט תשובה צו שפּעט, ער ווערט בע־שטראָפט מיט ליעבע צו אַ מיידעל, וועלכע האָט צו איהם פער־

אכטונג, פיינדשאַפט און עקעל, ווייל ער, דער פערפיהרער, האָט גע־שענדעט דער שוועסטער איהרערס עהרע און ארייננעיאָגט זי אין קבר אריין.

איבסען האָט ליעב אין זיינע דראמען פּאַרצושטעלען ניט נור דיזעלבע טיפּען, נור אויך דיזעלבע סיטואַציאָנען. געוועהנליך שטעלט ער אנידער א מעכטיגע, גאנצע, רייך־בעגאַבטע מענערגעשטאַלט צווישען צוויי פרויען פון גאַנץ ענטגעגענגעזעצטען כאַראַקטער: איי־נע איז בעז, סטיכיש, אָהן א צוים, די אַנדערע — זאַנפט, שטיל, איינע — מענעריש, א וואַלקיריע אָדער פוריא, די אַנדערע — צאַרט, ווייביש־ווייך, פער׳חלומ׳ט. קאַטילינא האָט ליעב די בעזע פוריא און די זאַנפטע אורעליא, זיין ווייב און גוטען מלאך. א עהנליכע סיטואַציאָן ווידערהאָלט זיך אין׳ם „פעסט אין סאָלהאוג“. אין דער דראמא „די פעלדהערען אויף העלגאָלאַנד“ ווערט דער סיגורד פון דער זאַגע צוגעצויגען פון איין זייט פון ברונהילדע, פון דער אַנדערער — פון הודרון, אָדער, ווי זיי הייסען אין דער דראַ־מא, פון יאָרדיס און דאַגני. שפּעטער וועט איבסען׳ס בראַנד זיין פערצויבערט פון דער טיטאַנישער הערדא, זיין בעזען גייסט און ניט קענען זיך אָבריסען אויך פון זיין פרוי אַגנעס. ס׳אַרא וואונדערבאַר פּאָעטישע געשטאַלט אַגנעס איז!

אויף דעמזעלבען אופן שטעלט איבסען געוועהנליך אַנטקעגען זיין העלד א שוואַכערע מענער־געשטאַלט, וועלכע ער מאַלט נאָך קאַ־ריקאַטורענהאַפט אין׳ם „פעסט אין סאָלהאוג“ אלס בענגט׳ן, אָבער נעמט זי אַלץ ווייטער אַלץ ערנסטער: די דאָזיגע פיגור פער־קערפּערט ביי איבסען׳ען אַלעס עהרליכע, פּראָזאַאישע, געוועהנליכע, רעספּעקטאַבלע און איז ענדליך מנצח דעם האַלבגאָט אָדער די העל־דישע נאַטור. אַזא געזעץ איז שוין, אַז די געזונדערע, נידריגערע נאַטור מוז בעזיגען דעם גענ יאַלען מענשען. בעטאַ וועט קיינמאָל ניט ווערען אַלף, אָבער ער האָט מעהר ערפאָלג פון׳ם העכערען מענ־שען — אַלף. אין „די פעלדהערערען אויף העלגאָלאַנד“ איז דער מוטיגער, עהרליכער, בעל־הבית׳שער גונאר מנצח דעם מערבענ־האַפטען סיגורד, וועלכער איז ניט אריינגעריטען אין פייער, ווי עס

שטעהט אין דער זאגע, אָבער פיהרט דערפאר א קאמפף מיט'ן בער; שפּעטער וועט הולדסטאד, דער ניכטערער, פערשטענדיגער סוחר און מאן פון „דער קאמעדיע פון ליעבע" מנצח זיין דעם אידעאליסט פאלק, וועלכען איבסען שטעלט פאַר רייטענדיג אויפ'ן פּעגאס.

עס איז אונמעגליך צו לייקענען, אז אונזער דיכטער דרעהט זיך אַרום אויף דעמזעלבען אָרט, אָבער א טעות האָט יענער, וואָס זעהט דאָס און נור דאָס, דען וואָס בעטייט דאָס, וואָס איבסען דרעהט זיך אַרום דיזעלבע גרונדגעדאנקען, געהט אויף דעמזעלבען וועג, איז אַזוי עקשנות'דיג אין זיין פערטיפען זיך אין דיזעלבע בעציהונגען? דאָס הייסט, אז דער דיכטער געהט אַלץ טיפער אין זיך אריין, לאָזט זיך אראב אַלץ ווייטער אין זיין אינערען איך און ווי איינער, וואָס זוכט אַן אוצר, פערלירט ער אַלץ מעהר יעדען אינטערעס צו אַלע אַנדערע רייכטימער, וואָס זיינען פערשפּרייט אויף דער וועלט, וויל אויף'ן אוצר האָט ער זיך פערקוקט. און דערנעהענטערט זיך דען איבסען ניט אַלץ מעהר צו זיין ציל? ווי אונאויפמערקזאם איהר זאָלט ניט לעזען איבסען'ס ווערק, וועט איהר בעמערקען, אז יעדעס נייע ווערק איז א טריט פאָרווערטס אויף'ן וועג פון זיין ענטוויקלונג, א טריט אין דער ברייט, אויב ניט אין דער טיף אריין.

עס איז ניט שווער צו טרעפען, וואָס פאַר א אינטערעס די דאָזיגע סוזשעטען האָבען פאַר איהם. עס איז קלאָר, מיט וואָס זיי ציהען איהם צו זיך צו. א נשמה האָט געפונען א נאָהענטע נשמה. גרויסקייט, מאכט, גראַנדיעזע ליידענשאַפטען, א מעכטיגער ווילען, וואָס שעפט נייע קרעפטען און ליידענשאַפט — דאָס זיינען די אידעאַלען פון אונזער דיכטער, ווי פון אַנדערע נאָרוועגישע דיכטער, וואָס זיינען שפּעטער פון איהם ארויסגעטראָטען אין דער עפענטליכקייט; דער אונטערשיד איז נור דער, וואס זיי שרייבען אידילען און ער — פּאַמפפלעטען. אין געגענזאַץ צו די נאָרוועגער, וואָס בעשרייבען דאָס פויערישע לעבען, האָט איבסען קיינמאָל ניט געפּרואווט מאָלען דאָס היינטיגע לעבען, אידעאַליזירענדיג עס; דאָס זמאָליגע איז געוועזען גרויס, אַלעס היינטיגע איז קאריקאַטור. ווי־

לענסקראַפט — דאָס איז וויכטיגער פון אַלץ, זאָגט איבסען; אַרום דעם קרעפטיגען ווילען בעוועגען זיך שטענדיג זיינע געדאַנקען אין „בראַנד“, אַזוי ווי פּאַלודאַן־מיולער׳ס אַרום דעם ריינעם ווילען.

איבסען האָט אַ נייגונג צום טראַגישען, עפּעס מעלאַנכאָלישעס איז אין איהם און לאָזט איהם ניט צו רוה; דעריבער האָט ער ליעב צו בעשרייבען שווערע, אָנגעשטרענגטע בעציהונגען און שרעקליכע סיטואַציאָנען, וואָס ברענגען אום מענשען אָהן נוצען פאַר זיך און אַנדערע. אַ ביישפּיעל: פרוי אינגער איז אַ זעלטענע פרוי, די אויגען פון גאַנצען פאָלק זיינען געווענדעט צו איהר, זי איז ווי בע־שטימט פון׳ם שיקזאַל צו בעפרייען דאָס פאָלק פון׳ם פרעמדען יאָך. פון דער יוגענד אָן האָט זי געשוואָרען טרייהייט דער היי־ליגער זאַך, זי איז קלוג, זי איז מוטיג, זי האָט עהרגעפיהל — אַלעס צווינגט איהר טהון, פיהרען, זיגען, אָבער זי ריהרט זיך ניט פון׳ם אָרט, זי האָט מורא אויפצוהויבען אַ פינגער געגען די אונטערדריי־קער, ווייל איהר זוהן, איהר אונגעזעצליך קינד, איז אַ גייזעל אין׳ם שונא׳ס האַנד. איהר גאַנץ לעבען שרעקט זי זיך איהם זאָל ניט גע־שעהן עפּעס בעז, און ענדליך בריינגט זי איהם אום מיט איהרע איינענע הענד, זייענדיג איבערצייגט, אַז זי האָט געטויט אַן אַנ־דערען. ווי יאַרדים אין די „פעלדהעררען אויף העלגאָלאַנד“, ברענגט פרוי אינגער דאָס גרעסטע אומגליק דעם מענשען, וועלכען זי האָט מעהר פון אַלעמען ליעב.

אויך אין די דאָזיגע אידילישערע ווערק, וואָס גליהען מיט מעכטיגען פּאַטאָס און גרויסע אידעען, טאַנצען פאַר אונזערע אויגען פונקען פון בעגייסטערונג און עס טראָגען זיך פאַר אונזערע אויגען די שמיץ פון דער שטראָפענדער בייטש, וועלכע איז געהאַנגען אי־בער די קאַמפּפס־שריפטען פון איבסען׳ען. אָבער ניט דאָ און ניט דאָרט איז איבסען דער שטילער, רוהיגער, געמיטליכער טייך, וואָס פליסט זיך אונמיטעלבאַר אַרוים פון די שאַצקאַמערען פון דער נאַ־טור.

II

אין׳ם יאָהר 1864 איז ערשינען איבסען׳ס א דראמאַ „די פּרעטענדענטען אויף׳ן טראָן“. דער סוזשעט פון דער דראמא איז אַן אַלטבעקאַנטער. ווער פון אונז האָט ניט געהערט פון׳ם מערכען וועגען אַלאַדין און גורעדין, דעם נאַאיווען מערכען פון „טויזענד און איין נאַכט“, א וואונדערבארע פּאָעמע פון אונזער גרויסען דיכטער עלענשלעגער. אין די „פּרעטענדענטען אויף׳ן טראָן“, שטעהען אַנטקעגען איינע דער אַנדערער צוויי נאַטורען, א העכערע און אַ נידריגערע, איינע — די גורעדין־נאַטור און די אַנדערע — אַן אַלאַדין־נאַטור. האָקאָן און סקולע זיינען ביידע פּרעטענדענטען אויף דעמזעלבען טראָן, פון יענעם שטאָפּ, פון וועלכען קעניגע ווערען בעשאַפען. האָקאָן איז די פּערקערפּערונג פון גליק, נצחון, רעכט און גלויבען אין זיך, סקולע — א מייסטערהאַפט געמאָלטע, אויפריכטיגע און אָריגינעלע הויפּטפיגור — איז א פער׳חלום׳טער מענש, וואָס פיהרט שטענדיג מלחמה מיט זיך אַליין, האָט ניט קיין פערטרויען צו זיך, איז מוטיג און עהרגייציג; ער האָט אפשר אַלע אייגענשאַפטען פון א קעניג, אָבער עס פעהלט איהם עפּעס, וואָס לאָזט זיך ניט אויסדריקען, אָנכאַפּען פאר דער האַנד, פאָרמולירען; אָהן דעם אונבעשטימטען עפּעס האָט אַלעס איבריגע קיין ווערט ניט. „איך בין די האַנד פון א קעניג, — זאָגט ער, — אפשר א קעניגליכער קאָפּ, אָבער האָקאָן איז א גאַנצער קעניג.“ איך האָט די נאַטור בעשאָנקען מיט גייסט, — ענטפערט איהם האָקאָן, — אָבער איהר זייט בעשטימט צו שטעהן נאָהענטער פון אַלע צום קעניג, אָבער ניט צו זיין קעניג אַליין.

וועגען האָקאָן׳ען קומט אויס צו זאָגען דאָס ענטגעגענגעזעצטע. ער איז ניט קליגער פון בישאָף ניקאָלאָס, ניט מוטיגער פון סקולע׳ן, אָבער ער איז דער גרעסטער מענש, א פעלדהערר וואָלט געזאָגט „דער מוטיגסטער“, א גייסטליכער — „דער גלויבינגסטער“, אָבער דאָס איז פאַלש, ערקלערט בישאָף ניקאָלאָס: „דער גרעסטער מענש איז דער גליקליכסטער. דאָס איז דער מענש, אין וועלכען עס

צינדען זיך אָן מיט אַ העלען פייער די פּאַדערונגען פון זיין צייט, אין וועלכען עס ווערען געבאָרען געדאַנקען, וואָס זיינען ניט אינגאַנ־צען פערשטענדליך פאַר איהם אַליין, אָבער וואָס בעצייכענען דעם וועג, וועלכער וועט איהם פיהרען ערגעץ וואו, דעם וועג, אויף וועל־כען ער דאַרף געהן אוּן געהן, ביז ער וועט ניט דערהערען די פריי־דיגע אויסגעשרייען פון דעם פאָלק, וועט ניט אומקוקען זיך מיט ברייט־צועפענטע אויגען און ניט בעמערקען, אַ פערוואונדערטער, אז ער האָט געטהון עפּעס העלדישעס".

אזא גליקליכער איז האַקאָן. איהם גיט זיך אַלץ איין. „צי געהט ניט אַלעס גוט, וואָס האָט צו טהון מיט איהם? אפילו די פויערען האָבען דאָס בעמערקט: זיי זאָגען, אז די בוימער גיבען דאָפּעלטע פרוכט, און די פויגלען טראָגען דאָפּעלט אייער, זייט האַ־קאָן איז קעניג געוואָרען. די דערפער אין ווערמערלאַנד, וועלכע ער האָט פערוויסטעט און אונטערגעצונדען, זיינען ווידער ישוב געוואָ־רען, און די פעלדער זיינען פערזעהט מיט שווערע זאַנגען, וועל־כע בויגען זיך פון יעדען ציטער פון ווינד. מען קען מיינען, אז בלוט און אַש בעפרוכטען יענע געגענדען, איבער וועלכע האַקאָן איז דורכגעגאַנגען מיט זיין אַרמעע. די הימלישע קרעפטען פערניכטען יעדען היזק, וואָס האַקאָן און זיין אַרמעע טהוען אָן. האַקאָן'ען האָט זיך געלוינט, אז איינגע זאָל אין דער פריהעסטער יוגענד אומ־קומען, איז איינגע אומגעקומען; ער האָט נעדאַרפט האָבען בעשיי־צער און הימער, האָבען זיינע זעלנער איהם געהיט און בעשיצט; ער האָט געמוזט אויסשטעהן דעם נסיון מיט'ן אייזען, איז זיין מו־טער געקומען און אנשטאַט איהם דאָס גליהענדע אייזען געטראָגען".

אן אמת'ער אַלאַדין! אייגענטליך האָט ער אין זיך עפּעס גרע־סערעס, עפּעס אַנדערש, ווי אַלאַדין; אַ האַלב יאָהרהונדערט טיילט איהם אָב פון אַלאַדין. ער איז מעהר, ווי אַ גליקליכער, ווי אַ פאַ־וואָריט פון'ם גליק, וואָס יעדער פערלאַנג זיינער ווערט ערפילט און יעדער בעפעהל אויסגעפיהרט. ער האָט עפּעס אַנדערש, ווי גליק, עפּעס שטאַרקערעס און העכערעס פון גליק, וואָס דערהויבט איהם איבער'ן מזל'דיגען אַלאַדין'ען. ער האָט ר ע כ ט, אַלאַדין האָט

גאָרניט צו טהון מיט רעכט; אויב ער איז גערעכט, איז דאָס נור דערפאַר, וואָס ער קען ניט זיין אומגערעכט. דער נאַאיווער אַלאַ־דין ווייסט ניט פון אַזא ראַציאָנאַליסטישען, געקינצעלטען בעגריף, ווי רעכט, וואָס איז שוין אַ רעזולטאַט פון ציוויליזאַציאָן און לע־בענס־צוזאַמענשטויסען. רעכט איז דער אויסערער אויסדרוק פון גוטען, אָבער ניט דאָס גוטע; רעכט איז עפּעס דרויסענדיגעס, אַרויפגעצוואונגענעס, און ניט אינערליכקייט. די מאָראַלע אידעע איז צו שטרענג און מאָנומענטאַל, מען זאָל זי קענען אַריינפלעכטען אין אַ פּאָעמע וועגען אַלאַדין׳ען, זי וואָלט צושטערט די האַרמאָניע פון׳ם מערכען, ווי אַ שווערער שטיין מוז צורייסען דאָס צאַרטע פּאָדים־געוועב. הייבערג האָט דאָס אויסגעדריקט נאָך פריהער: „די מאָראַלע אידעע איז צו שווער פאַר׳ן פאַנטאַסטישען מענשענמאַ־טעריאַל, וועלכער ווייס נאָך ניט דעם אונטערשיעד צווישען גוטען און בעזען״. אָבער אין „די פּרעטענדענטען אויף׳ן טראָן״ שטעהען מיר אויף׳ן היסטאָרישען באָדען, מיר פיהלען די ערד פון ווירקליכ־קייט אונטער די פיס. די ליעבע צום היסטאָרישען האָט היינטיגע צייטען פערנומען דעם אָרט פון דער נייגונג צום סימוואָליש־אי־דעעלען, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער נאָהענטסטער פער־גאַנגענהייט; פריהער האָט מען פערגעטערט שענהייט, איצט — דאָס שטרענג־מאָראַלישע (אָפט דאָס איינזייטיג־טוגענדהאַפטע); פאַנטאַסטישע געשטאַלטען בעגייסטערען שוין איצט נישט. בע־גייסטערט ווערט מען פון אַקטיוויטעט, אַקטיווען לעבען. גליק איז די נאַטירליכע סטיכיע, רעכט — דער אויסדרוק פון אַ מאָראַלישען געבאָט.

„אויף האָקאָן׳ס זייט איז דאָס רעכט, בישאָף״, — זאָגט סקור־לע. — „אויף זיין זייט איז רעכט, וויל ער איז דער גליקליכער, — ענטפערט דער בישאָף. — דאָס גרעסטע גליק איז צו האָבען אויף זיין זייט דאָס רעכט. אָבער מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָט האָקאָן בעקומען דאָס דאָזיגע רעכט, און ניט איהר?״ ס׳אַרא געניאַלע אידעע! ס׳אַרא טיפּעגישען בעהאַלטען זיך אין דער זעעלע פון׳ם דיכטער, וועלכע קענען אויסדריקען אַזעלכע געדאַנקען! איין דרעה,

איין מינוט, אזא שנעל־פערגעהענדע, אז דאס אויג האט ניט גע־קענט כאפען זי, און די גאנצע מאראל ליגט א צוטראטענע אויף די קניה פון דער נאטור, דאס עטישע ווערט א מעטאפיזיש פראבלעם. „מיט וועלכען רעכט איז איהם געגעבען געווארען דאס רעכט?" אזוי פרעגענדיג, וויל מען אריינגנארען אין זאק דאס מאראלישע, אין זייט א שטעך טהון איהם, קוילען איהם שטילערהייט. דאס איז אונמעגליך. דאס מאראלישע ווערט נאך דאפעלט שטארקער, ווייל פרעגענדיג וועגען דעם רעכט אויף רעכט, געהען מיר ניט ארויס פון די גרענעצען פון רעכט. די דאזיגע רעפליק אליין בעווייזט, ווי ווייט מיר זיינען פערגאנגען פון עלענשלעגער'ס צייטען.

אבער מיט'ן ווארט רעכט ווערט בעצייכענט גאר עפעס אנ־דערש, וואס האקאן האט און אלאדין האט קיינמאל ניט געקענט האבען. מעגליך, אז האקאן האט גארניט קיינע פארמאלע רעכט אויף'ן טראן. „אבער, — רופט אויס סקולע, — ער אליין גלויבט אין זיין רעכט. דאס איז דאס גרעסטע גליק; דערין איז זיין קראפט". מיר פיהלען, אז איבסען האט ריכטיג אבגעשאצט דאס פערטרויען, וואס האקאן האט און זיין אונערשיטערליכע איבער־ציינונג, אז ער איז דער אמת'ער אויסדערוועהלטער. די גאנצע דראמא דרעהט זיך, ווי ארום איהר אקס, ארום די דאזיגע צוויי אידעען: דעם געזונדען גלויבען אין זיך, צו וועלכען עס שטרעבט די גאנצע היינטיגע גענעראציאן אין פיין און קאמפף, און דער אומ־גלויבען אין זיך, וואס פרעסט, ווי א ווארים, די גענעראציאן. א מייסטערהאפטען אנאליז פון די אנגסטען און פיינען פון אונגלויבען גיט אונז דער דיכטער אין סקולע'ס מאנאלאגען. קען מען דען פער־גלייכען נורעדין'ס צווייפלען מיט דעם דאזיגען קאמפף! נורעדין איז ניט קיין בעשטימטע פערזענליכקייט, עפעס א זעעלע, ניין, ער איז נור א סימוואל. אבער סקולע'ס קאמפף איז א קאמפף פון דער פערזענליכקייט מיט זיך אליין, ווען זי איז איינזאם, מיט זיך: זי איבערוויינדעט זיך, כדי צו דערגעהן צו א גלויבען ניט אין'ם איבערנאטירליכען, נור אין'ם נאטירליכען פערשטאנד.

איידער איבסען האט אנגעשריבען די דראמא „פרעטענדענטען

אויף׳ן טראָן", האָט איינער פון זיינע פריינד געמאכט אזא בע־מערקונג וועגען איבסען׳ען אין א ביאָגראַפישען עטיוד, וועלכער איז געווען בעשטימט פאר א נאָרוועגישער ציימונג: „ניט קוקענדיג אויף אלע זיינע טאלענטען, האָט ער א גרויסען פעהלער: איהם פעהלט דער אידעעלער גלויבען אין א שטארקע, טיפע איבערצייגונג". אויב דאָס איז ריכטיג, האָט איבסען אין סקולע׳ן געמאָלט זיין אינערע וועלט אָדער האָט יעדענפאלס גערעדט וועגען אן ער־שיינונג, וואָס איז איהם גאָר ניט פרעמד.

סקולע איז א מענש, וואָס שפּילט אין לעבען א צווייטע, אונ־בעדייטענדע ראָל; דער דאָזיגער גדאַנק רעגט איהם אויף, זיין אונענדליכער עהרגייץ טראָגט ניט איבער די פאָרשטעלונג, אז אי־בער איהם קען שטעהן א העכערער: האָקאָן מוז טיילען זיך מיט זיין מאכט מיט איהם. „איך בין א גייסטיג־קראַנקער, און קען אַנ־דערש ניט געהיילט ווערען. מיר ביידע דארפען זיין גלייכע; קיי־נער דארף ניט שטעהן העכער פון׳ם אנדערען". דאָס מוז ער דער־גרייכען. ער פאָדערט פון האָקאָן׳ען ער זאָל מיט איהם צוזאמען קיניגען אָדער אין א צווייקאמפּף מיט איהם זאָל ענטשידען ווערען, ווער דארף קעניג זיין. האָקאָן׳ס ענטפער צוברעכט זיין הארץ: ער איז זיכער אין זיך, ווייל ער פערקערפּערט אן אידעע, וואָס האָט א צוקונפט.

האָקאָן

ווען איך בין געוואָרען קעניג, זיינען אלע געפאלען אויף די קניה פאר מיר. ניטאָ מעהר קיין באגלערגער, קיין ריבינגער.

סקולע

איהר האָט זיך דערמיט געדארפט ווייניגער פון אלעמען פרע־העֶן, ווייל דערין ליגט די גרעסטע געפאהר. ארמעע דארף שטעהן נעגען ארמעע, פראָווינץ געגען פראָווינץ, אויב דער קעניג וויל ווירק־ליך זיין מעכטיג. יעדעס דערפעל אין לאנד, יעדעס געשלעכט דארף מוזען אָנקומען צום קעניג, אָדער שרעקען זיך פאר איהם. ווענ איהר דערשטיקען אלע קריגערייען אין לאנד, איז אייער מאכט גע־בראָכען.

האַקאָן

איהר ווילט זיין קעניג — און רעדט אַזעלכע ווערטער? איהר האָט געקענט זיין אַ גוטער פעלדהער אין די צייטען פון ערלינג סקאַק, אָבער איצט האָט אייך די צייט שוין איבערגעוואַקסען, און איהר ווילט דאָס ניט בעמערקען. זעהט איהר ניט, אַז דאָס נאָרוועגישע קעניגרייך, דאָס נאָרוועגיען, וואָס האראַלד און אָלאַף האָבען בעשאַפען, איז געגליכען צו אַ קירכע, וועלכע איז נאָך ניט געהיילינט געוואָרען? די ווענד, וואָס שטיצען זיך אויף די פעסטע קאָלאָנען, געהען אין דער הויך; איבער זיי האָבען זיך צושפרייט די קירכליכע געוועלבען, דער שפיץ שלינגעלט זיך צום הימעל, ווי אַ פיכטענבלום אין וואַלד, אָבער דאָס לעבען, דאָס וואַרימע האַרץ ריהרט זיך נאָך ניט; נאָך האָט מען אין'ם געהילץ ניט אַריינגעבלאָזען גאָט! גייסט, די קירכע איז נאָך ניט געהייליגט. איך וויל הייליגען איהר. נאָרוועגיען איז געוועזען אַ ק ע נ י ג ר י י ך, זי מוז ווערען אַ פ אָ ל ק. אַמאָל האָבען די מענשען פון טראָנדיעם פיינד געהאַט די וויקווערינגער, די אַגדעווערינגער — די גאָרדאַלענדינער, איצט דאַרפען אַלע ווערען איין פאָלק און פיהרען זיך, ווי איין גאַנצעס...

הערצאָג סקולע (אַן ערשטוינטער)

ווי איין גאַנצעס...? נעמען צוזאַמען, פעראייניגען אַ די טראָנדיעמער, אַ די וויקווערינער — גאַנץ נאָרוועגיען? (מיט אונצוטרוי) דאָס איז אונמעגליך! דאָס ווערט דאָך ניט דערמאָנט אין קיין נאָרוועגישער זאַגע!

האַקאָן

נאָר א י י ך איז דאָס אונמעגליך, ווייל איהר קענט נור איבער'חזר'ען דאָס, וואָס איז שוין געוועזען; אָבער מיר איז דאָס לייכט, ווי ס'איז לייכט דעם פאַלקען זיך אויפצוהויבען צום הימעל.

אין דער דראַמאַטישער ליטעראַטור פון דער גאַנצער וועלט איז ניטאָ עפּעס עהנליכעס צו דער דאָזיגער געניאַל־פערטראַכטער און טיף־דורכגעפיהלטער סצענע.

סקולע בערוהיגט זיך ניט; ער וויל צונעמען ביי האקאן'ען זיין אידעע און זי פערווירקליכען. ער איז איינפערשטאנען צו ווע־רען קעניג — דער נורעדין, וואס גנב'עט צו אלאדין'ס צויבער־לאמפ. סקולע טרעט איין אין קאמפף און זיגט, אבער, האבענדיג געזיגט, ציטערט ער נאך אלץ, איז אונזיכער, גלויבט ניט, אז דאס, וואס איז געשעהן פאר זיינע אייגענע אויגען מיט איהם, איז עפעס רעעלעס. אזוי שטעהט נורעדין א דערשראקענער, מיט ציטערענ־דיגע קניה, ארויסלאזענדיג דעם צויבער־לאמפ פון די הענד אין דערזעלבער מינוט, ווען עס ערשיינט דער גייסט, וועלכער איז גרייט צו פאלגען איהם.

אויב סקולע גלויבט ניט זיך האט ער א טיף, היים בעדערפניש צו האבען ארום זיך עמיצען, וועלכער זאל אונענדליך גלויבען אין איהם; אין דעם דאזיגען גלויבען וויל סקולע שעפען א נייע קראפט. ער זוכט לאנג, אלץ אומזיסט. אבער פלוצלונג קומט די געליבטע פון זיין יוגענד, ברענגט איהם זיין זוהן, און דער זוהן ווערט א גרויסע טרייסט פאר איהם: ער איז איבערגעבען דעם פאטער, ווי א גוטער זוהן, איז ענטציקט פון איהם, גרייט צו גלויבען אלעס; ער פערשטעהט די גרויסקייט פון זיין אידעע און ווידמעט איהר זיין לעבען. אבער א קללה ליגט אויף סקולע'ס שיקזאל, זיין פער־ברעכען פערפאלגט איהם. זיין קאמפף ענדיגט זיך מיט א מפלה און זיין געוויסען ווערט צודריקט פון א נייעם פערברעכען פון זיין זוהן, וואס האט אין זיין פאנאטישקייט געשענדעט א פאלקס־הייליגטום. סקולע איז ערנידריגט, דערשלאגען. ער נעמט אראב פון זיך דעם שווערט און איז זיך מודה, אז די גרויסע אידעע איז ניט זיינע, נור האקאן'ס. שטארבענדיג צוזאמען מיט'ן געליבטען זוהן, פערשטעהט ענדליך סקולע, ווי פאלש זיין לעבען איז געוועזען און א בערוהיגטער לאזט ער אויס זיין לעצטען אטעם.

אז מיר פיהלען דורך טיף א פאעטיש ווערק, זיינען מיר פע־היג אויסצודריקען זיין תוך אין נאהענטערע, היימישערע געשטאל־טען; מיר איבערזעצען דעם דיכטער'ס שפראך אויף אונזער איי־גענעם לשון. אונז ריהרט פאלוראן־מיולער'ס „קין", און דאך האט

קיינער פון אונז ניט געטוים זיין ברודער; אָבער מיר טראַכטען גאָר ניט וועגען דעם, לעזענדיג דעם דיכטער, מיר טראַכטען וועגען עפּעס אנדערש, וועגען עפּעס אונזריגס. אזוי איז אויך מיט'ן דיכטער אליין: ער בענעמט אָפּט זיין ווערק פּערזענליכער, ווי עס קען זיך דוכטען. דער דיכטער איז אָפּט פּערזענליך, דריקט אויס דאָס, וואָס עס פּייניגט איהם, זייענדיג פון דרויסען, דוכט זיך, אזוי אָביעקטיוו. עפּעס פּערזענליכעס הערט זיך אין דעם וואונדערבאַרען געשפּרעך צווישען דעם קעניג סקולע און דעם סקאַלד יאַטגייר.

קעניג סקולע

האָסט נאָך לידער, יאַטגייר, ניט־פערפאַסטע?

יאַטגייר

ניין, אָבער פּיעל לידער האָב איך נאָך ניט־געבאָרענע; זיי קריכען ארויס פון דער פינסטערניש, מיינע לידער, ווערען לעבעדיג און לאַכען ניי־געבאָרענע.

קעניג סקולע

ווען איך, קעניג, זאָל איצט הייסען דיך טויטען, וואָלטען צוזאַמען מיט דיר אומגעבראַכט געוואָרען די אַלע נאָך ניט־געבאָרענע פּאָעטישע געדאַנקען, וועלכע דו טראָגסט אין דיין הארצען?

יאַטגייר

קעניג, עס איז א גרויסע זינד צו טויטען א שעהנעם געדאַנק.

קעניג סקולע

איך פרעג ניט, צי ס'איז א זינד, אָבער איך פרעג, צי דאָס איז מעגליך.

יאַטגייר

איך ווייס ניט.

קעניג סקולע

האָט זיך ניט געטראָפען מיט דיר, אז דו זאָלסט האָבען א פריינד א סקאַלד און ער זאָל דיר דערצעהלען דעם אינהאַלט פון'ם

מעכטיגען, וואונדערבארען ליד, וועלכען ער קלייבט זיך צו פערפאַ־סען?

יאַטגייר

יאַ, עס האָט זיך געטראָפען, קעניג.

קעניג סקולע

האָט זיך ביי דיר דאַמאָלס ניט דערוועקט א פערלאַנג צו טויטען איהם, כדי ביי איהם צוצונעמען זיין געדאַנק און אליין פערפאַסען זיין ליד?

יאַטגייר

קעניג, איך בין ניט אונפרוכטבאר; איך האָב אייגענע קינ־דער. איך האָב ניט קיין בעדערפניש צו ליבען פרעמדע קינדער.

קעניג סקולע (כאַפּט איהם אַן פאַר'ן האַנד)

מיט וואָס דאַרף איך זיין בעגאַבט, כדי צו ווערען א קעניג?

יאַטגייר

נור ניט מיט צווייפעל, ווייל דאַמאָלס וואָלט איהר מיך ניט געפרעגט אזעלכעס.

קעניג סקולע

אָבער וואָס פעהלט מיר?

יאַטגייר

מיין הערשער איהר זייט דאָך קעניג.

קעניג סקולע

און דו ביסט שטענדיג זיכער, אַז דו ביסט סקאַלד?

ווי פולבעדייטענד איז די דאָזיגע רעפּליק! ווי וואונדערבאר בייט זיך די סיטואַציאָן: ערשט נור וואָס האָבען מיר געהערט א געשיכטע, מיר זיינען נאָך פערטהון אין איהר, און פּלוצלונג טרעט ארויס א נייע געשטאַלט פאר אונזערע אויגען; פון א מעשה איז געוואָרען א סימוואָל. ווי טרויריג זיינען די ווערטער אין דער לעצטער שורה: און דו ביסט שטענדיג זיכער, אַז דו ביסט סקאַלד?

איבסען האָט ליעב צו מאָלען א מענשען, וואָס האָט גרויסע אַמביציאָנען און הויכע שטרעבונגען, אָבער ער האָט ניט די נויטיגע גרויסע פעהיגקייטען. דער בישאָף ניקאָלאַס איז א אונגעוועגליכער מענש, ער האָט קאָלאָסאַלע קרעפטען, אָבער ער פאַלט אין'ם קאַמפּף מיט'ן שיקזאַל. קעניג סקולע איז אַן אָפּפער פון א זעעלען־קאָנ־פליקט, וועלכען איבסען האָט אָנגעהויבען צו פערשטעהן ערשט שפּע־טער מיט דער צייט. איבסען איז ביסלעכוויז צוגעגאַנגען אַלץ נאָהענטער צו דער דאָזיגער טראַגישער געשטאַלט. ער האָט פריהער עקספּערימענטירט, געלייִמט פיגורען, צושטעלט זיי אין פערשידענע סיטואַציען, ביז ער האָט אויסגעהאַקט פון מאַרמאָר די רעטזעל־האַפטע געשטאַלט. דאָס, וואָס איבסען האָט גענומען פאַר א טעמע פון זיין דראַמא די זאַגע וועגען די „פעלדהערערן אין העלגאָלאַנד", איז ניט צופעליג. איהם האָט פעראינטערעסירט דאָס אונמיטעל־באַרע, דאָס גרויסע פון'ם סוזשעט, ווי אויך דער אייגענאַרטיגער טראַגישער קאָנפליקט, וואָס איז פערבאָרגען אין דער זאַגע. סי־גורד האָט זיך איבערגעטהון אין גונאַר'ס מלחמה־געוואַנדען, איז בייגעקומען דעם בער און האָט א רעכט אויף יאָרדיס'ן; יאָרדיס ווערט גונאַר'ס ווייב, גונאַר מוז שווייגען. ווי ערדעל און פיין גו־נאַר איז ניט, מוז ער מאַכען זיך ניט וויסענדיג, אַז ניט ער, נור סי־גורד, האָט בעוויזען העלדישקייט, איז אויסגעשטאַנען דעם נסיון און פערדינט צו ווערען יאָרדיס'עס מאַן. די העלדענטאַט, וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט בעוויזען, און אפשר טאַקי ניט געקענט בע־ווייזען, ליגט ווי א לאַסט אויף זיינע אַקסלען און געוויסען. אין דער אַנוועזענהייט פון סיגור'ן, דעם גוטען חבר, דעם אמת'ן העלד, וועלכער האָט געבראַכט פאַר איהם אַזעלכע אָפּפער, מוז ער אויס־הערען לויבגעזאַנגען לכבוד דער פרעמדער העלדענטאַט, וועלכע ער האָט צוגע'גנב'עט ביי יענעם. גונאַר ווערט צו שפּאָט און צו שאַנד אין זיינע אייגענע אויגען. אַזוי ווי סקולע איז א פּלאַגיאַטאָר פון א פרעמדער אידעע, איז גונאַר א פּלאַגיאַטאָר פון א העלדענטאַט און זיין לעבען ווערט צובראָכען פון דער לאַסט פון א פערברעכען, פון וועלכען ער קען זיך ניט בעפרייען. דיזעלבע סיטואַציאָן,

וועלכע איבסען מאָלט אין די „פעלדהעררען," ווידערהאָלט זיך אין דעם שפּעטערדיגען ווערק: „די פּרעטענדענטען". און ווידער בליצט זי דורך אין „בראַנד": דער באַנאַלער פאַגט וויל צו'גנב'־ענען בראַנד'ס גרויסע אידעע וועגען דער וועלטקירכע.

„די פּרעטענדענטען אויף'ן טראָן" זיינען זיכער דאָס בעסטע ווערק, וואָס איבסען האָט ביז אהער געשריבען. די דראַמאַ האָט פעהלערען: עס איז ניט שווער זיי צו ענטדעקען, אָבער זי האָט אונגעוועהנליכע שענהייטען. דאָס איז אַ גרויס ווערק.

III

יעדע פון איבסען'ס ערשינענע דראַמען איז אייגענאַרטיג און האָט אַ פּאָעטישען צויבער: דאָס פּאָעטישסטע, וואָס איבסען האָט ביז איצט געשריבען, איז דאָך „די פּרעטענדענטען". „די קאָמע־דיע פון ליעבע", און „בראַנד" האָבען ניט אין זיך יענע אָריגינאַ־ליטעט, וואָס „די פּרעטענדענטען" האָבען. „די קאָמעדיע פון ליע־בע" דערמאָנט אונז צייטענווייז אָן די „נאָהענטע, וואָס שיידען זיך ניט". „בראַנד" איז אינגאַנצען געווען עפּעס נייעס אין אונ־זער דיכטונג; דאָס גראַד איז געפעלען דעם גרויסען עולם און אימפּאָנירט איהם. אודאי דאַרף מען ניט צוגעבען אַ צו גרויסע בעדייטונג דעם ערפאָלג פון אַ פּאָעטישען ווערק. יעדעס יאָהר־הונדערט האָט זיך זיינע שוואַכקייטען, קאַפּריזען. און אונזער צייט האָט גראַד די פּיעטיסטישע און פּעסימיסטישע מאָראַליסטיק זיך אָנגעכאַפּט אָן די גאַנץ געשמאַקלאָזע פערזען אין „בראַנד": „יאָ, טאַנץ, טאַנץ, מיין פריינד, אָבער וואוהין וועסטו דערטאַנצען? היט זיך!" אמת איז אָבער, אז אויב דער גרויסער ערפאָלג פון אַ פּאָעטישער זאַך בעווייזט ניט, אז דאָס איז עפּעס אָריגינעלעס און וויכטיגעס, איז דערמיט אויך ניט בעוויזען, אז דאָס ווערק טויג ניט. דעם עולם אָן אַ זייט לאָזענדיג, איז ניט שווער צו פערשטעהן, פאַר־וואָס מיר האָבען ניט פון „דער קאָמעדיע פון ליעבע" און פון „בראַנד" אזא איינדרוק פון אָריגינאַליטעט? אַ פאַקט איז, אז די

אידעען, וואס זיינען אויסגעדריקט אין די דאזיגע דראמען, זיי־נען נאך קיינמאל נים עקספלואטירט געווארען פון דיכטער, אבער דערפאר זיינען זיי שוין אויסגעדריקט געווארען אין א פראזאאישער פארם. די דאזיגע פאעמען פראקלאמירען נים קיין נייע אידעען; אין פערזען און ריטמישער פארם ווערט געזאגט דאס, וואס אנ־דערע שרייבער האבען שוין געזאגט. די אידעען פון „דער קאמע־דיע פון ליעבע" און „בראנד" זיינען די אונז גוטבעקאנטע אידעען, וואס האבען געהאט א גרויסע ווירקונג אויף אונזער יוגענד. דאס זיינען קירקעגארד'ס אידעען. אייגענטליך איז „די קאמעדיע פון ליעבע", לוים איהר טענדענץ, גראד ענטגעגענגעזעצט צום שטאנד־פונקט, אויף וועלכען קירקעגארד איז געשטאנען, אבער דאך אין תוך שטיצט זי זיך אויף דעם, וואס קירקעגארד האט געשריבען פאר און נעגען הייראט אין זיינע ווערק „אדער — אדער" און „שטופען פון לעבענסוועג". אן אונענדליך גרעסערען איינפלוס האט קיר־קעגארד געהאט אויף „בראנד". כמעט יעדע בעדייטענדע אידעע, וואס מיר געפינען אין דער דאזיגער פאעמע, איז שוין פריהער אויסגעדריקט געווארען פון קירקעגארד'ן, און דאס לעבען פון בראנד'ן איז עהנליך צו קירקעגארד'ס לעבען. עס קען זיך, לע־זענדיג „בראנד", אויסדוכטען, אז איבסען וויל איבערטראגען אין דיכטערישער פארם קירקעגארד'ס מאטיווען. אבער דערמיט האט איבסען נעמהון אונרעכט זיך אליין, ער איז נים דערגאנגען צו דער הויך, צו וועלכער ער איז בעשטימט געווארען פון דער השגחה. ער איז געווארען מיטארבייטער, דינער, עפעס צווייטגראדיגס, מיט איי־נעם ווארט, ניט דאס, וואס ער האט געדארפט זיין.

און דאך מוזען מיר מודה זיין זיך, אז די ביידע דראמען הא־בען פערדינט דעם נאמען, וואס זיי האבען בעקומען. „בראנד" האט דורכגעשניטען נייע וועגען. דאס איז א דראמא, וואס איז אונמענגליך צו לעזען מיט א קאלטען, רוהיגען געמיט: ווי וועניג עמפפינדליך איהר זאלט ניט זיין, מוזט איהר, איבערלעזענדיג זי, בלייבען אונטער דעם שטארקען, ערשיטערענדען איינדרוק; איהר האט א געפיהל, אז איהר זייט געשטאנען פנים לפנים מיט א גע־

ניאַלער, מעכטיגער, ליידענשאַפטליכער נאַטור, וואָס צווינגט אייך אַראָבצולאָזען די אויגען, דען טיף און דורכזיכטיג איז דעם דיכ־טער'ס קוק און שוואַך זייט איהר אַנטקעגען זיין קראַפט. אמת, איבסען איז ניט שטענדיג דורכזיכטיג און פערשטענדליך; דאָס פערדונקעלט דעם איינדרוק, וועלכען ער מאַכט אויף אונז, דער־פאַר אָבער ווערען מיר נאָך שטאַרקער געריהרט פון זיינע נעבעל־האַפטע, גראַנדיעזע פאָרשטעלונגען.

אמת'ע דיכטונג וועקט דאָפּעלט: אין דערזעלבער צייט רעגט זי אויף און בערוהיגט, וועקט און מאַכט שלום. אודאי, ועט אַ סאַלאָן־דיכטונג, וואָס וואַגט ניט, קיין ווירקונג אויף אונז ניט האָ־בען, אָבער אויך דער פלאַמענדער פּאַטאָס קען לייכט אריבער־שפּרינגען די גרענעצען פון דיכטונג און ווערען פערוואַנדעלט אין פּובליציסטיק.

אויב דיכטונג איז קאַמפּפסלוסטיג, איז דאָס אַ קאַמפּף אין נאָמען פון שלום; פון דעם צוזאַמענשטויס פון קרעפטען דאַרף אַרויסוואַקסען אַ טיעפערע, אַ העכערע האַרמאָניע. אַ פּאָעזיע, וואָס בערוהיגט, איז קיינמאָל ניט אין געפאַהר אַריבערצוטרעטען די גרענעצען פון קונסט; זי קען שטענדיג בלייבען נור קונסט. אין אַ געפאַהר איז די פּאָעזיע, וואָס וועקט, רופט, האָט טענדענצען: זי קען ווערען אַזוי פערזענליך, אָנפאַלען מיט אַזאַ ליידענשאַפט און קראַפט, אַז זי וועט אויפהערען צו מאַכען אויף אונז דעם איינ־דרוק פון אַ קונסטווערק. ענליכעס בעמערקט זיך אין אונזער סקאַנדינאַווישער דיכטונג: נעהמט הייבערג'ס „נשמה נאָכ'ן טויט". זי איז לייכט, שטיפעריש; דער מאַסשטאַב פון'ם דיכטער איז אַ עסטעטישער, און ניט קיין מאָראַלישער. „אַדאַם האָמאָ" פּאַלודאַן־מיולער'ס איז אַ ערנסטערע זאַך; צו פּאָעטיש, צו שווער, צו טיפ־זיניג איז דער אוטאָר, אָבער דאָך ניט אַזוי ערנסט ווי איבסען'ס „בראַנד". איבסען שטיפט ניט, שפּילט זיך ניט, ער איז פערבי־טערט, עמפּערט נעגען דער היינטיגער וועלט; ער איז אונ'רחמנות'־דיג און מאַכט צונישט אַלע איצטיגע. ניט דאָס איז דער אומגליק, וואָס דער דיכטער איז אַ קאַמפּפסנאַטור: אונזער דיכטונג איז

געווען סאַטיריש נאָך אין די צייטען פון עלענשלעגער, ווען זי האָט זיך פערטיידיגט געגען דעם פיליסטער, וואָס לאַכט פון יעדער דיכ־טונג. דער אומגליק איז וואָס די היינטיגע דיכטונג איז רעלי־גיעז־בעגרענצט, פיהרט איהר קאַמפף מיט דער וועלטליכקייט און פאַנטאַסטישקייט אזוי ליידענשאַפטליך, אז זי פערנייט יענע פאַנטאַסטישקייט, וועלכע פערקערפערט זיך אין דיכטונג. כאַ־ראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס בראַנד ערלויבט ניט דער אָרימער אַגנעס צו טראַכטען וועגען דעם טויטען קינד: דאָס איז סענטי־מענטאַליטעט.

אזא אינערען ווידערשפּרוך קען דיכטונג ניט לאַנג אויסהאַל־טען; עס מוז קומען צו אַ קריזיס. דער געניאַלער דיכטער ווערט פערלאָרען אין דער קאַטאַסטראָפע, וועלכע צוטראָגט אויף אַלע זיי־טען זיינע פּאָעטישע קרעפטען און ניט איין פּאָעטיש ווערק צופאַלט און ווערט צושטיקעלט און פראַגמענטאַריש. אזא קריטישע צייט איז אונזערע. איבסען איז איהר פערטרעטער, אַ וווּנדערפּונקט אין איהר געשיכטע — אפשר טאַקי בעיקר דערפאַר, וואָס איבסען, דער מענש אין יאָהרען, האַלט זיך נאָך ניט אין די הענד, איז נאָך ניט דער פאָלקאָמענער דיכטער.

דאָס בעווייזט „בראַנד“. נעמט די פאָרם פון׳ם ווערק. מען דאַרף זיין אַ גרויסער ווערסיפיקאַטאָר און אַ אונגעוועהנליכער קע־נער פון דער שפּראַך, כדי אָנצושרייבען אזא גרויסע פּאָעמע אין פערזען, האַלטענדיג זיך די גאַנצע צייט אָן אַ בעשטימטען ריטם. קוקט איהר זיך אָבער צו נעהענטער, בעמערקט איהר דאָסזעלבע, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגען אין „דער קאָמעדיע פון ליעבע“. די פערזען פליסען לייכט, שנעל, אָהן אָנשטרענגונג, אָפט טראָגען זיי זיך מיט אַ משוגענער שנעלקייט, וועלכע איז אַמאָל בעטראַכט געוואָרען אַלס דער בעדייטענדסטער אַטריבוט פון אַ דיכטער. אָבער אָפט שפּרינגען די פערזען איבער שטרויכלונגען און געהילץ מיט׳ן קאָפּ פאָרויס, צוטומלענדיג דעם ראַפינירטען געשמאַק: איהר שטויסט זיך אָן אָן אַ געשמאַקלאָזע ווערטער־קאָמבינאַציאָן, אָן אַ שלעכטען פערגלייך, אָן אַן אויסדרוק, וואָס ברייננט ניט אַרויס דעם

אויטאָר׳ס אידעע. איהר טרייסט זיך נאָר דערמיט, אז אויב איהר פאַלט לייכט, הויבט איהר זיך אָבער אויף אויך שנעל. וואָס זאָל מען, למשל, זאָגען וועגען דער קיך־לאַטיין, מיט וועלכער עס פער־ענדיגט זיך „בראַנד״?

„צי קען ניט דער מוטיגער ווילען, **quantum Satis,** **פון׳ם ווילען** ערוואַרטען אביסעל זעליגקייט?

א שטימע

ער איז deus caritatis (גאָט פון ליעבע).״

„בראַנד״ איז ניט פון איין גוס: פאַרהאַן מאַיעסטעטישע אין זייער איינפאַכקייט ערטער, אַנדערע זיינען אָבער צו לאַנג (ווי צ. ב. די געשפּרעכען צווישען בראַנד און דעם פאָגט). דער סטיל און טאָן פון דער פאָעמע איז ניט איינאַרטיג.

אָפט ווערט דער דיכטער אַן אָפּפער פון זיין עמפּערונג; ער יאָגט זיך העגדים־פּענדים צוזאַמען מיט זיין ליידענשאַפטליכען צאָרן און שוואַכט אויף אַזאַ אופן אָב דעם איינדרוק, וועלכען ער וואָלט געמאַכט מיט זיינע ווערטער. ער צווינגט מענשען, פון וועלכע ער־שפּאָט אָב, אז זיי זאָלען איראָניזירען פון זיך אליין און אָבשמייסען זיך מיט אייגענע הענד. אזוי זאָגט דער פאָגט: „איך בין, ווייזט אויס, געריהרט״. צווישען איינאַר׳ן און בראַנד׳ן קומט פאָר אין פינפטען אַקט אַזאַ געשפּרעך:

איינאַר

איך בין איצט מיסיאָנער.

בראַנד

וואוהין קלייבסט דו זיך איצט?

איינאַר

צו די נעגרען, אָבער בעסער שווייגען. מיין צייט איז צו טייער.

בראַנד

דו ווילסט ניט אָברוהען? גיב א קוק, מיר האָבען היינט יום־טוב.

איינאַר

ניין, כ'דאַנק דיר; איך דאַרף זיין מיט מיינע שוואַרצע זעע־לען.

מאַלענדיג זיינע מענשען מיט צו גערדיכטע פאַרבען, מאַכט זיי דער דיכטער ניט נאַטירליך. ער האָט צו שטאַרק פיינד דאָס בעזע און נאַרישע, ער זאָל קענען איינצאַמען זיך. דער דיכטער איז אויך צו שטאַרק בעגייסטערט. בראַנד האָט אַ רעכט צו זיין בעגייסטערט וויפיעל ער וויל, אָבער קאָמיש איז, וואָס איבסען אַליין נעמט זיך אָן מיט דער בעגייסטערונג פון'ם העלד, און דאָך, ער פעראורטיילט צום סוף פון דער דראַמאַ זיין איינזייטיג־קייט. איבסען האָט בעשאַפען אַ גייסט, מיט וועלכען ער קען ניט פאַרטיג ווערען; בראַנד פּראָפּאַגאַנדירט איבסען'ס אידעען, די דראַמאַ איז איבערגעפילט מיט אידעען. לעזענדיג „בראַנד", האָ־בען מיר דעם איינדרוק, אַז איבסען וויל אַ געשריי טהון דער גאַנ־צער וועלט אין אויער: עס טויג ניט, עפּעס טויג ניט, כ'וויים, אָבער וואָס איז שלעכט קען איך ניט אייך און ניט זיך זאָגען. דעריבער קלינגען די לעצטע ווערטער פון „בראַנד" ניט איבערציי־גענד; האָט דאָך „בראַנד" שוין געמאַכט צונישט אַלע טענות און אויך יענע, אַז ער האָט ניט פערשטאַנען, אַז גאָט איז ליעבע. איהר קענט ניט בעשולדיגען בראַנד'ן, ווייל דער שולדיגער איז דער דיכ־טער: האָט ער דאָך געקענט אַזוי פיהרען די האַנדלונג, אַז בראַנד זאָל בעגעגנען אויף זיין לעבענסוועג אַ מוטיגערען, גרעסערען העלד פון זיך אָדער אַזאַ איינעם, וואָס זאָל איהם לעכערליך מאַכען. בראַנד פאָדערט דאָס אונמעגליכע פון אַנדערע, און ער אַליין איז נאָך ניט קיין פאָלקאָמענער מענש. ער וויל, אַז אַנדערע זאָלען זיך אָבזאָגען פון אַלעס, און זיך ערלויבט ער חתונה צו האָבען. ער האָט גיט דעם טיפערען פערשטאַנד און ניט קיין ווייזהייט, אָהן וועלכער ס'איז אונמעגליך צו זיין אַ גוטער מענש און דינען דעם גוטען. דאָס אַלץ האָט דער דיכטער ניט בעמערקט, ווייל ער אַליין איז צוטומעלט געוואָרען פון זיין העלד. צייטענווייז איז בראַנד

איינפאך קאמיש, אבער דער דיכטער ערלויבט זיך ניט צו איראָני־זירען פון איהם.

אודאי דארף ניט אן אוטאָר נאָכלויפען טריט ביי טריט זיין העלד און אבשאצען אלעס, וואָס ער טהוט, אבער אויב די איינ־צעלנע האנדלונגען פון'ם העלד זיינען אונפערשטענדליכע, אונמאָ־טיווירטע, איז דאָס גאנצע אונלאָגיש און ניט־בערעכטיגט. די פראַזע „גאָט איז ליעבע" איז ניט קיין נייע. מיר זיינען צו איהר גאָר ניט צוגעגרייט; מיר פערשטעהען ניט, ווי מיר דארפען זי טייטשען. די פּאָעמע ליידט פון אונמאָטיווירטקייט. אודאי קענען אמאָל די האנדלונגען פון'ם העלד זיין אונמאָטיווירט, ווייל אזא מענש איז דער העלד, און אזוי איז דאָס טאקי, אין'ם פינפטען אקט, ווען בראנד געהט אוועק מיט'ן המון, וואָס פערלאָזט די שטאָדט. אבער אין דער דראַמא איז כמעט איבעראל דאָסזעלבע; סיי וויכטיגערע, סיי אונבעדייטענדע ערשיינונגען זיינען אונפער־שטענדליך. מיר וואונדערען זיך, לעזענדיג פּלוצלונג פון דער גור־טער, זאנפטער אגנעס אזעלכע טיפזיניגע ווערטער: „דער, וואָס וועט זעהן גאָט'ס אנטליץ, וועט אומקומען". און וואָס עפּעס איילט זיך אזוי שרעקליך בראנד אין'ם ערשטען אקט? ווי קען ער אין'ם פערטען אקט אזוי פיעל ערוואַרטען פון דער נייער קיר־כע? אזעלכע פראַגען און פיעלע אנדערע בלייבען אָהן א בעפריי־דיגענדען ענטפער. אין דער דראמא שטויסען מיר זיך אזוי אָפט אָן אָן דעם אונלאָגישען, אז מיר געוואוינען זיך צו פּאָלעמיזירען מיט'ן דיכטער, שטעלען איהם קלאָץ־קשיות. ווען בראנד אָפּפערט זיין קליינעם זוהן, ווערען מיר אזוי אויפגערעגט פון דער אונמענש־ליכער קאָליזיאָן, אז מיר הויבען אָן צו טראַכטען וועגען אן אנ־דער אויסגאנג; מיר האָבען טענות צום אונמענשליכען דיכטער, אונז דוכט זיך, אז בראנד האָט זיך געקענט בלייבען אין די בערג, אבער דאָס קינד האָט ער דאָך געקענט לאָזען אין א וואַרימערער געגענד.

די אלע שוואכקייטען אין דער קאָמפּאָזיציאָן פון „בראנד" ער־קלערען זיך לייכט דערמיט, וואָס „בראנד" איז א קאָפּ־זאך. דאָס,

וואָס דער דיכטער מאָטיווירט ניט געוויסע האַנדלונגען, האָט זיך אַן אורזאַכע. אָפט פאָדערט איבסען׳ס גרונד אידעע, אַז אין דעם און דעם אַקט זאָל געשעהן עפּעס אונמאָטיווירטעס, אָבער אַזוינס, וואָס האָט אַ סימוואָלישע בעדייטונג. דאָס, וואָס רעאַליסטיש בעטראַכט, איז ניט מעהר, ווי אַן איבריגער עפּיזאָד, אַן אונפּאַלשטענדיגער עפּיזאָד, האָט גאָר אַן אַנדער זין, ווען מיר פערשטעהען עס סימוואָליש. איבסען׳ס סימוואָליק אין „בראַנד" איז טיף, אָבער ניט קלאָר. אייניגע סימוואָלען זיינען אָבער אַזוי אונגעוועהנליך, זיי דריקען אַזוי מייסטערהאַפט אויס אַ טיפע אידעע, אַז מיר הערען זיך אויף צו ערגערען, וואָס זיי זיינען אַזוי ניט קלאָר.

„בראַנד׳ס" ערפאָלג אין דענעמאַרק האָט געגעבען איבסען׳ען אַ שטויס צו פערעפענטליכען אין 1862 אַ נייע דראַמאַ: „די קאָמעדיע פון ליעבע". דער נאָמען איז אַביסעל פּרעטענציעז, אָבער ער פעראינטריגירט. די דראַמאַ איז מעהר ווי אַ בייסענדע סאַטירע אויף דעם טאָג־טעגליכען לעבען פון די נור וואָס פערהייראַטע פּאָרלעך. איבסען וויל צונעמען דעם תוך פון יעדער ליעבע. לויט זיין מיינונג, איז ליעבע אָדער בעשטענדיג, ווי אַ געוואוינהייט, אָדער מעכטיג, נור צינדט זיך אָן נור אויף אַ מינוט; ער איז אָדער פאַנטאַסטיש אָדער אינערליך הויל; זי איז טויט, ווי אַ שטיק ערד אָדער צוזעהט זיך, ווי אַ זייפענבלאָז. שוין דאָס ערשטע לידעל פון׳ם געליבטען פאַלק, וואָס איז פול מיט פערצווייפלונג, גיט דעם טאָן דער גאַנצער פּאָעמע. עפּעס טרויריג־שווערעס הענגט איבער דער פּאָעמע פון׳ם גוטען, פרעהליכען אָנהויב ביז׳ן סוף, וועלכער איז אגב גאַנץ שווער פערשטענדליך: די געליבטע צושיידען זיך אין דערזעלבער מינוט, ווען זיי געפינען איינער דעם אַנדערען דערפאַר, וואָס זיי גלויבען ניט, אַז זייער ליעבע וועט האָבען אַ בעשטאַנד. דאָס איז אַזוי ווייניג מאָטיווירט, ווי אַלעס אין „בראַנד". די פּיעסע איז צו פּאָלעמיש; דאָס איז גאָר קיין דראַמאַ ניט. די פּערזאָנען דעקלאַמירען און טהוען גאָרניט. זיי רעדען ניט, ווי פּשוט׳ע מענשען, נור פּראָקלאַמירען טיפע געדאַנקען און פערשיטען איינער דעם אַנדערען מיט אַ האַגעל פון ווערטער; און די

ווערטער זיינען ניט פּאָלירטע, ראַפינירטע, נור שרייערישע, רויע, טומעלירישע, וואָס ווירקען אויף'ן אויער מעהר, ווי אויפ'ן האַרץ. פאַלק אליין איז אַן אמת'ער עראַזם מאַנטאַן; עס בעט זיך שטאַרק צו איהם אַ קאַפּראַל־שטעקען. מיט אמת'ע און טיפע ווערטער ווענדט זיך צו איהם זיין געליבטע:

„איך האָב דערזעהן איך ניט ווי אַ פאַלקען, נור ווי אַ שלאַנג, אַ פּאַטעטישע שלאַנג פון פּאַפּיר, וואָס האָט ניט קיין אייגענעם איך: דער עיקר אין איהם איז דאָס שנירעל.

„אַזוי זייט איהר אָהנמעכטיג געלעגען מיר צו די פים און געבעטען זיך: „אַך, גיט מיר אַ שטויס צום אַסט אָדער וועסט צו, אבי לאָזט מיך פליהען אין ווינד מיט מיינע לידער און זאָל איך ניט אַרען, וואָס מוטער און שוועסטער וועלען איך זידלען".

פאַלק האָט געקענט ווערען אַן אַנדערער מענש, אָבער דאָס גוטע אין איהם איז פערבליהט געוואָרען, ניט צובליהענדיג זיך און גאַרניט איז געשעהן מיט איהם. די פּאָעמע איז שפּילעריש און שאַרפזיניג, האָט טיפזיניגע פערגלייכען, בייסענדע ווערטלעך, קורצע, שאַרפע רעפּליקען, אָבער דאָס אַלץ שטערט אונז ניט צו בעמערקען דעם גרויסען פעהלער פון דער דראַמאַ: זי איז אונלאָגיש, אונזיניג, אין ווידערשפּרוך מיט דעם געזונדען מענשען פערשטאַנד. דאָס גוטע אין דער דראַמאַ מאַכט בולט'ער איהר אונפערבעסערליכען גרונדפעהלער.

IV

די מייסטע פעהלערען פון דער נייעסטער נאָרוועגישער שולע נעמען זיך דערפון. וואָס זי שטעלט זיך צופּיעל אויפגאַבען. זי איז צו טענדענציעז, צו אָנגעשטרענגט; מען לאָזט ניט לויפען די פאַנטאַזיע, וואוהין איהר ווילט זיך, נור מען הייסט איהר בעוועגען זיך אין אַ בעשטימטער ריכטונג. די גרויסע קינסטלער זיינען ניט טענדענציעז, זיי האָבען ניט קיין בעשטימטע כונה, ווען זיי צייכנען, שרייבען, קאָמפּאָנירען. זיי טהוען דאָס ספּאָנטאַן,

אָהן חקירות, ווי מאַצאַרט, ווען ער האָט געשריבען זיין דאָן־זשואַן. איבסען שרייבט בעוואוסטזיניג; אויף וויפיעל דער ווילען האָט אויף איהם אַ שליטה, קען מען זעהן דערפון, וואָס ער האלט אין איין חקירה׳ן. רעדענדיג וועגען איבסען׳ען, דערמאַנט איהר זיך באַלד אָן׳ם וואָרט אידעע. דאָס, וואָס איהר מוזט רעדען וועגען אידעען, רעדענדיג וועגען אַ דיכטער, איז אַ שלעכטער סמן. איב־סען׳ס אינהאַלט איז זיך אַ בעזונדערע זאַך, און די פאָרם איז אַן אַנדערע זאַך; ער זעהט צו געפינען אַ פאָרם פאַר זיינע אידעען, זיי אַליין האָבען ניט קיין בעשטימטע פּאָעטישע פאָרם. איבסען׳ס פערזאָנען זיינען אַבסטראַקציאָנען; עס פיהלט זיך אין זיי ניט קיין לעבען. עס ווילט זיך נעהמען אין האַנד אַ סטערעאָסקאָפּ, כדי בעסער צוצוקוקען זיך צו די דאָזיגע פיגורען. עס פעהלט אינספּי־ראַציאָן דעם דיכטער, און דעריבער טאַקי האָט ער אַזוי ליעב דאָס אַבסטראַקטע, דאָס סימוואָלישע. דערמיט ערקלערט זיך, וואָס אין זיינע דראַמען דרעהען זיך אַרום אַבסטראַקטע געשטאַלטען, וואָס פערקערפּערען געוויסע אייגענשאַפטען פון לעבעדיגע מענשען. פו־ריאַ פון „קאַטילינאַ“ איז ניט נור זי אַליין, זי האָט אין זיך עלע־מענטען פון אַ אַנדער נאַטור; דאָס זעלבע קען מען זאָגען וועגען הערדאַ׳ן („בראַנד“). אויב דער בישאָף ניקאָלאַס אין „די פּרע־טענדענטען אויף׳ן טראָן“ ווערט געמאַלט אַזוי אונמעגליך, אַזוי אַבסטראַקט, איז דאָס ניט דערפאַר, וואָס איבסען וויל ווירקען אויף די נערווען אונזערע, ווי אַנדערע קריטיקער מיינען, נור גיכער דער־פאַר, וואָס ער קען ניט ביישטעהן דעם נסיון צוצוגעבען אַ גראַנ־דיעזען כאַראַקטער אַ מענשען, פערוואַנדלענדיג איהם פון אַ מענש אין אַ פּרינציפּ.

אין איבסען׳ס מאַניר איז דאָ עפּעס טרוקענעס, מאָגערעס, סכעמאַטישעס. דער דיכטער איז צו סימעטריש, און איז צייטענ־ווייז אַזוי אונפּאַרזיכטיג, אַז מיט אייגענע הענד מאָלט ער איבער לעבעדיגע געשטאַלטען אין טויטע בעגריפען און דער איינדרוק איז, אַז מתים האָבען זיך געלאָזט טאַנצען, פּלוצלונג איז פון די לייבער אַבגעקראָכען די הויט און עס דרעהען זיך אַרום הוילע געביינער.

דער ערשטער אקט אין „בראנד“ ענדיגט זיך, צום ביישפּיעל, אזוי:

„ווער לויפט עם שטורמיש פאָרויס, אלץ מעהר דערווייטערנ־דיג זיך פון שטילען היים און גוטען פרידען, — איז דאָס דער ל י י כ ט ז י ן מיט'ן בלעטער קראַנץ אויף'ן שטערען, וואָס געהט שפּילענדיג איבער'ן אָבגרונד, אָדער א פּ א ט י ע, וואָס שלעפּט זיך פויל איבער'ן אויסגעטראָטענעם וועג, ווייל דאָס פאָדערען די זיטען און מנהגים, אָדער מ ש ו ג ע ת, וואָס גאַלאָפּירט אזוי שנעל, אז אפילו דאָס בעזע, וואָס זי בעגעגענט אין וועג, שרעקט איהר ניט? — אין קאַמפּף טראָץ אַלעמען, אין אונרחמנות'דיגען קאַמפּף אנטקעגען זיי אַלע דריי!“

פערשוואונדען זיינען דאָס יונגע פּאָרעל, דער פויער און הער־דא: אנשטאט די לעבעדיגע מענשען טויטע קאטעגאָריען; לייכט־זין, אפּאטיע, משוגעת.

דאָס וואָס איבסען האָט ליעב צו חקירה'ן זיך, פערשאַרפט זיין דיאַלאָג, אָבער גיט איהם צו א סענטענציעזען כאַראַקטער. נעהמט, צום ביישפּיעל, אזעלכע רעפּליקען: „דיכטען! ניין, נעכטען האָב איך נאָך געקענט, היינט בין איך שוין צו אַלט!“ („פעלדהעררען“). אָדער: „א מענש קען אומקומען, פערטיידיגענדיג א פרעמדע זאַך, אָבער איז איהם בעשערט צו לעבען, מוז ער לעבען צוליב זיין איי־גענער זאַך“. („פּרעטענדענטען“). אזעלכע שאַרפע אפאָריזמען האָט איבסען אָפט; אָבער א צרה איז, אז אויב דער אויטאָר ער־לויבט זיך צו זאָגען אפאָריזמען, האָט אויך דער צושויער דאָס רעכט צו ענטפערען איהם, זאָגען זיך זיינע אייגענע אפאָריזמען און דאָס דראַמאַטישע שטיק האָט שוין ניט די ווירקונג, וואָס עס האָט גע־קענט האָבען. אויף צושויער ווירקט חקירה בכלל זעהר שלעכט. און אפּילו ווען איבסען פערגעהט ניט אזוי ווייט, ווי אין דעם פאַכט'ס אָדער איינאַר'ס רעפּליקען אין „בראנד“, צווינגט ער זיי־נע פערזאָנען אָבער שטענדיג צו רעפלעקטירען, זאָגען מיינונגען, און די דאָזיגע רעפלעקסיאָנען און חקירות זיינען אָפט באַנאַלע, צו באַנאַלע, צו אונבעשטימטע, אזעלכע וואָס לאָזען זיך זאָגען אין טויזענדער פאַלען, — און חקירה'ן צוחקירה'ן זיך די מענשען גראָד

דאַמאַלס, ווען זיי וואָלטען געדאַרפט זיין, דונט זיך, פערנומען נור מיט זיך, מיט זיך אליין, מיט דעם, וואָס עס געשעהט מיט זיי איצט, אין'ם געגעבענעם מאָמענט.

נעמט, צום ביישפּיעל, אַזעלכע רעפּליקען אין „די פּרעטענ־דענטען":

קעניג סקולע

פערשוואונדען זיינען די ערינערונגען פון די אַמאָליגע צייטען — ס'אַרא הערליכע ערינערונגען — איך האָב אַלץ פערגעסען.

אינגעביאָרג

פ ע ר ג ע ס ע ן א י ז ד ע ם מ א ן ' ס ר ע כ ט.

קעניג סקולע

און דאָך ביסט דו, אינגעביאָרג, דו איבערגעבענע, ליבענדע פרוי, געזעסען אין קאַלטען צפון אין דער שרעקליכער איינזאַמקייט, געדענקט אַלץ און גאָרניט פערגעסען.

אינגעביאָרג

א י ן ' ם ג ע ד ע נ ק ע ן א י ז ד ע ר פ ר ו י ' ס ג ל י ק.

די אַפאָריזמען זיינען פּאַעטיש, אָבער סענטענציעז. קלאָר דערצעהלט אונז שפּעטער דער דיכטער, וואָס פאַר א מוסר השכל מיר דאַרפען אַרויסטראָגען פון דער בעגעגעניש, ווען ער לעגט אריין אינגעביאָרג'ן, וואָס פערלאָזט די סצענע, פאָלגענדע ווערטער:

„ליעב האָבען, אָפּפערען מיט אַלץ און ווערען פערגעסען — דאָס איז דער פרוי'ס שיקזאַל".

אָבער צייטענווייז, צום גליק, פערגעסט איבסען אָן זיינע אי־דעען און חקירות; איהם גיט זיך איין אריינצודרינגען אין דער טיפעניש פון'ם מענשליכען האַרץ און מאָלען לעבעדיגע, קאָנקרעטע געשטאַלטען, וועלכע בעפרידיגען אונזערע שטרענגסטע רעאַליסטי־שע אינסטינקטען. בעזונדערס גוט גיבען זיך איהם איין די פרויען־געשטאַלטען; עס מוז זיין דערפאַר, וואָס די פרוי איז נאָהענטער פון'ם מאַן צו דעם אינסטינקטיווען, געהיימניספול־מוטערליכען אין דער נאַטור; די פרוי לאָזט זיך ניט אַנאַליזירען ראַציאָנאַליסטיש. פאַרטרעפליך בעשרייבט אויך איבסען די בעציהונגען פון קינדער

צו עלטערען: זיי זיינען צו סטיכיש, אז דער דיכטער זאָל זיך קענען ערלויבען אָנצוריהרען זיי מיט דער שאַרף פון זיינע ראַציאָנאַליסטישע נייגונגען. פון אַלע זיינע פּערזאָנען האָט זיך נור איינער, דער שטרענגער בראַנד, ערלויבט צו זיין רויה צו זיין מוטער. מייסטערהאַפט איז דאָס דאָזיגע פּיעטעטסגעפיהל אויסגעדריקט אין דער געשטאַלט פון נילס סטענסאָן („פרוי אינגער פון עסטראָט"). אנטקעגען זיין מוטער, ווי זי ענטפּלעקט זיך איהם פּלוצלונג, פיהלט ער זיך אונבעדייטענד, נישטיג, אָבער ער וויל זיין א ווירדיגער זוהן פון זיין מוטער און דער דאָזיגער וואונש דערהויבט דאָס אינגעל צום מאַן. מיט געפיהל מאָלט איבסען אין „די פּרעטענדענטען אויף'ן טראָן" די ליעבע פון אינגא צו האָקאָן, די ליעבע פון דער קעניגליכער מוטער, וועלכע שטאָלצירט מיט איהר „גרויסען זוהן"; פעטער האָט גרויסע עהרפורכט צום פאָטער דעם קעניג. אָבער אויך אין דער בעשרייבונג פון דער קינדערליעבע, ווי פון דער ליעבע פון מאַן צום ווייב רעזאָנירט דער דיכטער צו פיעל אויף'ן חשבון פון געפיהל. אָפט מישט איבסען אריין אין דער ליעבע, וועלכע ער מאָלט, א שטאַרקע דאָזע פון ענטציקונג און יראת הכבוד. די פרויענליעבע ביי איבסען'ען איז די ליעבע פון דער פרוי צו דעם רוהם, וועלכען דער מאַן האָט ערוואָרבען אָדער דאַרף ערווערבען (עלינע אין „פרוי אינגער", יאָרדאס אין די „פעלדהעררען אין העלגאָלאַנד", אינגעביאָרג אין „די פּרעטענדענטען"), אָבער אויב ס'איז ריכטיג, אז ענטציקונג, פערעהרונג און יראת הכבוד זיינען עלעמענטען פון ליעבע, יעדענפאַלס פון דער פרויענליעבע פון'ם נייצעהנטען יאָהרהונדערט, מוזען מיר אָבער ניט פערגעסען, אז אזא ליעבע איז ניט קיין סטיכיש געפיהל, נור א פּראָדוקט פון פערשטאַנד. אין א נאַטירליכער, סטיכישער ליעבע, וואס איז פריי פון חקירה, שפּילט עהרפורכט און ענטציקונג קיין שום ראָל ניט. שעקספּיער'ס יוליא האָט ניט קיין עהרפורכט צו ראָמעאָ'ן, זי האָט איהם פשוט ליעב. עטליכע מאָל האָט זיך איבסען'ען איינגעגעבען צו מאָלען א שטאַרק, אונסאָפיסטרירט געפיהל, א גרויסע ליידענשאַפט אין דער גאַנצער אונמיטעלבאַרקייט

און טיפקייט איהרער, אין איהר פער'חלומ'טקייט, וואָס לאַכט זיך אוים פון יעדער לאָגיק און ארגומענטען.

נעמט, צום ביישפּיעל, דעם דריטען אקט פון „פרוי אינגער פון עסטראָט". מיר ווערען ערשטוינט פון דער אויפריכטיגקייט, אמת'דיגקייט און טיפקייט, מיט וועלכער איבסען בעשרייבט אין'ם געשפּרעך צווישען נילס לוקע און עלינע, ווי אין'ם פרויען־הארץ ווערט נעבאָרען די גרויסע ליעבע. דאָס איז א מייסטערהאַפטע סצענע, ניט קוקענדיג אויף די איינצעלנע געשמאַקלאָזע ערטער. דאָס יונגע מיידעל האָט מיט דעם גאנצען פייער פון איהר שטאָל־צען הארץ פיינד דעם מענשען, וואָס שטעהט נעבען איהר, יע־דענפאַלס וויל זי איהם פיינד האָבען, אָבער וואָס מעהר ער רעדט, צינדט זיך פון יעדען וואָרט זיינעם שטאַרקער די ליעבע אין איהר הארץ. דאָס געשפּרעך פערענדיגט זיך אזוי:

נילס לוקע

. . . מיר וועלען זיך מעהר ניט זעהן, ווייל איך פאָהר אוועק פאַר בעגינען. ערלויבט מיר דעריבער צו געזעגענען זיך מיך אייך.

עלינע

אַדיע, הערר ריטער!

נילס לוקע

איהר האָט זיך ווידער שטאַרק פערטראַכט, עלינע גולדענלעווע. זייט איהר פערטרויערט פון'ם שיקזאל פון אייער פאַטערלאַנד?

עלינע

מיין פאַטערלאַנד? — איך טראַכט ניט וועגען מיין פאַטערלאַנד.

נילס לוקע

שרעקט אייך די איצטיגע צייט, וואָס ברענגט אזוי פיעל צער און קאַמפף?

עלינע

די איצטיגע צייט? — איך האָב פערגעסען גאָר אָן איהר. — איהר פאָהרט קיין דענעמאַרק? — איהר האָט, דוכט זיך, געזעדט דערפון?

נילס לוקע

איך פאָהר אוועק קיין דענעמאַרק.

עלינע

קען איך זעהן דענעמארק פון דעם דאָזיגען זאָל?
אזוי רעדט די ליעבע.

אָדער נעהמט „די פרעטענדענטען אויף'ן טראָן". האקאָן איז אויסגעקליבען פאר א קעניג, ער מוז זיך צושיידען מיט קאנגא, זיין געליעבטער, און נעמען א ווייב. פאָליטישע חשבונות צווינגען איהם אויסצוקלייבען זיך פאר א ווייב מארגארעטע'ן, סקולע'ס טאָכטער, וועלכע האט איהם שוין לאנג ליעב. וואָס קען זיין הערליכער פון די דאָזיגע רעפליקען:

האָקאָן (היים)

יארל סקולע, פון'ם היינטיגען טאָג נעם איך ביי אייך צו דאָס קעניגרייך, אָבער — כ'בעט אייער טאָכטער צו טיילען מיט מיר דעם טראָן.

סקולע

מיין טאָכטער?

מארגארעט

אָ, גאָט!

האָקאָן

מארגארעט, זייט איהר איינפערשטאַנדען צו זיין קעניגין?

מארגארעט (שווייגט)

האָקאָן (נעהמט איהר פאר דער האנד)

ענטפערט מיר.

מארגארעט (שטיל)

מיט פרייד בין איך גרייט צו זיין אייער ווייב...

האָקאָן (דערנעהנטערט זיך צו מארגארעט)

א ווייזע קעניגין קען טהון פיעל גרויסעס פאר איהר לאַנד, איך קען איך זיך רוהיג פערטרויען, ווייל איך ווייס: איהר זייט קלוג.

מארגארעט

ניט מעהר!

האָקאָן

וואָס האָט איהר דערמיט געמיינט?

מארגארעט

גארנישט, קעניג, גארנישט.

האקאן

און איך פערדריסט ניט, וואס איהר זאגט זיך אב פון ליכטיגערע וואפנונגען צוליב מיר?

מארגארעט

איך האב זיך ניט אבגעזאגט פון ליכטיגערע האפנונגען צוליב איך.

האקאן

און איהר וועט לעבען אין פרידען מיט מיר און געבען מיר גוטע עצות?

מארגארעט

איך וואלט געוואלט לעבען אין פרידען מיט איך.

האקאן

און געבען מיר גוטע עצות. איך דאנק איך. יעדער מאן נויטיגט זיך אין'ם ראט פון דער פרוי.

מיט די דאזיגע וואונדערבארע, שענע שורות קען זיך פערגלייכען נור איבסען'ס בעשרייבונג פון אגנעס'עס ליעבע צו איהר טויטען קינד אין „בראנד"; די סצענע האט צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער וועלט ליטעראטור. אלע געהיימניסען פון מוטערליכער ליעבע, וועלכע א מאן קען, דוכט זיך, גארניט פערשטעהן, אלע איהרע עקסטאזען, וואס גרענעצען אן משוגעת, ווערען בעשריבען פון'ם דיכטער מיט ליידענשאפט און אונגעוועגליכער אויפריכטיגקייט, וועלכע ווירקט אויף אונז נאך דערפאר בעזונדערס שטארק, וואס „בראנד" האט לויט זיין קאנסטרוקציאן און טעמע, אזוי וועניג צו טהון מיט ליעבע. ווער קען אהן ריהרונג לעזען די סצענע, ווי אגנעס קלייבט איבער די קליידער פון'ם פערשטארבענעם קינד, אדער ווי זי שטעלט א ליכט אויף'ן פענסטער, כדי אויף'ן פערשנייטען קבר פון איהר קינד זאל ליכטיג ווערען און איהר הייסגעליבטער זאל האבען אביסעל וויינאכטס-פרייד. די סצענע איז געשילדערט אזוי שטארק, אז אונז דוכט זיך, דאס מיר זעהען מיט אונזערע אייגענע אויגען אן אפענעם, מיט העלען ליכט בעשיינטען

פענסטער, א שנייאיג פעלד, ווארעם ליכט, וואס פאלט אויף א קבר און העלע, גליהענדיגע אויגען פון א מוטער, וואס בעזעגלען א בלייך, קאלט, האלב־טויט געזיכט. ניט ווילענדיג פרעגען מיר דעם אור־טאר: צי ביסטו א פרוי, וואס דו קענסט אזוי גוט אלע בוינגען פון א פרויען־הארץ?

דאס, וואס איבסען איז פעהיג צו מאלען אזעלכע פרויען־געשטאלטען, איז א גוטער סמן פאר איהם, דערוועקט אין אונז האפנונגען, אז שוין דערנעהענטערט זיך יענעס „זומערקעניגרייך פון לעבען", נאך וועלכען בראנד האט מיט אזוי פיעל ליידענשאפט גענקט אויף'ן טויטענבעט און זוכה וועט זיין דער דיכטער אליין אין ניכען זיך אייגצובירגערן אין דעם דאזיגען קעניגרייך. אבער דאס וועט מעגליך זיין פאר איהם נור דאמאלס, ווען ער וועט אוועקגעהן פון יענעם וועג, אויף וועלכען ער איז געגאנגען, שרייבענדיג „די קאמעדיע פון ליעבע" און „בראנד".

V

ניט לאנג איז ערשינען „פיער גינט" איבסען'ס. די דאזיגע זאך דערמאנט אונז אן די פריהערדיגע צוויי פאלעמישע פאעמען איבסען'ס. דער סוזשעט איז גענומען פון אן אלטער נארוועגישער פאלקס־מעשה. אין אסביערנסאן'ס מערכען ווערט דערצעהלט אזא געשיכטע: אין די אמאליגע אלטע צייטען האט געלעבט פיער גינט, וועלכער האט זיך ארומגעדרעהט שטענדיג איבער די בערג, שיסענדיג בערען און הירשען. איינמאל אין הערבסט איז פיער געגאנגען איבער די בערג, ס'איז שוין געווען שפעט, די מענשען זיינען זיך געזעסען אלע אין זייערע ווארימע שטיבער און פיער האט בעגעגענט נור דריי הירטען־מיידלעך, וואס האבען געלעבט א גוטען טאג מיט די טראלען. פיער איז ארויפגעשטיגען צו זיך אין שטוב, ס'איז געווען זעהר פינסטער און פלוצלונג האבען די הינד אנגעהויבען צו בילען, אזוי אז איהם איז געווארען שווער אויף'ן הארץ. פיער האט זיך דערשראקען: ער האט זיך אנגעשטויסען אויף עפעס,

ער האָט דערפיהלט, אַז דאָס איז עפּעס קאַלטעס, גרויסעס, גלי־
טשיקעס. ער האָט ניט געקענט פערשטעהן, וואָס דאָס קען זיין.
„ווער איז דאָס?" האָט ער געפרעגט. „אַ־אַ, דאָס איז ער, דער
הויקערדיגער!" איז געווען דער ענטפער. גינט איז אביסעל אָב־
געטראָטען אין דער זייט, רעכנענדיג אויסמיידען אויף אַזאַ אופן
דאָס שרעקליכע בעשעפעניש, אָבער באַלד שטויסט ער זיך ווידער
אָן עפּעס אָן און פיהלט, אַז דאָס איז עפּעס גרויסעס, קאַלטעס און
גליטשיגעס. ער פרעגט דיזעלבע פראַגע, און בעקומט דעמזעלבען
ענטפער. ווידער וויל ער אויסמיידען דאָס שרעקליכע בעשעפעניש,
אָבער דאָס גיט זיך איהם ניט איין. אַ שטימע זאָגט: „אַ־אַ, דאָס
איז דער גרויסער הויקערדיגער!" פּיער הויבט אָן צו שיסען און
פערטרייבט דאָס בעשעפעניש, ניט טהוענדיג איהם אָן קיין שום
שאָדען. דערזעלבער פּיער האָט אָפט צוזאַמענשטויסען מיט טראָלען
און אַנדערע וואַלד־גייסטער; ער פערטרייבט די טראָלען, וואָס
לעבען צוזאַמען מיט די הירטען־מיידלעך, ער צושטערט אין דאָוורע
אַ הויז מיט די טראָלען־רייכטימער, און ענדליך ווערט וועגען איהם
געזאָגט: „דער דאָזיגער פּיער גינט איז געווען אַ וואונדערבאַרער
מענש, ער האָט געקענט זעהר שעהן דערצעהלען מעשיות און פיינע
ליגענס זאָגען. ער פלעגט שטענדיג פערזיכערען, אַז ער האָט גע־
נומען אַנטייל אין פערשידענע אַוואַנטיורען, וואָס זיינען געשעהן
נאָר אין די גאָר־אַלטע צייטען". אין די פאָלקס־מערכען האָבען
מיר נור וואונקען און צוואָוואָרפענע בעמערקונגען; פון די פראַג־
מענטען האָט איבסען מיט אַ מייסטער־האַנד אויפגעבויט אַ קאָמ־
פּליצירטע פּאָעמע.

אין „פּיער גינט" זעהען מיר דעם מענשען, די מענשען־נאַטור
פון דער שלעכטער זייט. איבסען וואַרפט אויף פּיער'ס אַקסלען
אַרויף אַלע מענשליכע פעהלערען. אין תוך אָבער קען איהם איבסען
ניט פערגעבען איינס, דאָס, נעמליך, וואָס ער וויל אויף די פליגלען
פון פאַנטאַזיע דערהויבען זיך איבער'ן אַרומיגען לעבען, מיט פאַנ־
טאַסטערייען פערטרייבען פון זיך די האַרבע, רעאַלע ווירקליכקייט.
דאָס דעמאָראַליזירט פּיער'ן; פערטרייבענדיג פון זיך אַלע ערנסטע

און בעדייטענדע, אַבזאָגענדיג זיך פון קאמפף און דער נויטיגקייט עפּעס צו ענטשיידען, ווערט דער מענש פערגליווערט אין דער בע־גרענצקייט פון זיין אייגענעם עגאָאיסטישען איך. דאָס, וואָס שאָך בעשרייבט אין זיינע „פאַנטאַזיערען" אלס קראנקהייט, ווערט פון איבסענ'ען בעטראַכט פאַר א זינד. מיט א שווערד אין האנד, פאַלט איבסען אין דער פאָעמע אָן אויף דער נייגונג, וועלכע ווערט פער־דאמט נאָך פון געטע'ס צייטען אָן. קירקעגאָרד כאראקטעריזירט זי „אלס נאַטירליכען און פרעהליכען צייטפערטרייב אין געגענזאַץ צום מאָראַלישען". פּיער גינט איז די פערקערפּערונג פון א פייגען עגאָ־איזם; ער נאַרט זיך און אַנדערע. ווי אַדאַם האָמאָ פאַלט ער אַלץ טיפער און ענדליך (שווין צו דאָקטרינער!) ווערט ער אויסגעלייזט א דאנק דער פרוי, וועלכע האָט שטענדיג געהאָפט און געגלויבט און געליעבט איהם, ניט קוקענדיג אויף זיין נישטיג־קייט. פּיער האָט געזינדיגט, אָבער זי האָט אין משך פון יאָהרען אָבגעהיט זיין ריינע, אידעאַלע געשטאַלט, די געשטאַלט פון'ם אי־דעאַלען פּיער, פון יענעם פּיער, ווי ער האָט געדאַרפט זיין.

וויפיעל קרעפטען זיינען פערשוועגדט געוואָרען אויף דער אונ־דאנקבאַרער טעמע! אבסטראהערט מען פון דעם פערטען אקט, וועלכער איז גאָרניט פערבונדען מיט די פריהערדיגע, האָט רויהיי־טען אנשטאַט איראָניע, איז ניט וויציג און אין'ם לעצטען טייל זיי־נעם גאַנץ אונפערשטענדליך, מוזען מיר זאָגען, אז אפשר האָט איבסען אין קיין דראמא זיינער ניט צושאָטען אזעלכע טיפע גע־דאנקען און אזוי פיעל פּאָעטישע פּערלען, ווי אין „פּיער גינט".

דער ערשטער אקט פון „פּיער גינט" איז א הערליכע, לעבעדיגע הקדמה צום ווערק, וועלכע האָט ניט אין זיך יענע האַלב־סימוואָ־לישע, האַלב־אַלעגאָרישע איראָניע, וועלכע פערדערבט די ווייטער־דיגע אקטען; די בלעטלעך אָטמען מיט א קרעפטיגער פאַנטאַזיע און פרעהליכער שטיפערישקייט, וועלכע פערכאַפּט און דערוועקט א ליידענשאַפטליכען חלק צו זעהן, וואָס ווייטער וועט זיין. דער צווייטער אקט איז א שוואַכערער, און דאָך בעצויבערען אונז די לירישע שענהייטען, וואָס זיינען דאָרט צוזעהט. דער דריטער

אַקט איז הערליך פון אַנהויב ביז'ן סוף; ער צייכענט זיך אויס מיט רייכקייט פון פאַנטאַזיע, טיפקייט פון געפיהל, און א טרויעריג־ראָמאַנטישער שטימונג, וואָס דריקט זיך בעזונדערס שטארק אויס אין די סצענען, וואָס בעשרייבען סאָלוויי'ס קומען צו פּיער'ן אין די לעצטע מינוטען פון פּיער'ס מוטער. אין'ם פינפטען אַקט איז פאַרהאַן איין אונגעוועהנליך שענער פּאָעטישער פּערעל: דאָס איז דער הספד פון'ם פּאַסטאָר אויף'ן עהרליכען אַרימאַן, א מענשען, וועלכער האָט זיין גאַנצען לעבען ערפילט פליכטען, בלייבענדיג אין די גרענעצען פון אן ענגער, שטיקענדער וועלט־אַנשויאונג און קען בעטראַכט ווערען אלס דער אנטיפּאָד פון פּיער גינט'ן. אין יעמזעלבען אַקט בעגעגענען מיר נאָך אַנדערע שעהנע און טיפע ערטער, אָבער דאָס שווערע אַלעגאָרישע געוואַנד צודריקט די ליעבע פאָרמען פון דיכטונג און די שעהנסטע ווערטער און געמעלען פערלירען זיך אין'ם ארומיגען נעבעל.

עס וואָלט געווען פאַלש צו לייקענען, אז אין „פּיער גינט" זיינען פאַראַן שענע ערטער, ווי אויך דאָס, אז אין דער דראַמאַ ווערען געפּרעדיגט גרויסע אמת'ען; אָבער אמת'ען און שענהייטען האָבען א קלענערע בעדייטונג, ווי דאָס אמת'ע און שענע אין איינצאָהל. איבסען'ס פּאָעמע, אלס גאַנצע, איז ניט אמת און ניט עפּעס שענעס; פעראַכטונג און פיינדשאַפט צו מענשען, אויף וועלכע „פּיער גינט" איז געבויט, זיינען א שלעכטער באַזיס פאַר'ן פּאָעטישען געבוי. דעם דיכטער'ס וועלט־אַנשויאונג איז פול מיט פערביטערונג און בייזקייט; עס וואונדערט דיך, וואָס דער דיכטער קען האָבען א פערגניגען פון אזא שרעקליכער לעסטערונג פון דער מענשליכער נאַטור! איבסען ערלויבט זיך צו פיעל, ער געהט אריבער די גרענעצען פון'ם ערלויבטען. רעדענדיג וועגען מאָראַליסטען־דיכטער, זאָגט טען ערגעץ אזעלכע ווערטער: „דער מענש איז ניט קיין אויסוואורף אָדער מאָנסטר; עס איז ניט די אויפגאַבע פון'ם דיכטער צו לעסטערען דעם מענש. אונזערע אונפאָלקאָמענהייטען זיינען נאַטירליך; דאָס, וואָס מאַכט אויף אונז דעם איינדרוק פון מיאוסקייט, איז א פאָרם; דאָס, וואָס איז, דוכט אונז, א

פערניינונג פון געזעץ, איז אין תוך א מאניפעסטאציאָן פון געזעץ".

דאָס הייסט, אז דער דיכטער האָט זיך זיין אויפגאבע, ער איז ניט פאמפלעטיסט, ער דארף ניט צו־נישט מאכען דעם מענש, ווי איבסען טהוט עס אין'ם פערטען אקט פון זיין פאָעמע; דאָס הייסט נאָך, אז דער דיכטער האָט זיך זיין ראָל, און דארף ניט שפּילען די ראָל פון א מאָראליסט. ער מעג זיך האָבען זיין אייגענע פילאָסאָפיע און זי דארף גאָרניט זיין אויסגעדריקט אין אן אָנגענומענער אקאדעמיש־פילאָסאָפישער פאָרם, אָבער די פילאָסאָפיע פון'ם דיכטער דארף איהם פערוועהרען צו זאָגען מוסר, ווערען דרשן, מאָראליסט. א מאָראליסט איז א מענש, וואָס גרינדעט אבסטינענץ־געזעלשאפטען און מיינט, אז ער האָט אויפגעטהון עפּעס גרויסעס, אויב איהם האָט זיך איינגעגעבען ארויפצופיהרען אויף'ן ריכטיגען וועג דעם זינדיגען מענש. דער פילאָזאָף איז א טיפערער מענש: ער פרעגט זיך, צי שכור'ט ניט דער זינדיגער פויער טאקי דערפאר, וואָס ער וויל זיך פערגעסען, אזוי ווי מיר פערגעסען זיך, אריינטהוענדיג זיך אין וויסענשאפט און קונסט. ער געהט ווייטער און פרעגט, צי וועלען מיר נאָך ניט ברענגען שאָדען דעם אָרימען פויער דערמיט, וואָס מיר וועלען ארויסרייסען פון זיינע הענד דעם פערשכור'ענדען געטראנק. „יאָ, גוט, זאָגט פיער גינט, איינער טרינקט בראנפען, דער אנדערער פער'שכור'ט זיך מיט ליגענס". עס איז פערדעכטיג, וואָס דער דיכטער האָט אלץ צו טהון מיט אזעלכע אבסטראקטע בעגריפען, ווי ליגען, פאנטאזיע, אילוזיאָן. ער אטאקירט זיי אונרחמנות'דיג; ער איז א מאָראליסט אין'ם דיכטער־מאנטעל. ווען ער זאָל זיין פילאָסאָף — און א פילאָסאָף דארף זיין יעדער דיכטער! — וואָלט איבסען פערשטאנען, אז לעבען אָהן פאנטאזיע איז אונמעגליך און אויב אילוזיאָן איז אָפט געפעהרליך, איז זי אָבער אָפט אונפערמיידליך, דאָס הייסט, נויטיג, און אָפט טרייסט זי, דערפרעהט און שטארקט אונז, דאָס הייסט, איז נויטיג. אָבער איבסען האָט ניט קיין חשק צו טראכטען אזוי. ער איז אן אנדערער מענש. ער פיהלט זיך בעסער אין דער ראָל פון אפּאָסטאָל און קעמפפער.

צווייטער איינדרוק.

(1882)

I

ווען הענריק איבסען האָט, זייענדיג אַלט זעקס־און־דרייסיג יאָהר, פערלאָזען נאָרוועגיען און געגאַנגען אין גלות, פון וועלכען ער האָט זיך ביז איצט ניט צוריקגעקעהרט, איז ער געווען דערשלאָגען און פערביטערט. זיינע ביז איצטיגע ערפאַהרונגען זיינען ניט געווען קיין פרעהליכע; אין׳ם שאָטען פון לעבען האָט ער איבערגעלעבט די יוגענד־יאָהרען. ער איז געבאָרען געוואָרען אין א קליינעם נאָרוועגישען שטעדטעל סקיען. זיינע עלטערען האָבען געשטאַמט פון גרויסען יחוס. דער פאָטער איז געווען א בעדייטענדער סוחר, האָט געפיהרט גרויסע געשעפטען און איז געווען זעהר גאַסטפריינדליך. אין׳ם יאָהר 1836 האָט ער באַנקראָטירט. די פאַמיליע האָט זיך געמוזט אריבערציהען אין א קליינע זומערוואוינונג ניט ווייט פון שטאָדט. די איבסענס האָבען איבערגעריסען אַלע זייערע פערבינדונגען מיט די געזעלשאַפט־קרייזען, מיט וועלכע זיי האָבען פריהער געהאַט צו טהון. איבסען האָט אויסגענוצט זיינע קינדישע ערינערונגען, בעשרייבענדיג אין „פּיער גינט“ דאָס לעבען אין׳ם הויז פון׳ם רייכען מאַן גינט. ער איז געוואָרען א לעהר־אינגעל אין אַפּטעק. ערשט זייענדיג צוויי־און־צוואַנציג יאָהר אַלט האָט ער זיך גענומען סיסטעמאַטיש לערנען. דאָס איז איהם אָנגעקומען זעהר שווער. ער האָט אויך דאַמאַלס ניט געהאַט ניט קיין חשק, ניט קיין מיטלען צו נעהמען זיך צו א

ליבעראלען פראפעסיאן. א לאנגע צייט איז ער געווען אזוי פערענגט אין געלד, אז ער האט ניט געקענט עסען מיטאג יעדען טאג. אין שווערען קאמפף איז פערגאנגען איבסען'ס יוגענד; זיצענדיג אונטער'ן פאטער'ס דאך איז ער, ווייזט אויס, געבליבען ניט־בעשיצט פון דער לעבענס־נויט.

דאס שפילט אבער ניט אזא ראל אין אזא ארים און דעמאקראטיש לאנד, ווי נארוועגיען. דערצו האט איבסען, ווי אלע יונגע לייט און דיכטער, געהאט די פעהיגקייט בעגייסטערט צו ווערען פון אידעען און, לעבענדיג א פער'חלום'טער אין זיין אייגענער וועלט, האט ער פארגעסען אן זיינע צרות. דאך מוז ארעמקייט אין דער יוגענד זיך אברופען אויף'ן מענשענ'ס כאראקטער. זי קען דערשלאגען א מענשען, אדער דערוועקען אין איהם אונצופרידענהייט און דעם אפאזיציאנס־גייסט, אדער אויפ'ן גאנצען לעבען פערביטערען דעם יונגען מענשען, מאכען איהם אונאבהענגיג אדער אונזיכער. אויף איבסען'ס רעזערווירטע, קאמפפסלוסטיגע, סאטיריש־געשטימטע נאטור פון א מענשען, וועלכער איז גענייגט מעהר נייגעריג צו בעטראכטען די ארומיגע, ווי זיך צופאסען צו זיי, האט ארעמקייט געדארפט ווירקען שטארק; זי האט איהם פראוואצירט צום קאמפף, ענטוויקעלט אין איהם א געוויסע אונזיכערקייט און אונגעלומפערטקייט, פערשארפט זיין אמביציאן אויסצוצייכנען זיך אזוי, אז ער זאל זיך קענען פיהלען ווי אן אייגענער אין יענע געזעלשאפטליכע קרייזען, פון וועלכע ער איז אבגעריסען געווארען אין דער יוגענד. ענדליך האט ארעמקייט דערוועקט אין איבסענ'ען דאס בעדערפעניש צו שטעהען פעסט אויף אייגענע פיס, זיין אונאבהענגיג און טריי זיך אליין.

איבסען, וואס איז מיט די יאהרען געווארען א זעהר געזעצטער מענש און געפיהרט א רעגעלמעסיגען, פעדאנטישען און פלאנמעסיגען לעבען, איז אין דער יוגענד געווען ניט גאנץ רעספעקטאבעל און האט געהאט פיעל אויסצושטעהן פון די בייזע צונגען פון די רכילות־טרייבער פון'ם קליינעם שטעדטעל, וואס האט ליעב צו האלטען אן אויג אויף יעדען איינעם און וועט קיינמאל ניט מוחל

זיין א מענשען, בעזונדערס א בעדייטענדען, אונגעוועהנליכען מענש, דעם קלענסטען פרייען ריהר. איבסען האט אין יענע יאהרען געהאט צרות פון קרעדיטארען, וועלכע האבען געמאנט זייער געלד און די מאראל־זוכענדע וייבער, וואס האבען געשאטען פעך און שוועבעל אויף זיינע פערדעכטיגע פיהרונגען. אין יענער צייט האט שוין איבסען געהאט אנגעשריבען פיינע פאעמען און פערשידענע דראמען, וואס זיינען איצט בעריהמט, פון וועלכע אייניגע ווערען אפילו בעטראכט פאר די בעסטע ווערק זיינע, אבער דאמאלס זיינען זיי ערשינען אין ביליגע, שלעכטע אויסגאבען, זיינען געדרוקט געווארען אויף עקעלהאפטען פאפיר, זיינען זיך קוים צוגאנגען אין עטליכע הונדערט עקזעמפליארען און ניט ארויסגערופען קיין אינטערעם; אפילו זיינע פריינד האבען גאנץ קאלט און איינגעהאלטען גערעדט פון דעם דיכטער׳ס טאלענטען. נארוועגיען איז נמאס געווארען איבסענ׳ען. זייענדיג פאלעמיש און סארקאסטיש געשטימט, האט ער אין׳ם יאהר 1862 פערעפענטליכט זיין „קאמעדיע פון ליעבע“, וועלכע שפאט אב פון דער קאנווענציאנאלער עראטיק פון פוליסטער, אבער דריקט אויס אין דערזעלבער צייט א טיפען צווייפעל אין דער מאכט פון יעדער ליעבע. איבסען גלויבט ניט, אז ליעבע קען בעשטעהן אין׳ם קאמפף מיט די טעגליכע צרות און זארגען און האט שטארק מורא, אז אין׳ם לאנגווייליגען שטראם פון אלע טעג פון׳ם פערהייראטעטען לעבען זאל ניט דערטרונקען ווערען איהר אידעאלער כאראקטער און ליידענשאפטליכער טעמפ. איבסען האט געמוזט וויסען, אז אונטער דעם דרוק פון׳ם אינסטינקט פון זעלבסט ערהאלטונג האט די געזעלשאפט זיך געהאלטען שטענדיג אין איינריידען אין דער אייביגקייט פון א געזונדער ליעבע, אבער ער איז געוועזן אזוי יונג און מוטיג, אז ער איז געוועזן גרייט בעסער צו רעכטפערטיגען די טריוויאלסטע פארשטעלונגען וועגען הייראט, ווי זיי ווערען אויסגעדריקט אין׳ם בונד פון דער פערחלום׳טער סוואנהילד און דעם פראקטישען גולדסטאד, איידער צו בעהאלטען זיין סקעפטישע בעציהונג צו דער אנגענומענער דאגמאטיק פון ליעבע.

„די קאָמעדיע פון ליעבע“ האָט סקאַנדאַליזירט די גאַנצע געזעלשאַפט. איבסענ׳ען האָט מען ניט געקענט פערצייהען, וואָס ער פאַלט אָן אויף דעם ריטואַל פון ליעבע, אויף די פערלאָבונגען, הייראַטען און אַלע אָנגענומענע פאָרמען פון עראָטיק. אָנשטאָט מודה צו זיין זיך, אַז ער איז ניט אינגאַנצען אומגערעכט, האָבען מענשען, ווי עס פיהרט זיך געוועהנליך, אָנגעהויבען צו גראָבען זיך אין׳ם פריוואַט-לעבען פון׳ם דיכטער און אינטערעסירען זיך מיט די געהיימניסען פון זיין הייראַט. איבסען האָט מיר איינמאָל געזאָגט: „די געדרוקטע קריטישע אַרטיקלען האָט מען נאָך געקענט פערטראָגען, אָבער דאָס, וואָס מיר איז אויסגעקומען פערזענליך צו הערען וועגען דער פיעסע, איז געווען איינפאַך אונאַנשטענדיג און אונערטרעגליך“. הענריק איבסענ׳ען האָט מען פערשריבען אַלס אַ טאַלאַנטפולען mauvais sujet. אפילו אזא וואונדערבאַר ווערק, ווי „די פרעטענדענטען אויף׳ן טראָן“, וואָס איז ערשינען אין׳ם יאָהר 1864, האָט ניט געקענט רעהאַביליטירען דעם דיכטער און מאַכען איהם אַ בעסערען נאָמען. אויב די קריטיק איז ניט געווען צו שטרענג צו איהם, האָט זי יעדענפאַלס ניט אָבגעשאַצט דעם ווערט פון׳ם ווערק לויט זיינע פערדינסטען. די פיעסע האָט ניט געמאַכט קיין שום איינדרוק אין איהר צייט. אין דענעמאַרק איז זי זיך צוגאַנגען ניט מעהר, ווי אין צוואַנציג עקזעמפּלאַרען. ערשט „בראַנד“ האָט בעקאַנט געמאַכט דעם דיכטער אויסער די גרעניצען פון נאָרוועגיען. דאָס, וואָס איך האָב געשריבען וועגען איבסענ׳ען אין׳ם יאָהר 1867, איז געווען די ערשטע אָבהאַנדלונג וועגען דעם גרויסען שרייבער, וועלכע איז ערשינען אין דרוק.

איבסען האָט געהאַט ניט נור פערזענליכע ענטוישונגען. איהם האָט זעהר עמפּערט נאָרוועגיען׳ס פּאָליטיק אין דער צייט פון דער דעניש-דייטשער מלחמה. ווען נאָרוועגיען און שוועדען האָבען זיך אין יאָהר 1864 אָבגעזאָגט צו פערטיידיגען דענעמאַרק אין איהר קאַמפּף מיט עסטרייך און פּרייסען, ניט קוקענדיג אויף די קלינגענדיגע פערשפּרעכונגען פון דער פּאַטריאָטישער פּרעסע און סטודענטען-פערזאַמלונגען, וועלכע האָבען, לויט איבסען׳ס איבערצייגונג,

פערפליכטעט די סקאַנדינאַווישע וועלט צו שטעלען זיך אַנטקעגען דעם שונא, — האָט איבסען דערפיהלט אַן עקעל צו נאָרוועגיען, אויף וועלכען ער האָט געקוקט, ווי אויף אַ נעסט פון פייגהייט, צו־לאַזענקייט און שרעקעדיגקייט. ער האָט זיך געאיילט וואָס גיכער צו פערלאָזען זיין היימאט. פון יענער צייט אַן זיצט איבסען אין אויסלאַנד; ער וואַנדערט פון איטאַליען קיין דרעזדען, פון דרעזדען קיין מיונכען, קומט ווידער קיין איטאַליען און ווידער קיין מיונכען, פערבלייבענדיג צו פינף־זעקס יאָהר אין די דייטשע שטעדט. די אַלע יאָהרען האָט איבסען געפיהרט אַ שטיל, רוהיג פאַמיליען־לע־בען, אָדער ריכטיגער: אין די גרענעצען פון׳ם פאַמיליען־קרייז האָט ער זיך אויסגעבויט זיין אייגענע וועלט, אַ וועלט פון אַנגעשטרענג־טער ארבייט. אין יעדער שטאָדט האָט ער זיך בעגנוגנט מיט די בעדייטענדסטע פערזענליכקייטען; ער האָט זעהר פריינדליך אויפ־גענומען אַלס געסט די סקאַנדינאַווען, וואָס זיינען ארומגעפאָהרען אין אויסלאַנד. איבסען האָט ניט געהאַט קיין רוה און ניט גע־וואוסט פון אַ זיכערען, איינגעשטעלטען לעבען אין די דאָזיגע גלות־יאָהרען. ער האָט געלעבט ווי אין אַ זומער־געצעלט, אזוי ווי אויף׳ן ביוואוּאַק. פון׳ם יאָהר 1864 האָט ער זיך ניט געלעגט שלאָפען אויף אַן אייגענעם בעט, ניט געזעצט זיך עסען צום אייגענעם טיש. ער איז געווען אַן עמיגראַנט, אַ פרעמדער אין אויסלאַנד. ער האָט זיך געוואוינט צו פיהלען היימיש אין אַ אונהיימישער, אונהיימ־ליכער סביבה. זייענדיג ביי איהם דאָס לעצטע מאָהל, האָב איך איהם געפרעגט, צי האָט ער ניט עפּעס אייגענס אין זיין קווארטיר; ער האָט אַנגעוויזען אויף עטליכע בילדער אויף דער וואַנד. דאָס איז געווען זיין גאַנץ אייגענטום. אפילו איצט, שוין האָבענדיג מיטלען, פיהלט ניט איבסען קיין בעדערפניש אין אַן אייגענעם הויז, אָדער אַ גוט, ווי ביערנסאָן. ער האָט זיך צושיידט מיט זיין פאָלק און צוריסען אַלע פערבינדונגען מיט דער געזעלשאַפט; ער פערנעמט זיך מיט קיין ארבייט ניט, וואָס וואָלט קענען איהם פער־בינדען מיט עפּעס אַ אינסטיטוציאָן, אָדער פּאַרטיי, אָדער אַ ציי־

טונג אין סקאנדינאוויען. איבסען איז אן אבסאלוט איינזאמער. פון זיין איינזאמקייט שרייבט ער:

„פאלק מיינס, וואס האסט מיר געגעבען צו טרינקען ביז'ן דעק פון דעם ביטערען, היילזאמען, שטארקען געטראנק, וואס האט געשטארקט דעם דיכטער, ווען ער איז געשטאנען אויף'ן ראנג פון קבר, — דו פאלק, וואס האסט מיר דערלאנגט דעם שטעקען פון וואנדערער, ארויפגעווארפען אויף מיינע אקסלען די לאסט פון נויט און איינגעהילט מיינע פיס אין די סאנדאליען פון זארגען, — טרויריגע מתנות אויף'ן וועג! — דו זיי מיר געגריסט!"

אפט דערמאנט זיך דער דיכטער אן זיין פאטערלאנד און ווידמעט איהם זיינע אריגינעלע, אינטערעסאנטע דראמען, אבער איבער אלע זיינע ווערק, סיי נייע, וואס ער האט געשריבען אין נארוועגיען, סיי די אנדערע, וואס זיינען אין אויסלאנד געשריבען געווארען, הויערט דיזעלבע שווערע שטימונג, וואס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר איהם, — א שטימונג, וואס איז געמישט פון טרויער, האפנונגסלאזיגקייט און שטארקער אינדיווידואליטעט. די דאזיגע מעלאנכאלישע שטימונג דרינגט דורך אלע יענע טיילען פון זיינע ווערק, וועלכע מאכען אויף אונז דעם שטארקסטען איינדרוק. פרואווט זיך דערמאנען אן זיי: אין דער פאעמע „אויף די בערג", דערצעהלט דער דיכטער, ווי ער שטעהט אויף'ן שפיץ בארג, זעהט, ווי עס צינדט זיך אן דער מוטער'ס שטוב, דאס פייער ווערט שטארקער, פרעסט אויף די שטוב, די מוטער, און ער, א פערצוויייפעלטער, א פאראליזירטער, שטעהט און קוקט, ניט קענענדיג ריהרען מיט א גליד, קוקט און וואונדערט זיך אויף דער עפעקטפולער, שוידערליכער נאכט-בעלייכטונג. אן אנדער ליד איז דאס ליד „פון מיין היימישען לעבען", אין וועלכען די געפליגעלטע בעשעפענישען פון דעם דיכטער'ס פאנטאזיע צופליהען זיך, ווי נור ער דערזעהט זיך צופעליג אין'ם שפיגעל א פערשלאפענעם, מיט בלייערנע-גרויע אויגען, צוגעקנעפעלטען ראק און הילצענע פאנטאפלען; ווי ערשטווינענד איז בראנד, ווען ער רייסט ארויס פון דער פרוי'ס הענד די קליידער פון'ם פערשטארבענעם קינד, אדער ווען ער זאגט זיך

אָב צו רעטען זיין אָרימע מוטער פון'ם העלישען פייער; נעמט די טיעף־אָריגינעלע סצענע אין „פּיער גינט“, ווען דער ליגנערישער מענש געהט אין גן־עדן אריין, אָבנאַרענדיג די וועכטער; ס'אַרא שווערען איינדרוק מאַכען אויף נאַרא'ס ליידען, די ליידען פון דעם אָרימען שמעטערלינג, וואָס ווערט געשטאָכען מיט א שאַרפער נאָדעל גאַנצע דריי אַקטען און ווערט ענדליך דערשטאָכען. נעמט די אַלע וואונדערבאַרע סצענען צוזאַמען און קוקט זיך איין אין זיי און איהר וועט דערפיהלען, אז זיי זיינען פּאַטעטיש, מעכטיג, ריהרענד דערפאַר, וואָס זיי אַלע זיינען אָנגעזעטיגט מיט א שווערען, האָפנונגסלאָזען טרויער פון'ם דיכטער. דאָס, וואָס אין דעם מאַלער'ס בילד איז דער הינטערגרונד — לאַנדשאַפט, דאָס איז אין איבסען'ס געמעלען זיין שווערע, מעלאַנכאָלישע שטימונג. צייטענווייז דערגעהט דער דאָזיגער גרונדטאָן ביז צום טראַגישען שרעק, אָבער דאָס איז ניט דערפאַר, וואָס איבסען וויל שרייבען טראַגעדיען. האָט דאָך אויך שילער און עלענשלעגער געשריבען טראַגעדיען, זיי זיינען דאָ און דאָרט בעשטראַהלט מיט'ן ליכט פון טרויער, אָבער ניט אויסגעוועבט נור פון טרויער, ווי ביי איבסען'ען. אפילו דער אוטאָר פון „קעניג ליר“ און „מאַקבעט“ האָט געשריבען אַזעלכע האַרמאָנישע, לייכטע זאַכען, ווי „דער שטורם“ אָדער „א מיטזומער־נאַכט־חלום“. ביי איבסען'ען איז דאָס אַנדערש. די שווערע שטימונג איז זיין גרונדשטימונג. עס האָט גאָר אַנדערש ניט געקענט זיין, ווייל איבסען איז געוועזען א געבאָרענער אידעאַליסט, וועלכער האָט פון די יונגסטע יאָהרען אָן געבענקט נאָך דער אידעאַלער, ספּיריטועלער, אונמעגליכער שענהייט; ער איז געוועזען שטרענג, ריגאָריסטיש, טעווטאָניש, נאָרדיש און גענייגט אונטער דער ווירקונג פון כריסטליכע אַנשויאונגען צו קוקען אויף אַלץ, וואָס איז זינליך, ווי אויף עפּעס מיאוסעס, זינדיגעס און בעוואונדערען נור דאָס מאָראַליש־שענע, דאָס גייסטיגע און פערגייסטיגטע. אין תוך איז איבסען געוועזען א שעמעוודיגער, ד. ה. עס איז געגוג געוועזען, אז ער זאָל זיך ענטווישען א פּאָר מאָל און שוין פערקריכט ער אין זיין הייל, בעהאַלט זיך פון דער וועלט, פיהלענדיג א טיפען אונ־

צוטרוי צו איהר. שוין אין דער פריהעסטער יוגענד זיינער האט איבסען דערפיהלט זיך בעליידיגט, ערנידריגט, אבגעשטויסען פון דער געזעלשאפט; ער איז געווען נאאיוו, האט געוואלט גלויבען יעדען, בעוואונדערען אלץ און פון איהם האט זיך די וועלט אבגעקעהרט. מיר דוכט, אז דער ערשטער טיפער איינדרוק, וועלכען ער האט אלס אינטעלעקטועל־ענטוויקעלטע פערזענליכקייט בעקומען פון דרויסען, איז געווען דער איינדרוק, אז דאס מאראלישע, דאס אידעעלע איז א זעלטענהייט אין דער היינטיגער געזעלשאפט און אין מינוטען פון צארן און פערביטערונג האט ער געמוזט אודאי זיך זאגען, אז דאס מאראלישע איז גלאט א נישט געשטויגענע, נישט־געפלויגענע געשיכטע, וואס האט ניט קיין בעשטאנד אין דער ווירקליכקייט. ער האט געזוכט גייסטיגע שענהייט און איז ענטוישט געווארען, ניט געפינענדיג זי. איצט האט ער דערפיהלט א בעדערפעניש אויסצושרייען פאר דער וועלט דעם טרויעריגען אמת, וועלכער ווערט פערדעקט מיט'ן פאלשען גלאנץ פון פראזען און ליגענס. די ארומיגע אטמאספערע איז געווען אנגעזעטיגט מיט די הויכע ווערטער וועגען אידעאלען, אייביגער ליעבע, טיפען ערנסט, טרייהייט, ענטלאסענהייט פון כאראקטער, דעם נארדישען פאטריאטישען געפיהל („ס'ארא קליין פעלזענפעסט פאלק אונזערע נארוועגער זיינען“); ער האט זיך אומגעקוקט, צוגעהערט, געפארשט און ניט געפונען אין דער ארומיגער ווירקליכקייט די אלע גוטע זאכען, וועגען וועלכע אלע האבען געהאלטען אין איין רעדען. אזוי האט זיין גרויסע ליעבע צו אידעאלען געבראכט איהם דערצו, אז ער האט אנגעהויבען צו קוקען אויף אלען רעאלען, ווי אויף פאלשקייט און אילוזיאן. אינסטינקטיוו ציהט איהם אויסצופרואווען, צי איז ווירקליך עבט דאס, וואס ווערט געהאלטען פאר עכט, און ער וואונדערט זיך גאר נישט אדער גאנץ ווייניג, ווען ער איבערצייגט זיך, אז דאס עכטע איז גאר פאלש. ליידענשאפטליך טאפט ער אויס מיט זיינע פינגער יעדען כלומרשט'יג־עכטען מעטאל און הערענדיג, ווי הויל דאס איז, פרעהט עס איהם, וואס ער האט געטראפען און עס טהוט איהם וועה, וואס ער האט ניט געהאט קיין

טעות. בעגעגענדיג זיך מיט אַלעם כלומרשט־גרויסען, פלעגט ער פרעגען: צי איז דאָס גרויסע ווירקליך גרויס? (אַ בריף אין פערזען צו אַ שוועדישער דאַמע). ער האָט אַן אונגעוועהנליך שאַרפען אויג, וואָס בעמערקט יעדען עגאָאיזם און ליגנערישקייט, די פאַלשקייט, וואָס איז פערבאָרגען אין די פערחלומ׳טע געמעלען פון דער פאַנטאַזיע, די נידריגקייט און וואולגאַריטעט, וואָס פערדעקט זיך אָפט מיט הויכע פראַזען וועגען פּאָליטישער פרייהייט און פּראָגרעס. ביסלעכווייז איז דער אונצוטרוי צו אַלעם אידעאַלען און מאָראַלען געוואָרען אַ געוואוינהייט און ליידענשאַפט. זי האָט אריינגעגאָסען אין איהם מוט, געטריבען איהם אַלץ ווייטער און ווייטער. ער האָט ניט קיין אָבשיי פאַר קיינע הייליגקייטען, איהם האָט ניט אָבגעהאַלטען קיין פערבאָט; ער איז ניט אָבגעטראָטען פאַר׳ן אידילישען גליק פון רוהיגען פאַמיליען־לעבען, און ניט אָבגעשראָקען זיך פאַר די זיכערע דאָגמען פון געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציאָן. און וואָס ווייטער ער איז געגאַנגען אין זיין אַנאַליז, אַלץ מוטיגער האָט ער פּראָקלאַמירט די רעזולטאַטען זיינע. ער האָט דאָס גרעסטע פערגניגען דערפון, וואָס ער קען בעאונרוהיגען, רייצען אַלע יענע, וואָס האָבען אַ אינטערעס צו רעכטפערטיגען מיט ליגענס די אומגערעכטיגקייטען פון׳ם לעבען.

איבסען׳ען האָט זיך געדוכט, אַז מענשען רעדען צופיעל וועגען אידעאַלען, וועלכע ווערען קיינמאָל ניט פערווירקליכט אין לעבען. ער האָט געפיהלט, וואָס ווייטער אַלץ זיכערער, אַז מענשען האָבען זיך עפּעס ווי צוגויפגערעדט צו פערשווייגען אַלעם בייזע, שרעקליכע און טרויריגע, וואָס איז אין ווידערשפּרוך מיט די פערהייליגטע אידעאַלע פאָדערונגען. אין פיינער געזעלשאַפט איז ניט איינגעפיהרט צו דערמאָנען אַזעלכעס, עס איז דאָך אַזוי אונגלויבליך, אַזוי אונאַנשטענדיג; אין דער פּאָעזיע ווערט דאָס פערשוויגען, ווייל ס׳איז צו פיינליך, צו אונאַנגענעהם און אַ קאָנווענציאָנעלע עסטעטיק האָט בעשטימט, אַז דאָס מיאוסע, שאַרפע, פיינליכע איז אונעסטעטיש. אַזוי איז איבסען געוואָרען דער דיכטער פון שווערען טרויער; אַזוי האָט ער זיך צוגעוואוינט צו פערדיגען אין בי־

טערער, שארפער פארם זיינע טרויריגע אמת'ען, האלטענדיג זיך אן א זייט פון דעם המון און געזעלשאפט.

קוקט מען זיך איין גוט אין'ם דיכטער'ס געזיכט, לעזט מען אויף דארט דאס, וואס ער האט אויסגעדריקט אין זיינע פאעמען און דראמען. איבסען'ס געזיכט איז שטרענג, אויף איהם איז אויס־געגאסען עפעס בייזעס, סארקאסטישעס, אבער פון צייט צו צייט בליצט דורך א אינערע גוטסקייט, א ווייכקייט, עפעס צארטעס. איבסען איז נידריגער פון מיטעלוואוקס, פעסט געבויט, ער קליידט זיך עלעגאנט, געהט לאנגזאם, האלט זיך מיט ווירדע און האט פיי־נע מאנירען פון א ארעליגען. ער איז שוין ניט מעהר יונג; א הערליכע לעוועלור פון לאנגע האר, וואס זיינען שוין גראהליך, מאכט נאך אינטערעסאנטער זיין אינטערעסאנט געזיכט. זיין שטערען, וואס פערנעמט דעם גרעסטען טייל פון קאפ, איז אן אונגעוועהנ־ליכער: ער איז הויך, ברייט, כמעט פערפענדיקולער און אין דער־זעלבער צייט פיין מאדולירט; אין איהם פיהלט זיך גרויסקייט און אינטעלעקטועלע קראפט. זיין מויל איז אזוי צוזאמענגעפרעסט, אז די ליפען זעהען זיך כמעט ניט אן. אן דעם ענערגישען מויל קענט איהר דערקענען, אז איבסען האט פיינד צו רעדען פיעל און איז אן ענטשלאסענער מענש. אין א גרויסער געזעלשאפט עפענט ער זעלטען דאס מויל, גלייך ווי ער וואלט געווען א שטומער אדער א צובייזערטער וועכטער פון דעם פערשלאסענעם, געהיימניספולען אינערען הייליגטום. גוט פיהלט ער זיך אין דער געזעלשאפט פון א פריינד אדער א קליינעם קרייז, אבער ער איז קיינמאל צו רע־דעוודיג און אפענהערציג. א פראנצויז, וועלכען איך האב אין רוים געוויזען רונעבערג'ס ביוסט פון'ם דיכטער, האט געזאגט: ער איז מעהר שארפזיניג, ווי פאעטיש. יעדען איינעם, וואס זעהט איב־סען'ען, ווארפט זיך אין די אויגען, אז ער איז א סאטירישער דיכ־טער, א מעלאנכאלישער דענקער, אבער ניט וויזיאנער. זיינע בע־סערע פאעמען אבער, ווי צ. ב. „פערשוואונדען" און אנדערע בע־וויזען, אז געשאנקען האט איהם די פארזעהונג א לירישען פעגאס,

אָבער אין׳ם לעבענסקאַמפּף איז דאָס עדעלע פעלד געוואָרען טויט, אראַבוואַרפענדיג פון זיך דעם רייטער.

אויף איבסען׳ס געזיכט האָב איך געכאַפּט אין פערשידענע צייטען צוויי ענטגעגענגעזעצטע אויסדרוקען. איז ער גוט גע־שטימט, שמייכעלט ער מיט א גוטען, דעליקאטען שמייכעל; די פּערגליווערטע מאַסקע ווערט אויפגעלעבט פון׳ם שטראָם פון האַר־ציגקייט און וואַרימקייט, וואָס פליסט אַרוים פון די בעהעלטעני־שען פון דער זעעלע. איבסען איז אין א געוויסען זין שעמעוודיג, ווי אַלע מעלאַנכאָלישע און ערנסטע נאַטורען, אָבער זיין וואונדער־באַרער שמייכעל דרינגט אריין אין האַרץ, און אין׳ם קוק זיינעם, אין׳ם שמייכעל, אין׳ם דרוק פון דער האַנד דערפיהלט איהר דאָס, וואָס דער שטרענגער מענש וואָלט קיינמאָל ניט געקענט אָדער גע־וואָלט זאָגען. איבסען האָט אויך א געוואוינהייט צו שליידערען זיינע טרעפענדע, לאַקאָנישע, שוין גאָר ניט גוטמוטיגע בעמערקונ־גען, שמייכלענדיג דערביי אזוי שטיפעריש, גוטמוטיג־שפּאָטיש, אז בייז ווערען אויף איהם איז אונמעגליך. דער שמייכעל שוואַכט אָב די ביטערקייט פון׳ם שניידענדען איינפאַל.

אָבער מיר איז אויסגעקומען ניט איין מאָל צו בעמערקען אויף איבסען׳ס געזיכט גאָר אַן אַנדער אויסדרוק. פּלוצלונג ווערט דאָס געזיכט זיינס אונגעדולדיג, צאָרניג, סאַרקאַסטיש, צינדט זיך אָן מיט׳ן פייער פון גערעכטער עמפּערונג, ווערט כמעט אונרחמנות׳דיג־אכזריש, דערמאַנענדיג אונז אָן די ווערטער זיינע אין דער וואונ־דערבאַרער פּאָעמע „טעריע וויגען“.

„אָבער פּלוצלונג צוגליהען זיך צאָרניג זיינע אויגען, ווי די בליצען אין א שטורמישען טאָג — און ווענינע, גאָר ווענינע, האָבען דעם מוט צו קוקען דאַמאָלס טעריע וויגענטען גלייך אין די אויגען“.

אזא אויסדרוק נעמט מייסטענס די זעעלע פון׳ם דיכטער אָן אנטקעגען דער געזעלשאַפט.

איבסען איז א געבוירענער קעמפּפער; זיין ערשטע פּאָעטיש ווערק „קאַטילינא“ איז שוין געווען א דעקלאַראַציאָן פון מלחמה. אין׳ם משך פון׳ם גאַנצען לעבען, זייט ער האָט דערפיהלט, אז ער

איז א רייפער מענש — אגב, איז דאָס געשעהן גאַנץ שפּעט, — האָט איבסען קיינמאָל ניט געצווייפעלט, אז אויב מען זאָל איהם, דעם איינצעלנעם, שטעלען אויף איין וואָגשאָל, און אויף דער אַנ־דערער — דאָס, וואָס ווערט גערופען געזעלשאַפט, וואָס איז אין איבסען׳ס אויגען די פערקערפּערונג פון אַלע יענע, וואָס האָבען מורא פאַר׳ן אמת און פערשמירען פּעהלערען און פערדאָרבענקייטען מיט הויכע פראַזען, וואָלטען דיביידע וואָגשאָלען אין׳ם ערגסטען פאַל געבליבען אין גלייכגעוויכט. אן אינטערעסאַנטען פּאַראַדאָקס איז מיר אויסגעקומען צו הערען ניט איינמאָל פון איבסענ׳ען: ער האָט בעהויפּטעט, אז אין דער וועלט איז פאַראַן אין א בעשטימטען מאָ־מענט א געוויסע סומע גייסט, וואָס ווערט צוטיילט צווישען אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט; זיינען איינציגע מענשען זעהר טאַלענטפול, — ווי צ. ב. שילער און געטע אין זייער צייט אין דייטשלאַנד, — מוזען די איבריגע זיין פּראָפּאָרציאָנעל נארישער. איבסען האָט, ווייזט אויס, געגלויבט, אז פאַר זיינע צייטגענאָסען אין נאָרוועגיען איז געבליבען ניט צופיעל גייסט, נאָך דעם ווי ער האָט בעקומען זיין אונגעוועהנליכען טייל.

איבסען האָט ניט דאָס בעוואוסטזיין, אז ער איז א מיטגליד פון א געזעלשאַפט, א פיהרער פון א גרופּע, א זוהן פון זיין נאַ־ציאָן, א טייל פון עפּעס א גאַנצען; ער פיהלט נור, אז ער איז געניאַל, א פּערזענליכקייט. פּערזענליכקייט איז דאָס איינציגע אין דער וועלט, וואָס איבסען שעצט; ער גלויבט אין פּערזענליכקייט — און נור אין פּערזענליכקייט. אין איבסען׳ס עמאַנסיפּירטקייט פון אַלע נאַטירליכע בעציהונגען, אין זיין פערהערליכונג פון דער אינדיווידואַליטעט אלס אינטעלעקטועלער קראַפט איז דאָ עפּעס, וואָס דערמאָנט אונז שטאַרק אָן יענעם מאָמענט אין דער נאָרוועג־גישער געשיכטע, אין וועלכען ער האָט זיך ערצויגען. געלעבט האָט אין יענער צייט קירקעגאָרד; ער האָט געהאַט די שטאַרקסטע וויר־קונג אויף איבסענ׳ען. ביידע זיינען געווען אויך עהנליכע נאַטורען, ביידע איינזאַמע, ביידע שטרענגע, אָבער איבסענ׳ס לעבענסגאַנג איז שוין דערפאַר אליין געווען אן אנדערער, וואָס ער איז אויך גע־

שטאַנען אונטער דער ווירקונג פון ביערנסאָנ׳ען, וועלכער איז אין אַלעמען — אין כאַראַקטער, פעהיגקייטען, גייסט — געווען איבּער סען׳ס געגענזאַץ. עס בּלייבּט קיינמאָל ניט אָהן אַ ווירקונג אויף אַ פּערזענליכקייט, ווען זי דערזעהט, אַז דאָס שיקזאַל האָט איהר אַני־דערגעשטעלט אויף דער היסטאָרישער בּיהנע ניט אַליין, נור אין נאָהענטסטער נאָהענטקייט מיט איהר אַנטיפּאָד, מיט אַזאַ פּער־זענליכקייט, וואָס האָט ענטגעגענגעזעצטע סימפּאַטיען, נייגונגען און כאַראַקטער־שטריכען. עס איז אָפט גאַנץ אונבּעקוועם, וואָס דערמאָנענדיג אייך, דערמאָנט מען זיך באַלד אָן אַן אַנדערען, אַ צווייטען און שטענדיג האַלט מען אין איין פערגלייכען אייך בּיידע, צי צום גוטען, צי צום שלעכטען. דאָס, וואָס בּיידע זיינען אַ צוויי־לינג און קענען ניט לעבּען יעדער איינער אין׳ם זכות פון זיין איי־גענער פּערזענליכקייט, רייצט, פּראָוואָצירט. זעהר מעגליך, אַז דאָס, וואָס מען האָט איבּסענ׳ען שטענדיג צוגעגלייכט צו בּיערנ־סאָנ׳ען, האָט איהם געצוואונגען זיך נאָך מעהר צו דערווייטערען פון איהם, נאָך שטאַרקער פערשאַרפען דאָס, וואָס איז אייגענטימ־ליך איהם. אפשר האָט דערפאַר איבּסען נאָך מעהר איינגעשלאָסען זיך אין זיך, געוואָרען שטרענגער און אָנגעשטרענגטער.

אַ מענש, וואָס גלויבּט, ווי איבּסען, נור אין די רעכט און פּאָ־טענצען פון אַ בּעפרייטער אינדיווידואַליטעט, וואָס איז אַזוי פריה, ווי ער, אַרויסגעטראָטען געגען דער אַרומיגער געזעלשאַפט, קען ניט האָבּען אַ גוטע מיינונג וועגען דעם המון. שטעהענדיג אויף דער שוועל פון רייפערע יאָהרען, האָט איבּסען דערפיהלט אַ פעראַכטונג צו מענשען. דאָס הייסט ניט, אַז ער האָט פון דער פריהעסטער יוגענד אָן געהאַט אַן איבּערטריבּען הויכע מיינונג וועגען זיך, וועגען זיינע טאַלענטען. ער איז קיינמאָל ניט געווען קיין זיכערער מענש, ער צווייפעלט שטענדיג, פרעגט, זוכט. ער אַליין שרייבּט: „איך פרעג מייסטענטיילס, ענטפערען איז ניט מיין זאַך!“ אַזעלכע מענ־שען נאַרען זיך ניט אין זיך. מען דאַרף ניט פערגעסען אויך, אַז איבּסענ׳ען איז שווער אָנגעקומען, בּיז ער איז דערגאַנגען צו זיין איינענאַרטיגער מאַניר, סטיל און פאָרם. ער האָט זיך צוגעהערט

צו אנדערע שטימען, ביז ער האט אויפגעהויבען זיין אייגען קול.
דאס ערשטע ווערק זיינס „קאטילינא“ איז נאך גאנץ אונגעלומ־
פערט; אונטער דער ווירקונג פון עלענשלעגער׳ן האט ער אנגע־
שריבען „דעם טויטענבארג“; לעזענדיג „דאס פעסט אין סאלהאוג“
דערמאנען מיר זיך אפט אן העגריק הערצ׳ן*) וואס איז אזוי ווייט
און פרעמד איבסענ׳ען — אפילו דער מעטער איז דערזעלבער ביי
זיי; אין „די פעלדהערערען אין העלגאלאנד“ נוצט איבסען שטארק
אויס עפעקטפולע סיטואציאנען, וועלכע זיינען גענומען פון די אויס־
לענדישע זאגען. זיכער איז, אז ניט מיט אמאל, נור ביסלעכווייז
איז דער דיכטער אלץ מוטיגער געווארען, ביז ער האט זיך ענט־
שלאסען אינגאנצען פערלאזען זיך אויף זיך, נעמען זיך צו איי־
גענע סוזשעטען, שרייבען זיין אייגענעם, אייגענארטיגען סטיל.
איבסען איז איינע פון יענע נאטורען, וואס האבען אין זייער יוגענד
אכטונג צו מענשען, גלויבען מענשען, האלטען אנדערע פאר העכע־
רע פון זיך, ביז די שווערע לעבענס־ערפאהרונגען דערוועקען ניט
אין זיי דאס בעוואוסטזיין פון אייגענער קראפט. האבען זיי אבער
געמאכט די דאזיגע ענטדעקונג, ווערען אזעלכע נאטורען געוועהנליך
עקשנות׳דיגער און שטרענגער, ווי אנדערע, וואס זיינען פון אנהויב
אן געוועזן צופרידען מיט זיך. זיי געוואוינען זיך אבצואוועגען אויף
די וואגשאלען פון גייסט דעם ווערט פון יעדען איינעם, אין וועלכען
זיי וואלטען פריהער קיינמאל ניט געוואגט צו צווייפלען, און איז
דער מענש לייכטוואגיג, ווארפען זיי איהם אוועק אן א זייט, ווי
אונגויטיג אלטווארג.

איבסען זעהט אין׳ם דורכשניטליכען מענש א קליינליך, עגא־
איסטיש, נישטיג בעשעפעניש. איבסען׳ס שטאנדפונקט איז ניט
דער שטאנדפונקט פון׳ם מאראליסט. עס איז נאטירליך, אז א

*) אין זיין הקדמה צו דער צווייטער אויפלאגע פון׳ם „פעסט אין
סאלהאוג“, וואס איז ערשינען אין׳ם יאהר 1883, פראטעסטירט איבסען
געגען מיין היפאטעזע, אז ער האט געשריבען די דאזיגע דראמא אונטער
העגריק הערץ׳ס ווירקונג.

מאַראַליסט זאָל זיך מעהר אינטערעסירען מיט דער פערדאָרבענקייט פון'ם מענש, ווי מיט זיין פערבלענדקייט און נאַרישקייט. פלאָבער איז איבערצייגט, אז מענשען זיינען פערדאָרבען, ווייל זיי זיינען נאַריש; לויט איבסען'ס מיינונג, זיינען זיי נאַריש, פיהרען זיך אויף נאַריש טאַקי דערפאַר, וואָס זיי זיינען מאַראַליש פערדאָרבען. נעהמט נאַרא'ס מאַן, טאַרוואַלד העלמער. ער שפּילט די גאַנצע צייט א נעבעכדיגע ראָל, הויבט ניט אָן צו פערשטעהן, וואָס נאַרא לעבט איבער, איז א פשוט'ער עזול; אין דער שרעקליכער מינוט, ווען נאַרא געזעגענט זיך מיט ראַנק'ן, גרייטענדיג זיך צו מאַכען א סוף פון איהר לעבען, און דער דאָקטאָר, וואָס איז אויך פעראורטיילט צום טויט, ענטפּערט איהר צערטליך, פול רחמנות. אין דער אטמאָספער פון טויט שטעהט דער טפשות'דיגער העלמער א פערשכור'טער פון זינליכער ליידענשאַפט און שטרעקט אויס זיינע הענד צו נאַרא'ן. העלמער איז אונענדליך נאַריש, אָבער נאַריש איז ער דערפאַר, וואָס ער איז צופרידען מיט זיך און טראַכט נור וועגען זיך. די אָרימקייט פון גייסט נעהמט זיך פון זיין מאַראַלישער בענרענעצקייט און פערדאָרבענקייט.

איך האָב שוין ציטירט אמאָל קירקעגאַרד'ס אפאָריזם („אָדער־אָדער"), וועלכער איז צוגעפּאַסט צו איבסען'ען: „זאָלען אנדערע שרייען, אז אונזערע צייטען זיינען שלעכטע. איך שריי און קלאָג אויף די צייטען, וואָס זיינען נישטיג. ווי זאָל מען ניט פערבראַכטען אונזער צייט, וואָס איז אָהן כאראַקטער און ליידענשאַפט? די געדאַנקען, וואָס זיינען פערבאָרגען אין די טיפעניששען פון זייערע הערצער, זיינען צו אונבעדייטענד, אז זיי זאָלען קענען זיין זינדיג. די געדאַנקען פון די היינטיגע מענשען זיינען אזוי דין און שוואַך, ווי די לייבער פון די שפּיצען־אַרבייטערינס". זאָגט ניט דאָסזעלבע בראַנד, ווען ער פערשפּאָטעט דעם גאָט פון זיין גענעראַציאָן און שטעלט איהם אנטקעגען זיין אייגענעם גאָט, זיין אייגענעם אידעאַל: „ווי די מענשען, איז אויך זייער גאָט א גראָהליכער, מיט א גלאַצקאָפּ און מיצעל, אָבער דאָס איז ניט מיין גאָט. מיינער

איז שטורעם און אייערער — ווינד... און יונג איז ער, ווי הער־קולעס, און ניט אזא אלטער, ווי דיינער".

זאגט ניט עהנליכעס דער קאפגיסער אין „פיער גינט" ? ער ענטפערט פיער גינט'ן כמעט דאסזעלבע, וואס מעפיסטאפעל ענט־פערט דער זעעלע אין הייבערג'ס דראמא : „די זעעלע נאכ'ן טויט". פיער גינט וועט ניט האבען די זכיה אין גיהנם אריינצופאלען, אין'ם גיסלעפעל וועט מען איהם אריינווארפען און איבערגיסען אין א ניי בעשעפעניש, ווייל ער איז גאר קיין זינדיגער נישט. ווייל, ווי איבסען זאגט, קען זינדיגען נור דער, וואס האט קראפט און איז ערנסט, פיער גינט איז אבער געווען א מיטעלמעסיגער מענש און דעריבער „וועט מען איהם אריינווארפען אין'ם קאכיגען קעסעל, ער זאל איבערגעשמאלצען ווערען אויפ'ם ניי ?"

לויט איבסען'ס קאנצעפציאן, איז פיער גינט דער טיפישסטער פערטרעטער פון די נארוועגער ; זיינע פערזענליכע פעהלער זייי־נען די פעהלער פון דער נאציאן ; זיי שרעקען ניט אזוי פיעל דעם דיכטער, ווי זיי וועקען אין איהם פעראכטונג.

אזא קוק ערקלערט פערשיעדענעס אין איבסען'ס פריהערע ארבייטען, אין וועלכע זיינע אייגענטימליכקייטען אלס דיכטער האבען זיך נאך נישט אויסגעדריקט. מארגיט פון איבסען'ס „פעסט אין סאלהאוג" דערמאנט אונז אן דעם דעניזשען דראמאטורג הער־צוס ראנגהילד. איבסען'ס „מארגיט" איז אבער אויסגעגאסען פון אן אנדערען מעטאל ; זי איז שטרענגער, הארבער, ענטשלאסענער. א היינטיגע פרוי, וואס האט ליעב א מאן, וועלכער איז גלייכגיל־טיג צו איהר, פיהלט זיך נאהענטער צו ראנגהילד, ווי צו מארגיט ; ראגנהילד איז ווייכער, מענשליכער, ווי מארגיט. איבסען'ס מאר־גיט וואלט געקוקט אויף דער היינטיגער האפנונגסלאז פערליעבטער פרוי, ווי אויף א פראדוקט פון א צוקראכענער צייט, וואס איז ווייט פון א מוטיגער. מעכטיגער, קאנסעקוועגטער ליידענשאפט, — א צייט, וואס איז איינגעזונקען אין'ם זומפ פון האלבקייט. און וואס עפעס ווענדט זיך איבסען אין „די פעלדהעררען אין העלגא־לאנד" צו דער אונמענשליכער טראגעדיע, צום הערליכען שרעק־

גייסט פון די וואַלסונגער זאַגען ? כדי צו וואַרפען אין פנים די היינטיגע עפּיגאָנענהאַפטע גענעראַציאָנען דאָס גראַנדיעזע געזעץ פון דער העריליכער פערגאַנגענהייט ; כדי אויסצולאַכען און פער־שעמען אונז, פערגלייכענדיג אונזער קליינקייט מיט דער גרויסקייט פון אונזערע אהנען, מאָלענדיג די גרויסע לײידענשאַפט, וואָס געהט שטאָלץ צו איהר ציל, ניט קוקענדיג רעכטס, לינקס אָדער אָן א זייט און די שטאָלצע קראַפט, וואָס איז קאַרג אויף ווערטער און טהוט איהרס שווייגענדיג, ליידט שווייגענדיג און קומט אום שוויי־גענדיג ; כדי צו דערמאָנען אונז אָן די דאָזיגע אייזערנע ווילענס, גאָלדענע הערצער און וואונדערבאַרע העלדענטאַטען, וועלכע זיינען ניט פערגעסען געוואָרען אין משך פון טויזענדער יאָהרען, מיר האָבען צום איינדרוק, לעזענדיג „די פעלדהעררען“, אז דער דיכ־טער וויל אונז זאָגען : טהוט נור א קוק אויף זיך אין שפּיגעל, איהר היינטיגע !

א קאַמפּפס־שטימונג, דער פּאַטאָס פון קריג פיהלט זיך שוין אין דעם ערשטען ווערק, וואָס איבסען האָט אָנגעשריבען, אין „קאַטילינאַ“. קאַטילינאַ'ן פערגעטערט ער מיט'ן ענטוזיאַזמוס פון א בעגייסטערטען סטודענט. זיין העלד — קאַטילינאַ — האַסט און פעראַכטעט די גאַנצע רוימישע געזעלשאַפט, אין וועלכער עגאָ־איסטישקייט און רויהע קראַפט הערשען אונבעגרענעצט און רעגירע־ווערען מענשען א דאַנק אינטריגען און פאַלשקייטען ; קאַטילינאַ אליין, דער איינציגער, רעבעלירט געגען דער גאַנצער פערהאָרבע־נער געזעלשאַפט. דער קריגערישער פּאַטאָס דרינגט דורך אויף איינע פון די לעצטע איבסען'ס דראַמען ; די וואונדערבאַרסטע פון אלע זיינע דראַמען : „דאָס פּופּענהויז“. געדעמפּפטע, אָבער שאַר־פע טענער רייסען זיך אַרויס פון די פרויען־ליפּען. ווען נאָראַ, דאָס קינדישע בעשעפעניש, דער זינגפויגעל, דאָס אייכענהאָרן נעמט זיך ענדליך אָן מיט מוט און זאָגט : „איך מוז דערגעהן, ווער איז גערעכט, איך אָדער די געזעלשאַפט“, ווען דאָס צאַרטע, ברעניגע בעשעפניש וואגט צו שטעלען זיך איינע אליין אנטקעגען דער גאַנ־צער געזעלשאַפט, דערפיהלען מיר, אז „נאָראַ“ איז איבסען'ס טרייע,

אמת׳ע טאָכטער. נעמט ענדליך דעם פּאטאָס פון קאמפּף, וואָס דריקט זיך אויס אין „די געשפּענסטער“. הערט זיך צו צו פרוי אלווינג׳ס רייד. זי זאָגט: „איך האָב געהאלטען איין קניפּעל אין האנד, כ׳האָב נור געפּרואווט צוגעמען איהם און באלד איז אלצדינג צופאלען אויף שטיקלעך. ערשט דאמאלס האָב איך בעמערקט, אז דאָס אלץ איז געווען שלעכטע מאשינענארבייט“. אודאי זיינען דאָס ניט דעם דיכטער׳ס ווערטער, אָבער ווי ווייט דער דיכטער איז ניט פון זיין געשטאלט, פיהלט איהר, אז איבסען אליין זיפצט אויף פון פרייד, וואָס איהם האָט זיך איינגעגעבען ארויסצוזאָגען דאָס, וואָס איז געווען פערבאָרגען אזוי לאנג אין הארץ ביי איהם.

קאטילינא און פרוי אלווינג — די ערשטע און די לעצטע פּאָעטישע געשטאלט — זיינען איזאָלירט פון אלע און אלעמען, זיי זיינען פערא‏יינזאמט, שטעהען אליין, ווי פאלק, בראנד, נאָרא. זיי אלע שלאָגען זיך מיט׳ן קאָפּ אָן וואנד פון גרויסער פערצווייפלונג. זיי אלע האָבען קיין האָפנונגען ניט.

דאָס זיינען פּעסימיסטישע אידעען; אזוי ווערען גערופען אין אייראָפּא איצט אזעלכע אידעען. אָבער פּעסימיסטישע אידעען קענען זיין פערשיעדענע. פּעסימיסטען זיינען שאָפּענהויער און הארטמאַן; זיי זיינען איבערצייגט, אז דאָס לעבען, יעדעס לעבען איז א צרה, ווייל די סומע פון פריידען איז אונבעדייטענד אין פערגלייך מיט די יסורים און ליידען, וואָס א מענשען קומט אויס אויסצושטעהן. אזעלכע פּעסימיסטען ווילען דערצעהלען, ווי נישטיג זיינען אויך די העכסטע פרייד, ווי טרויריג די יוגענד, אונבעפרידיגענד — די ארבייט, נאריש — יעדע פרייד, און האָסטו אָפּט פריידען, געוואוינסט דו זיך צו זיי צו און ווערסט אלץ ווענינער עמפּפינדליך צו זיי. און ווייל ס׳איז אזוי, הייסט שאָפּענהויער זיין מילד און אסקעטיש, און הארטמאַן גיט אָן עצה צו בויען געדולדיג דעם טורעם פון ציוויליזאציאָן, ניט מאכענדיג זיך דערפון, וואָס ער בעהאָנעלט אונז, מענשען, וואָס ווייטער אלץ מעהר און מיט גרעסערע צרות. איבסען איז ניט קיין פּעסימיסט פון אזא

שניט. ער גלויבט אויך אַז די וועלט איז אַ שלעכטע וועלט, אָבער איהם אינטערעסירט ניט די פראַגע, צי איז דאָס לעבען אַן און פאַר זיך עפּיס גוטעס אָדער שלעכטעס. ער קוקט אויף'ן לעבען מיט די אויגען פון אַ מאָראַליסט; ער איז מאָראַליסטיש אין תוך.

דער פעסימיסטישער פילאָסאָף האָט ליעב צו רעדען וועגען דער אילוזאָרישקייט פון יעדער ליעבע; ער בעווייזט, ווי זעלטען ליעבע מאַכט גליקליך אַ מענשען, ווי ענטוישט ווערען אַלע, וואָס ערוואַרטען גליק פון ליעבע, ווייל דער צוועק איהרער איז ניט די בעפרידיגונג פון'ם איינצעלנעם, נור די פערפּאָלקאָמונג פון די קומענדיגע גענעראַציאָנען. איבסען קוקט גאָר אַנדערש אויף ליע-בע. זי איז קאָמיש ניט דערפאַר, וואָס זי איז אַן אילוזיאָן — דאָס איינציג גוטע אין דער ליעבע איז דאָס, וואָס זי איז אילוזיאָן, טראַכט איבסען — נור קאָמיש איז זי דערמיט, וואָס זי פערדערבט די כאַראַקטערען, פיהרט צו אַ פיליסטערישען לעבען, ענדיגט זיך מיט וואולגאַריטעט. פייערליך הויבט זיך אָן יעדע ליעבע, אָבער גיך ווערט אין'ם שוים פון דער הייראַט און די געזעלשאַפטליכע קאָנ-ווענציאָנאַליטעטען דערשטיקט אַלעס פּאָעטישע און פאַנטאַסטישע. דאָס, וואָס דער יונגער טעאָלאָג, וועלכער האָט זיך געגרייט צו זיין אַ מיסיאָנער אין די ווייטע לענדער, ווערט אַ לעהרער אין אַ געמיטליכער פּרויען-שולע („קאָמעדיע פון ליעבע“), ווי נור ער פער-קנס'ט זיך, גיט איבסען'ען אַ געלעגענהייט אָבצושפּאָטען פון יעדער הייראַט; די סצענע סימבאָליזירט אין איבסען'ס אויגען די לעבער-ליכקייט פון יעדער ליעבע. ער וויל, אַז ליעבע זאָל מאָראַליש דער-הויבען דעם מענש, אָבער אין אמת'ען דעגראַדירט זי איהם. מיר דערקענען דעם מאָראַליסט איבסען. נור איינמאָל האָט איבסען זיך דערהויבען איבער זיין מאָראַלישער קאָנצעפּציאָן פון עראָטיק, בלייבענדיג אַלץ סאַטיריש, אין'ם טיפסטען און שאַרפזיניגסטען פון זיינע לידער „דער פלאָנטער“, וואָס דערמאָנט, לויט'ן טאָן, מעטער און סיוזשעט אָן היינע'ס „קאַפּריזען פון די געליבטע“, אָבער דאָס איז געשעהן איינמאָל און מעהר ניט ווידערהאָלט זיך.

דער פילאָסאָף־פעסימיסט האָט ליעב צו קלאָגען זיך, אז ניט דער איינצעלנער און ניט די מאַסען קענען דערגרייכען גליק: גליטשט דאָך די פרייד זיך אַרוים פון אונזערע פינגער, צו שפּעט ווערען ערפילט אונזערע פערלאַנגען און האָבען מיר שוין דערגרייכט דאָס, וואָס מיר האָבען זיך געוואונשען, פרעהט עס אונז גאָרניט אזוי שטאַרק, ווי מיר האָבען ערוואַרט. דער פילאָסאָפישער פעסי־מיסט האָט ליעב צו ציטירען געטע'ס ווערטער, אז אין די פינף־און־זיבעציג יאָהר פון זיין לעבען האָט ער ניט געהאַט אפילו קיין פיער גליקליכע וואָכען און שטענדיג איז איהם אויסגעקומען צו שלעפּען באַרג אַרויף אַ שטיין, וועלכער איז ווידער און ווידער גע־פאַלען אַראָב. דער פעסימיסט טענה'ט, אז אויב געטע האָט ניט געקענט גליקליך זיין, איז יעדעס גליק — אַ פערבלענדעניש. ווי קען אַ פּשוט'ער שטערבליכער האָפען צו דערגרייכען דאָס, וואָס דער ליעבלינג פון די געטער און מענשען האָט ניט געקענט דער־גרייכען? אַנדערש איז דאָס מיט איבסען'ען. ווי סקעפּטיש ער איז ניט, צווייפעלט ער קיינמאָל ניט אין דער מעגליכקייט פון גליק. אפילו פרוי אַלווינג, וואָס האָט אזוי שווער געליטען פון'ם בייזען שיקזאַל, גלויבט, אז זי וואָלט אין אַנדערע בעדינגונגען געקענט זיין גליקליך, און ניט נור זי, נור אויך איהר פערדאָרבע־נער, נעבעכדיגער מאַן. איבסען איז, ווייזט אויס, איינפערשטאַנדען מיט איהר. איבסען'ס שטימע הערט זיך אין איהרע ווערטער וועגען „דער ניט־גרויסער שטאָדט“, וואָס דערפרעהט ניט, נור אַמוזירט, איז פערנומען ניט מיט אמת'ער אַרבייט, נור מיט געשעפט און פערגעטערט אמט, אָבער ניט דעם לעבענסבערוף. דאָס לעבען אַליין, לויט איבסען'ס מיינונג, איז ניט שלעכט; עקזיסטענץ אַן און פאַר זיך, קען זיין אויך אַ קוואַל פון פרייד, איז זי דאָס ניט, איז דאָס עמיצענס שולד — און איבסען רעכענט, אז שולדיג איז דאָס לאַנגווייליגע נאַרוועגער לעבען, די רויע, ברוטאַלע, היפּאָקרי־טיש־מאָראַליזירענדע געזעלשאַפט.

דער פעסימיסטישער פילאָסאָף זעהט אין'ם אָפּטימיזם עפּעס שעדליכעס, סאָציאַל־שעדליכעס. ער רעכענט, אז די אָפּטימיסטישע

אידעען, וואָס ווערן געפּרעדיגט אין אַלע גאַסען, וועלען אַנצינדען אין דער וועלט אַ פייער פון סאָציאַלער איבערקעהרעניש. דעריבער איז, לויט זיין מיינונג, נויטיג איינרעדען די מאַסען, אַז זיי האָבען ניט וואָס צו ערוואַרטען אין דער צוקונפט; וועלען זיי פערשטעהן, אַז אַלעס, וואָס לעבט, ליידט און מוז ליידען, וועלען זיי פערשטעהן, אַז אַלע רעוואָלוציאָנערע אָנטשטרענגונגען זיינען איבעריג און מוזען בלייבען רעזולטאַטלאָז. איבסען קוקט קיינמאָל ניט אַזוי אויף דער זאַך, ער שרעקט זיך ניט פאַר דער אונצופרידענהייט פון די מאַסען; ריהרט ער אָן דאָס סאָציאַלע, ווי אין „די זיילען פון דער געזעלשאַפט“ און אין אַנדערע דראַמען, געהט ער צו פון מאָראַלישען שטאַנדפּונקט צו דער פראַגע. פויל זיינען גאַנצע ש י כ ט ע ן פון געזעלשאַפט, גאַנצע זיילען פון דער געזעלשאַפט צו־פאַלען און צושיטען זיך. ליידט עמיצער, ליידט ער אַ דאַנק זיין שולד אָדער עמיצענס פערברעכען. שלעכט איז די שטיקענדיגע אַטמאָספער פון אַ קליינער געזעלשאַפט; נור אין גרויסע געזעל־שאַפטען איז דאָ רוים פאַר העלדענטהאַטען. אַ ווינד פון דרויסען דאַרף קומען און אַ בלאָז טהאָן און פון אָטעם פון׳ם גייסט פון וואַהרהייט און פרייהייט וועט געזונד ווערען די אַטמאָספער.

האָבענדיג די איבערצייגונג, אַז די וועלט איז אַ שלעכטע, האָט איבסען ניט געפיהלט קיין רחמנות צו מענשען; ער איז אין צאָרן אויף זיי. זיין פעסימיזם איז ניט קיין מעטאַפיזישער, נור אַ מאָראַלישער, וואָס איז געגרינדעט אויף דער איבערצייגונג, אַז דאָס אידעאַלע קען פערווירקליכט ווערען אין לעבען, אויב מענשען זאָ־לען וועלען, דאָס איז אַ פעסימיזם פון מאָראַלישער עמפּערונג. דאָס, וואָס איבסען׳ען ריהרען ניט מענשליכע ליידען, נעמט זיך דערפון, וואָס ער גלויבט אין דער ערציהערישער קראַפט פון ליידען. די קליינינקע נשמות, די נעבעכדיגע מענשען קענען ווערען גרעסער נור פון ליידען. די בעגרענעצטע, נידריגע, פערשלאָפענע געזעל־שאַפטען קענען ווערען געזונדער נור אין דער אַטמאָספער פון מלחמות, מפּלות און נסיונות. איבסען, וואָס האָט אַליין אויף זיך דערפיהלט, ווי אומגליקען שטאַרקען אַ מענש, ער, וואָס האָט

געטרונקען ביז׳ן דעם פון׳ם ביטערען געטראנק, צווייפעלט ניט, אז פון אומגליקען, צרות און ליידען ווערט גענעזען א מענש. גאנץ קלאר איז דאס אויסגעדריקט אין דער דראמא „קיסר און גאלי־לעער“.

איבסען האט, ווייזט אויס, זעהר שטארק זיך אינטערעסירט מיט׳ן רוימישען קיסר יוליאן: ער האט געלעזען זיינע אייגענע ווערק; ער האט געלעזען א וועלט וועגען איהם, אבער ער אליין גיט אונז ניט קיין היסטאריש־ריכטיגען געמעל פון דעם בעדייטענ־דען מענש. ער קוקט אויף יוליאן׳ען מיט די אויגען פון א כריסט; א גרויסע בעדייטונג שרייבט ער צו זיינע פערפאלגונגען פון די כריסטען. לויט איבסען׳ס מיינונג, האט יוליאן, פערפאלגענדיג זיינע כריסטליכע אונטערטאנען, דערמיט ערשט פערשטארקט און בעפעסטיגט דאס כריסטענטום און אריינגעלאזען אין איהם א נייע לעבען. יוליאן איז א וועלט־היסטארישע קראפט; יוליאן האט מיט זיינע פערפאלגונגען די דעגענערירטע הויף־ און שטאאטס־רעליגיאן בעניית, רעסטאווירט אין איהר אמאליגען מערטירער־גלאנץ און פרימיטיווער גייסטיגקייט. די כריסטען רייצען און ער־נערען דעם קיסר; ער בעשטראפט זיי שטרענג, אבער די שטראף האט גאר אן אונערווארטעטע ווירקונג. זיינע פריהערדיגע שול־קאמעראדען, דערזעלבער גריגארי, וועלכער האט זיך קיינמאל ניט געקענט ענטשליסען צו עפעס גרויסעס, איז שטענדיג געוועזען פער־נומען נור מיט זיינע קרובים, און א קליינעם קרייז און ניט געהאט קיין קראפט, „קיין מוט צו עפעס העכערס“, און דער אנדערער, וואסילי, וואס איז געזעסען ביי זיך אין גוט, געניסענדיג וועלטליכע חכמה, זיינען פלוצלונג, אין׳ם פייער פון פערפאלגונגען, געווארען „ווי לייבען“, זיך אויפגעהויבען געגען איהם און אינגאנצען אי־בערגעגעבען זיך אין די הענד פון זייער גרויסען גוט.

II

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז אן אוטאר קען ניט אינ־גאנצען אויסדריקען זיין פערזענליכקייט אין זיינע ווערק. עס

טרעפט, אַז דער שרייבער איז אין לעבען גאָר ניט דאָס, וואָס מיר האָבען ערוואַרטעט צו זעהן, לעזענדיג איהם. דאָס קען מען ניט זאָגען וועגען הענריק איבסען׳ען. ער גלויבט אין די אידעען, וועלכע ער דריקט אויס, זיי זיינען איהם טאַקי טייער; ער פּאַראַדירט ניט מיט זיי צוליב ליטעראַרישע צוועקען, ער האַלט פון זיי. דאָס קען איך בעהויפּטען אויף׳ן גרונד פון קאָרעספּאָנדענץ מיינער מיט איבסען׳ען און אונזערע געשפּרעכען אין פערשיעדענע צייטען. איבסען האָט ליעב געהאַט אמאָל צו זאָגען אַ וויץ, אַ פּאַראַדאָקס, אַ מעטאַפאָר, וואָס זיינען זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין פּערזענליכקייט. יאָהרען זיינען פערגאַנגען, איך געדענק ניט, פערשטעהט זיך, די ווערטער בוכשטעבליך, אָבער דער תוך האָט זיך מיר איינגעקריצט שטאַרק אין זכרון. אַזעלכע ווערטער, ווי אויך בעמערקונגען, וואָס זיינען צוזעהט אין זיינע בריעף צו מיר, וועלכע ער האָט מיר ערלויבט צו פערעפענטליכען, וועלען אונז העלפען צייכנען אַ שאַרפערען פּראָטעסט פון׳ם דיכטער און פערשטעהן בעסער און טיעפער דעם גרויסען מענש.

ווען פראַנקרייך איז אין׳ם יאָהר 1870 געלעגען אַ צוטראָטענע, אויסגעהענדיג מיט בלוט, צו דייטשלאַנד׳ס פיס, איז איבסען, וואָס האָט סימפּאַטיזירט מיט פראַנקרייך, ווייט ניט געווען אַזוי דערשלאָגען און פערטרויערט, ווי די אַנדערע אין די סקאַנדינאַווישע לענדער. אין דערזעלבער צייט, וואָס אַלע פריינד פון פראַנקרייך האָבען געקלאָגט אויף איהר בראָך, האָט איבסען געשריבען (דעצעמבער, 1870):

„... די וועלט־געשעהענישען פערנעמען מיך איצט גאַנץ שטאַרק. דאָס אַלטע, אילוזאָרישע פראַנקרייך איז צובראָכען אויף שטיקלעך; איצט דאַרף נאָך דאָס היינטיגע, רעאַליסטישע פּרייסען צופאַלען, און מיר וועלען האָבען אַריינגעשפּרונגען אין אַ נייע, בעסערע צייט. אָה! ווי וועלען זיך אונזערע אידעען צולויפען דערשראָקענע! שוין לאַנג צייט געווען צו שיידען זיך מיט זיי. ביז היינטיגען טאָג האָבען מיר אַלץ געלעבט אין׳ם זכות פון די ברעקלעך, וואָס זיינען אַראָפּגעפאַלען אין׳ם רעוואָלוציאָנערען טיש

פון'ם פערגאנגענעם יאהרהונדערט; מיר האבען די דאזיגע שפייז שוין גענוג געקייט און אריבערגעקייט. אין די אלטע בעגריפען מוז אריינגעגאסען ווערען נייער אינהאלט, זיי מוזען פערטייטשט ווערען אויף'ם ניי. פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט זיינען היינטיגע צייטען שוין ניט מעהר דאס, וואס זיי זיינען געווען אין די צייטען פון דער זעליגער גיליאטינע. דאס ווילען ניט די פאליטיקער פערשטעהן, און דערפאר האב איך זיי פיינד. די דאזיגע מענשען שטרעבען צו דרויסענדיגע רעוואלוציאנען, צו טיילווייזע, פאליטישע רעוואלוציאנען, דאס אלץ איז נארישקייטען. וויכטיג איז די רעוואלוציאן פון'ם מענשליכען גייסט".

יעדער איינער, וואס לעזט דאס, בעמערקט באלד, אז איבסען איז אן היסטארישער אפטימיסט, ווי איך האב שוין פריהער געזאגט. ווי סקעפטיש ער בעציהט זיך ניט צום לעבען בכלל, ערווארטעט ער דאס בעסטע פון דער צוקונפט, האט דעם טיפסטען צוטרויען צום נייעם לעבען, וועלכעס וועט געבארען ווערען אין אומגליק און ליידען. איבסען געהט נאך ווייטער. ער גלויבט, אז די אידעען ווערען פערגליווערט, פערלירען זייער קראפט, ווי נור זיי בירגערען זיך איין, פאדערען ניט קיין אנשטרענגונג און אויפאפפערונג פון זייערע אנהענגער, מיט איינעם ווארט, ווי נור די קאטאסטראפע, וואס האט זיי געבארען, הערט אויף צו האלטען אין אנשטרענגונג די גייסטער. איבסען שרעקט זיך אפילו ניט פאר'ן שרעקליכען קלאנג פון דעם גיליאטינען־מעסער; הארמאניש קלינגט ער אין זיינע אויערען און שוואכט ניט אב זיין אפטימיסטישע רעוואלוציאנערע וועלט־אנשויאונג. א בעדייטונג האט, לויט איבסען'ס מיינונג, ניט די אינערסטע פרייהייט, ניט די פרייהייט, וואס איז שוין פערגליווערט געווארען אין טויטע פארמען, נור די אקטועלע, אקטיווע פרייהייט, וואס קעמפפט און שטרעבט אלץ ווייטער. לעסינג האט אמאל געזאגט, אז ווען גאט וואלט געהאט אין דער רעכטער האנד דעם אמת, און אין דער לינקער — דאס זוכען פון אמת, און וואלט איהם געהייסען קלייבען, וואלט ער א כאפ געטהאן גאט'ס לינקע האנד; איבסען וואלט געקאנט זאגען האסזעלבע,

ווען אויף'ן אָרט פון „אמת" וואָלט געשטאַנען דאָס וואָרט „פריי־הייט". אויב ער האָט פּעראַכטונג צו די פּאָליטיקער, איז דאָס דערפאַר, וואָס זיי בעטראַכטען די פרייהייט ווי עפּעס אַ טויטע, דרויסענדיגע, זעלענלאָזע ערשיינונג — און ניט ווי אַן אינערע איבערלעבונג.

מיט איבסען'ס אָפּטימיסטישער, אַזוי צו זאָגען, פּעדאַגאָגישער קאָנצעפּציאָן פון ליידען, ערקלערט זיך אין אַ גרויסער מאָס זיין ליידענשאַפטליכער וואונש, אַז נאָרוועגיען זאָל העלפען דענעמאַרק אין איהר קאַמפּף מיט דייטשלאַנד. פערשטעהט זיך, אַז אויף איב־סען'ען, ווי אויף אַנדערע סקאַנדינאַווען, האָט געהאַט אַ ווירקונג די נאָהענטקייט פון די צוויי סקאַנדינאַווישע נאַציאָנען; זיי האָ־בען אויך ניט געקענט רוהיג בלייבען, זעהענדיג, ווי דייטשלאַנד צוטרעט דענמאַרק און לאַכט זיך אויס פון איהרע אייגענע פייער־ליכע פערשפּרעכונגען. אָבער נור אַזאַ אָפּטימיסט, ווי איבסען, האָט געקענט איינגאַנצען רעכנען זיך מיט'ן פּראַקטישען נוצען, וואָס נאָרוועגיען'ס אריינמישונג אין דער מלחמה האָט געקענט ברענגען דער ברודער־נאַציאָן; דאָס האָט איהם גאָרניט געאַרט. אַ בעקאַנ־טער האָט, פּאָלעמיזירענדיג מיט איבסען'ען, פּלוצלונג אויסגע־שריען: „אָבער וויפיעל קלעפּ וואָלט נאָרוועגיען געכאַפּט?" איב־סען האָט רוהיג גענטפערט: „אודאי וואָלטען מיר געכאַפּט קלעפּ — און שטאַרקע, אָבער דאָס וואָלט אונז ניט געשאַדט. מיר וואָלטען אריינגעצויגען געוואָרען אין'ם וועלט־שטראָם, מיר וואָלטען דערפיהלט אונזער איראָפּעאישקייט, און ניט געשטאַנען אָן אַ זייט!"

איך דערמאָן זיך אָן אַ זעהר כאַראַקטעריסטישען געשפּרעך מיט איבסען'ען וועגען רוסלאַנד. געווען איז דאָס אין'ם יאָהר 1894. איבסען האָט שטאַרק געלויבט די אַבסאָלוטיסטישע רוס־לאַנד. אַ וואונדערבאַר לאַנד, — האָט ער געזאָגט שמייכלענדיג. היינט די פערפאָלגונגען — ס'אַרא הערליכע זאַך.

— הערליכע פערפאָלגונגען, ווי קען דאָס געמאָלט זיין? — האָב איך איהם איבערגעריסען.

— געווים! גיט נור א טראכט, וואָס פאַר א וואונדערבאַרע ליעבע צו פרייהייט די שרעקליכע פערפאָלגונגען מוזען ארויסרופען. אין רוסלאַנד האָבען נאָך מענשען אמת ליעב פרייהייט און זיינען גרייט צו ברענגען אָפפער פאר איהר. וויפיעל האָט איהר אזעלכע לענדער אין דער גאַנצער וועלט? דערפאַר שטעהט די רוסישע דיכטונג און קונסט אויף אזא הויכער שטופע. האָבען אזא דיכטער, ווי טורגעניעוו, איז האָס א קליינינקייט? און זיי האָבען טורגעניעווס אויך אין דער מאַלעריי. מיר קענען זיי צום בעדויערען ניט. איך האָב געזעהן א פּאָר בילדער זייערע אין וויען.

— אויב די אַלע גוטע זאַכען זיינען דער רעזולטאַט פון פערפאָלגונגען, — האָב איך בעמערקט — דאַרפען מיר גאָר דאַנקבאַר זיין די אונטערדריקער, און די רוט — געפעלט אייך אויך? אָבער שטעלט זיך פאָר אויף א מינוט, אז איהר זייט א רוסישער מענש און אייער קליינעם אינגעל (וועלכער איז נעשטאַנען דערביי) וואָלט מען דערלאַנגט מיט דער רוט! וואָס וואָלט איהר דאַמאָלס געזאָגט?

איבסען האָט געשוויגען א וויילע; אויף זיין געזיכט האָט מען ניט געקענט לעזען, וואָס ער טראַכט און פיהלט אין דער צייט. דערנאָך האָט ער געזאָגט שמייכלענדיג: „אַ, דער וואָלט ניט געכאַפּט שמיץ, ער וואָלט אַנדערע געשמיסען". אין דעם וויציגען ענטפער דערקענט מען דעם מענש איבסען. ער האָט טאַקי אזוי געטהאָן; יאָהרען לאַנגע האָט ער געהאַלטען אין איין שמייסען זיינע צייטגענאָסען. וואָס איז שייך רוסלאַנד, ווילען מיר גלויבען, אז שוין קומט די צייט, ווען די גוט־פערדינטע שמיץ וועלען כאַפּען די אונטערדריקער פון פאָלק.

עס איז ניט קיין וואונדער, וואָס, האָבענדיג אזעלכע מיינונגען, איז איבסען גאַרניט געוואָרען ענטציקט פון דער נאַכריכט, אז דאָס פאַפּסטליכע רוים איז פערנומען געוואָרען פון דער רעוואָלוציאָנערער איטאַליענישער אַרמעע. א פערטרויערטער שרייבט ער מיר:

„... האָט מען, הייסט עס, ביי אונז, פּשוטע שטערבליכע, צו־

גענומען רוים אויף און אָבגעגעבען עס צו פּאָליטיקער. וואו זאָלען מיר זיך איצט בעהאַלטען? רוים איז געווען די איינציגע אמת־פרייע שטאָדט אין אייראָפּאַ. איהר פרייהייט איז געווען אַן אמת'ע, ניט אַ פּאָליטישע, נור די פרייהייט פון'ם טיראַנישען יאָך פון פּאָליטיק... און דערצו די הערליכע בענקשאַפט נאָך פרייהייט — אויך זי איז פערשוואונדען איצט. איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך האָב ליעב ניט פרייהייט, נור דעם קאַמפּף פאַר פרייהייט. צי וועט ער זיך ענדיגען מיט פרייהייט — אינטערעסירט מיך ווע־ניג".

מיר דוכט, אַז דער דאָזיגער קוק אויף פּאָליטיק איז פון איין זייט אַן אָבקלאַנג פון דער ראָמאַנטישער שטימונג מיט איהר פיינד־שאַפט צום פּראַקטישען, נוצליכען, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די ראָמאַנטיקער פון אַלע לענדער און צייטען, און פון דער אנדערער זייט דריקט עס אויס עפּעס פערזענליכעס, עפּעס איב־סען'ישעס, נעמליך דעם גלויבען אין דעם איינצעלנעם און די ליעבע צו ענטשיידענדע, ראַדיקאַלע דילעמען. אַ מענש, וואָס האָט פּראָ־קלאַמירט דעם לאָזונג „אַלעס אָדער גאָרנישט" („בראַנד") קען קיינמאָל ניט שלום ווערען מיט דעם לאָזונג פון'ם פּראַקטישען פּאָליטיקער —„פּאַרוועדטס טראָט ביי טראָט". איך רעכען, אַז איבסען'ס גרויסע ליעבע צו רוסלאַנד ערקלערט זיך אין אַ געוויסער מאָס דערמיט, וואָס רוסלאַנד איז אָבגעהיט געוואָרען פון די פּאַר־לאַמענטאַרישע אָרדנונגען. איבסען האָט מיט'ן גאַנצען הארצען פיינד אַלעס פּאַרלאַמענטאַרישע; ער גלויבט נאָר אין דעם איינ־צעלנעם, אין דעם גרויסען מענש. ער ערוואַרט גאָרנישט פון אַ פּאַרלאַמענט, וואָס איז אין זיינע אויגען ניט מעהר, ווי אַן אגלאָ־מעראַט פון פלאַפּלער און דילעטאַנטען. אָבער דאָס האָט ניט גע־שטערט איהם צו אכטען איינצעלנע פּאַרלאַמענטאַריער אַלס מענשען.

דעריבער האַלט זיך איבסען ביי די זייטען פון געלעכטער, לעזענדיג אין די צייטונגען אַזעלכע בעריכטען: „און באַלד נאָך דעם איז אויסגעקליבען געוואָרען אַ קאָמיסיאָן", אָדער „אַ פּעראַיין איז געגרינדעט געוואָרען". אַ צוקראַכענקייט פון אונזער צייט

זעהט ער דערין, וואָס וויבאַלד עמיצער האָט עפּעס אַן איינפאַל, אַן אידעע, אַ פּלאַן, געהט ער ניט אַליין פערווירקליכען דאָס, נור אָרגאַניזירט פעראיינען, גרינדעט קאָמיסיאָנען און וואַרט, אַז זיי זאָלען פערווירקליכען זיינע חלומות. דערמאָנט זיך אָן דעם סאַר־קאַסטישען געלעכטער, וועלכער הילכט אָב אין דער קאָמעדיע „דער פעראיין פון דער יוגענד“.

מיר דוכט זיך, אַז איבסען, וואָס איז געוועזען שטענדיג פערטיפט אין זיך, האָט דערפיהרט זיין אינדיווידואַליסטישקייט צו אַזעלכע עקסטרעמען, פון וועלכע מען קען האָבען אַ שוואַכע פאָרשטעלונג, לעזענדיג איהם. ער איז פערגאַנגען נאָך וויטער פון סיקירקע־גאַרד'ן, וועלכען ער דערמאָנט אונז בכלל אַזוי שטאַרק. איבסען איז אַ הייסער געגנער פון דעם היינטיגען שטאַאַט. דאָס הייסט ניט, אַז איהם געפעלען מעהר אָבגעזונדערטע קאָמונען, קליינע, בעגרענעצטע געזעלשאַפטען. קיינעם עקעלט ניט אַזוי שטאַרק, ווי איבסען'ען, פון דער טיראַנישקייט און בעגרענעצטקייט, וואָס איז איינענטימליך אַזעלכע געזעלשאַפטען. ווער האָט נאָך אַזוי ליידענ־שאַפטליך, ווי איבסען, געפאָדערט, אַז די סקאַנדינאַווישע קליינע מלוכות זאָלען פאָלגען דעם ביישפּיעל פון איטאַליען און דייטש־לאַנד און זיך פעראייניגען זיך אין איין פּאָליטישעם גאַנצעם? וואָס איז די בעדייטענדסטע דראַמאַ זיינע, „די פּרעטענדענטען אויף'ן טראָן“, אויב ניט אַ רעכטפערטיגונג פון דער דאָזיגער צענ־טראַליזאַציאָנס־אידעע? ער איז אַזוי בעגייסטערט פון דער אי־דעע, אַז ער בעמערקט גאָר ניט, ווי געפעהרליך צענטראַליזאַציאָן קען ווערען פאַר'ן גייסטיגען לעבען. קיינמאָל איז איטאַליען ניט געשטאַנען אַזוי הויך קינסטלעריש, ווי גראָד אין יענער צייט, ווען סיענאַ און פלאָרענץ האָבען געלעבט אַן אָבגעזונדערט לעבען; דייטשלאַנד האָט זיך קיינמאָל אין איהר געשיכטע ניט דערהויבען אַזוי שטאַרק, ווי אין יענע יאָהרען, ווען קעניגסבערג (קאַנט) און ווייטאַר (שילער—געטע) זיינען געווען צוויי אייגענאַרטיגע פּאָלי־טיש־קולטורעלע צענטרען. איבסען איז צענטראַליסטיש, און דאָך חלום'ט ער פון דער צייט, ווען דער שטאַאַט וועט געבען מעהר

פרייהייט דעם אינדיווידום און דער קאָמונע און וועט, מיט איין וואָרט, אויפהערען צו עקזיסטירען אין זיין איצטיגער פאָרם. איבסען לעזט וועניג און זיכער ניט פון ליטעראַרישע קוועלען דערוויסט ער זיך וועגען אונזער צייט — און דאַך דוכט זיך מיר אָפט, אז ער איז עפּעס אויף אַ געהיימניספאָלען וועג פערבונדען מיט די אידעען, וואָס ווערען געבאָרען אין דעם שוים פון דער מאָדערנער צייט. איך האָב איינמאָל געהאַט אַ געלעגענהייט צו איבערצייגען זיך, אַז איבסען'ען האָבען אינטערעסירט אידעען, וועלכע זיינען שוין טאַקי היסטאָריש רייף געוואָרען, אָבער נאָך האָט זיי קיינער ניט בעמערקט; זיי האָבען איהם געפּייניגט. איך געדענק, ווי באַלד נאָך'ן פראַנצויזיש־פּרייסישען קריעג, ווען אַלע האָבען נאָך געטראַכט וועגען דער גרויסער מלחמה, און קיין סקאַנדינאַוויער איז ניט איינגעפאַלען, אַז עס איז מעגליך עפּעס עהנליכעס ווי די פּאַריזער קאָמונע, האָט איבסען ענטוויקעלט פאַר מיר פּאָליטישע אידעען, וועלכע איך האָב דאַמאַלס ניט גוט פערשטאַנען און וועלכע זיינען זיכער געוועזען זעהר עהנליך צו יענע פּרינציפּען, וואָס זיינען פּראָקלאַמירט געוואָרען אין אַ מאָנאַט שפּעטער אין אַ קאַריקאַטורענהאַפטער פאָרם פון דער פּאַריזער קאָמונע. אין'ם יאָהר 1879 (18 פעברואַר) האָט מיר איבסען געשריבען:

„קעמפּפען פאַר פרייהייט איז דער תוך פון פרייהייט. דער, וואָס האָט שוין פרייהייט, ווי עפּעס פערענדיגטעס, עפּעס אַזוינס, נאָך וואָס מען דאַרף ניט שטרעבען מעהר, האַלט אין האַנד עפּעס טויטעס, זעלענלאָזעס, ווייל די אידעע פון פרייהייט האָט אין זיך די אייגענשאַפט, אַז זי ווערט פערטיפט אַזוי לאַנג, ווי איהר זייט אויף'ן וועג צו איהר. ווייל אָבער אימיצער אין צייט פון קאַמפּף בלייבען שטעהן, זאָגענדיג: איך האָב שוין די פרייהייט, בעווייזט ער דערמיט נור, אַז ער האָט זי שוין פערלאָרען. אָבער גראָד די דאָזיגע פערגליווערונג פון פרייהייט איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יעדען פּאָליטישען קערפּער און נעגען איהר בין איך אַרויסגעטראָטען ניט איין מאָל. אודאי איז ניט ווערט צו האָבען וואַהלרעכט, קענען בעשטימען די שטייערען, אָבער ווער האָט נוצען פון די

אלע פרייהייטען? דער בירגער, אָבער ניט דער מענש, דער אינדיוויד. עס האָט קיין זין ניט פאַר'ן אינדיווויד צו ווערען בירגער. פערקעהרט. דער שטאַאַט איז אַ קללה פאַר איהם. ווי אַזוי איז שטאַרק געוואָרען פּרייסען? טאַקי דערמיט, וואָס זי האָט דעם איינצעלנעם פערוואַנדעלט אין אַ פּאָליטישען און געאָגראַפישען בעגריף. דער קעלנער איז דער בעסטער זעלנער. און פון דער אַנדערער זייט נעהמט די אַריסטאָקראַטישסטע פון אַלע נאַציאָנען, די אידישע! ווי אַזוי האָט זי געקענט דערהאַלטען איהר אינדיווידואַליטעט, ניט קוקענדיג אויף דער ברוטאַליטעט פון דער אַרומיגער וועלט? דאָס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס זיי האָבען ניט געדאַרפט טראָגען אויף זיך די לאַסט פון שטאַאַטסלעבען. ווען זיי וואָלטען פערבליבען אין פּאַלעסטינא, וואָלטען זיי שוין לאַנג פערלאָרען געגאַנגען, בויענדיג און אויפהאַלטענדיג זייער שטאַאַטסלעבען. נידער מיט דעם שטאַאַט! אין דער דאָזיגער מלחמה וואָלט איך זיך מיט פערגניגען בעטייליגט. רייסט אויף דעם בעגריף „שטאַאַט“, בעפרייט דעם ווילען, זעהט, אַז אינטואַציאָן און גייסטיגע פערוואַנדשאַפט זאָלען זיין די איינציגע מאָמענטען, וואָס פעראייניגען מענשען און איהר וועט ענדליך האָבען דערגרייכען אַביסעל פרייהייט, אַביסעל אמת'ע פרייהייט, וואָס האָט ווירקליך אַ ווערט. פּאָליטישע ענדערונגען זיינען אַ שפּיעל, אַ מעהר אָדער וועניגער געלונגענער, און אין תוך איז דאָס אַלץ אַ נאַרישקייט. דער שטאַאַט האָט וואָרצלען אין דער צייט; אין דער צייט וועט ער אויך דערגרייכען זיינע העכסטע שפּיצען. גרעסערע, וויכטיגערע ערשיינונגען, ווי דער שטאַאַט, וועלען זיך צופאַלען; אַלע היינטיגע רעליגיאָנען וועלען פערשווינדען. ניט די מאָראַלישע קאָנצעפּציאָנען, ניט די קינסטלערישע פאָרמען זיינען אייביג. וואָס צווינגט אונז איינגענטליך צו האַלטען זיך מיט די דאָזיגע אָבשטאַרבענדע פאָרמען? ווער וועט מיר גאַראַנטירען, אַז צוויי מאָל צוויי איז ניט פינף אויף'ן פּלאַנעט יופּיטער?“

העינריק איבסען האָט אודאי ניט געוואוסט ניט פון דעם אַנאָנימען אוטאָר, וואָס האָט אָנגעשריבען אין ענגליש אַ בראָשור, כדי

צו בעווייזען אויף א שארפזיניגען און פּאראדאָקסאַלען אופן, אז צוויי מאָל צוויי קען זיין פינף אויף'ן יופּיטער; ער האָט, אודאי, אויך ניט געוואוסט, ווי שטארק די לעצטע שורות זיינע וואָלטען געפעלען סטיוארט מיל'ן און די אנדערע אַנהענגער פון'ם עמפּירי־שען ראדיקאליזם. אזא פערשטאנד האָט שוין געהאט איבסען, אז איהם האָט אינסטיקטיוו געצויגען צו אוניווערסאַלען סקעפּטיציזם; און דאָך זייענדיג סקעפּטיש, האָט ער אין דערזעלבער צייט געהאט אַ קרעפּטיגען פּראקטישען גלויבען. אין איינער פון זיינע ערשטע ווערק („בראנד") לעגט ער אריין בראנד'ן אזעלכע ווערטער:

„איך וויל ניט פערשטארקען קיין דאָגמען און קיין קירכען, ווייל יעדע דאָגמע און קירכע האָט געהאט איהר פריהמאָרגען, און אזוי ווי זי איז געבאָרען געוואָרען, איז מעגליך, אז זי זאָל אויס־געהן. אלעס בעשאפענע פערגעהט סוף כל סוף, ווערט אויפגעפרע־סען פון ווערים און מוז אַבטרעטען אָרט צו נאָך ניט געבאָרענע פאָרמען, לויט נאָרמען און געזעצען".

די דאָזיגע ווערטער בראנד'ס ווערען גוט קאָמענטירט פון איבסען'ס א ציטאטע, וועלכע איך ערלויב מיר צו נעמען פון זיין בריף צו מיר, ניט מורא האָבענדיג, אז איבסען'ס מיינונגען ווע־גען דער קאָמונע קענען ערשיטערען זיין אויטאָריטעט. האָט דאָך ביסמארק אליין געזאָגט, אז אין די אַנשטרענגונגען פון דער קאָמונע איז געווען פארבעהאַלטען „א קערן פון געזונטען מענשענפער־שטאנד". דעם אכצעהנטען מאי, 1871, האָט איבסען געשריבען מיר:

„איז דאָס ניט מיאוס פון דער זייט פון דער פאריזער קאָמונע, וואָס זי האָט אינגאנצען צונישט געמאכט מיין שטאאטס־אידעע אָדער ריכטיגער מיין נעגאציאָן פון יעדער שטאאטס־אידעע? איצט איז מיין אידעע קאָמפּראָמיטירט אויף יאָהרען; איך קען זי ניט אפילו בעזיינגען אין פערזען. אין איהר איז אָבער געווען א גע־זונדער קערן, דאָס זעה איך קלאָר און איך האָף, אז זי וועט נאָך ווען עס איז פערווירקליכט ווערען אין א ריינער, ניט־קאריקאטור־רענהאפטער פאָרם".

די ווערטער בעווייזען, אז איבסען האט אויף א געניאלען אופן פאראויסגעזעהן דאס, וואס האט געגעהרט אין'ם בעוואוסטזיין פון דער צייט.

פערהערליכענדיג דעם איינצעלנעם, האט איבסען גאנץ נאַ־טירליך געמוזט ארויסטרעטען אין קאמפף מיט די קרעפטען, וואס בעגרענעצען דעם אינדיוויד. ער איז געווען אין אפאזיציאן אי צום שטאאט, אי צו דער געזעלשאפט. איך בין ניט זיכער, אז איך האב געכאפט דעם זין פון זיינע פיליפיקען געגען געזעלשאפט און שטאאט. זיינע געדאנקענגאנגען זיינען מיר גאנץ פרעמד. איך פערשטעה לארענץ פאן שטיינ'ען אדער גנייסט'ן, וואס האבען ענט־דעקט אין דער געשיכטע פון היינטיגער צייט א שטענדיגען קאמפף צווישען שטאאט און געזעלשאפט און קעמפפען געגען די פריווי־לעגיען און פרייהייטען פון דער געזעלשאפט אין'ם נאמען פון מעכ־טיגען, אליינהערשענדען שטאאט; איך פערשטעה אויך די אנאר־כיסטישע טעארעטיקער, וואס האסען דעם שטאאט, ארויסגעהענדיג פון א נייער קאנצעפציאן פון דער געזעלשאפט, — אבער איך בע־גרייף ניט, ווי אזוי קען מען, ווי איבסען, זיין אי געגען דעם שטאאט, אי געגען געזעלשאפט.

איבסען האט א געפיהל, אז די פערזענליכקייט איז ארומגע־רינגעלט פון אלע זייטען מיט געפאהרען; ער האט מורא, אז די שארף פון פערזענליכקייט זאל ניט אבגעשטומפט ווערען. איבסען גלויבט, אז דער איינצעלנער מוז אליין שטעהן, זיין אבסאלוט פריי, אברייסען זיך פון אלע סאציאלע פערבינדונגען, כדי די פראדוק־טיווע מעגליכקייטען זיינע זאלען זיך קענען ענטוויקלען. דעריבער־קוקט איבסען מיט פערדאכט אויף פריינדשאפט, אויף הייראט, וואס רייסען זיך אריין אין'ם לעבען פון אינדיוויד און פיהרען איהם אראב פון זיין אינדיווידועלען וועג. אין מיין יוגענד האב איך אמאל געשריבען איבסען'ען, פיהלענדיג זיך זעהר דערשלאגען, אז איך בין אליין, האב ווייניג פריינד און אפשר גאר קיין פריינד ניט. אינטערעסאנט איז איבסען'ס ענטפער (מערץ 6, 1870):

„... איהר זאגט, אז איהר האט קיין פריינד ניט; איך האב

מיר דאָס שוין לאַנג פאַרגעשטעלט. יעדער איינער, וואָס גיט זיך איבער מיט לייב און לעבען זיין לעבענסאַרבייט, קען ניט ערוואַרטען, אַז זיינע פריינד זאָלען בלייבען איהם טריי. פריינד זיינען אַ צו גרויסער לוקסוס־אַרטיקעל, און דער, וואָס האָט אריינגעלעגט זיין קאַפּיטאַל אין אַ בערוף אָדער עפּעס אַן אַרבייט, וואָס איז איהם טייער, האָט ניט קיין רעכט צו האָבען פריינד. האַלטען זיך מיט פריינד איז טייער ניט דערפאַר, וואָס זיי פאָדערען פון אונז, אַז מיר זאָלען עפּעס טהון זיי צוליעב, נור דערפאַר, וואָס צוליב זיי פערלאָזען מיר אונזער אַרבייט, האָבען ניט דעם מוט צו טהאָן אַלץ, וואָס מיר דאַרפען טהון. אונזער אינטעלעקטועל לעבען ליידט דערפון שטאַרק. איך האָב דאָס אויך זיך אויסגעפּרואווט, און דעריבער זיינען יאָהרען פערגאַנגען, איידער איך בין אימשטאַנד געווען צו ווערען אונאַבהענגיג, איך אַליין...“

פיהלט זיך דען ניט איבסען׳ס בעדערפניש אין אונאַבהענגיגקייט און דאָס בעוואוסטזיין פון זיין איינזאַמקייט אין די איראָנישע ווערטער וועגען „פריינד — דעם טייערען לוקסוס־אַרטיקעל“? דאַרפען מיר ניט אין די דאָזיגע ווערטער זוכען די וויכטיגסטע ערקלערונג פון דער ערשיינונג, וואָס איבסען׳ס אָריגינאַליטעט האָט זיך אַזוי שפּעט געלאָזט פיהלען? עס איז קלאָר, אַז אין אָנהויב פון זיין פּאָעטישער קאַריערע איז איבסען גאָר ניט געווען זיכער אין זיך.

אויב פריינדשאַפט קען אונטער געוויסע בעדינגונגען שטערען דער ענטוויקלונג פון דער זעלבסטשטענדיגקייט פון׳ם אינדיווידו, קען די הייראַט אָפט אויך ווירקען אין דערזעלבער ריכטונג. דעריבער וויל ניט נאָראַ אַנערקענען איהרע פליכטען צום מאַן און קינדער אַלס איהרע הייליגסטע פליכטען. זי האָט נאָך וויכטיגערע פליכטען צו זיך אַליין, זאָגט זי. טאַקי דערפאַר ענטפערט זי אויף העלמער׳ס ווערטער: „דו ביסט פריהער פאַר אַלעמען און מעהר פון אַלעמען מוטער און ווייב“, מיט אַזעלכע רייד:

„און איך רעכען, אַז איך בין פריהער פון אַלעמען און מעהר

פון אלעמען א מענש — יעדענפאלס דאס וועל איך פּרואווען ווערען".

איבסען איז איינפערשטאנען מיט קירקעגארד'ן, אז אין יעדען איינעם מענשען ליגט א גרויסע אונבעזיגבארע קראפט; אין מיר און אין דיר איז פערבארגען די זעעל פון א קעמפּפער. דער אונ־טערשיד צווישען קירקעגארד'ן און איבסען'ען איז נור דער, וואס קירקעגארד האלט די פּערזענליכקייט פאר א איבערנאטירליכע קראפט, אבער איבסען זעהט אין איהר עפּעס ערדישעס; זי הענגט אב ניט נור פון העכערע קרעפטען, נור פון זיך אליין. און אזוי ווי יעדען מענש דארף זיין פריי, א גאנצע פּערזענליכקייט, טייטשט ער אויס יעדען קאמפּראמיס מיט דער דרויסענדיגער וועלט, ווי עפּעס בייזעס, ווי דעם טייוועל'ס ווערק. מיר זיינען איצט צוגע־קומען צו דער אידעע פון „בראנד". הערט, וואס „בראנד" זאגט:

„פון די אלע צוזעהטע פראגמענטען פון דער נשמה, די אלע טארפען פון גייסט, די קעפּ, הענד, וועט מיט דער צייט בעשאפען ווערען עפּעס גאנצעס, א העלד, אין וועלכען דער אויבערשטער וועט ווידער דערקענען דעם מענשען, זיין גרעסט ווערק, זיין יורש אדם'ען, דעם יונגען און שטארקען".

דעריבער ווערט „אלעס אדער גארנישט" בראנד'ס דעוויז; אפילו אין דער לעצטער שעה, אין'ם אנגעזיכט פון'ם טויט, ווערט בראנד ניט מילדער. אויף'ן גייסט פון קאמפּראמיס קוקט ער, ווי אויף'ן שטן, וואס בעט איין פינגער, און גיסטו איהם דעם פינגער, וועט ער די גאנצע האנד ארייכאפּען. דערזעלבער „גייסט פון קאמפּראמיס" בעוויזט זיך אויך אין „פּיער גינט", אין דעם גע־שטאלט פון'ם הויקערער, וואס איז א פּערקערפּערונג פון אלעם פיי־גען, בויגיגען, וואקלדיגען אין דער מענשליכער נאטור:

— פערטיידיג זיך!

— דער הויקערער איז נאך ניט פעהיג געווארען.

— שלאג זיך!

— דער הויקערער שלאגט זיך קיינמאל ניט.

— קעמפּף! דו מוזט קעמפּפען!

— דער מעכטיגער הויקערער זיגט ניט קעמפּפענדיג.
דער מעכטיגער הויקערער געווינט שטענדיג מיט גוטען.
בעפרייען די מענשליכע ראַסע פון דעם הויקערער'ס שטי־קענדע אַרעמס, כאַפּען דעם גייסט פון קאָמפּראָמיס, אריינוואַרפען טיף־טיף אין וואַסער, דאָס איז דער ציל, וועלכען איבסען האָט זיך געשטעלט אַלס דיכטער. די דאָזיגע בעפרייאונג פון דעם אינדיוויד איז יענע רעוואָלוציאָן, די איינציגע, וועלכע איבסען פּרעדיגט.

איינמאָל האָב איך געפרעגט הענריק איבסען'ען: „צי איז פאַראַן צווישען אַלע דענישע דיכטער אפילו איינער, וואָס אינ־טערעסירט אייך וויפיעל ניט איז איצט (1871) אויף דער איצ־טיגער שטופע פון אייער ענטוויקלונג?" אַ לאַנגע צייט האָט ער געשוויגען און דערנאָך אזוי געענטפערט: „עס איז אַמאָל געווען אַן אַלטער מענש אין זעעלאַנד, וואָס איז געגאַנגען ארום זיין אַקער אין פויערישע קליידער און האָט מיט צאָרניגע, פיינדליכע אויגען געקוקט אויף דער וועלט. ע ר געפעלט מיר". איז דאָס ניט אינ־טערעסאַנט, אַז ברעדאַל איז נאָהענטער איבסען'ס האַרץ מעהר פון אַלע דענישע דיכטער! ברעדאַל איז אויך געווען אַ מעלאַנכאָלישע, פעסימיסטישע נאַטור. ער איז ניט געווען קיין טיפער פּסיכאָלאָג, אָבער אין זיין פּאַטאָס הערען זיך שוין די דונערען, וואָס זאָגען אָן, אַז באַלד וועלען זיך דורכטראָגען איבסען'ס בליצען. ברעדאַל האָט בעמערקט נור די דרויסענדיגע, רויהע היפּאָקריטישקייט און טיראַ־ניי פון מענשען; איבסען דרינגט שוין דורך אין די פערבאָרגענסטע געהיימניסען פון'ם מענשליכען האַרץ. ער איז עהנליך צו איבסען'ס רעוואָלוציאָנערען רעדנער, וועלכער „פערפלייצט די פעלדער פון דער וועלט מיט די שטראָמען פון זיין מליצה".

איבסען איז גרינדליכער, ראַדיקאַלער, „אַ גליקליכער, וואָס טאָרפעדירען קען ער דעם ארון הייליגען". איבסען איז אַ רעוואָ־לוציאָנערע נאַטור, דאָס הייסט ניט, אַז ער חלומט וועגען דרויסערע רעוואָלוציאָנען, פּאָליטישע רעוואָלוציאָנען. פאַרקעהרט: ווי איינ־זאַם ער איז ניט און איזאָלירט און פיינדליך צו אַלע פּאַרטייען, איז ער אין תוך קאָנסערוואַטיוו; זיין קאָנסערוואַטיזם איז אָבער

אן איינענאַרטיגער, ער נעמט זיך פון אַ ראַדיקאַלער פּאָזיציאָן, ער ווייל ניט קיין קליינע רעפאָרמען, ווייל ער ערוואַרטעט גאָרנישט פון רעפאָרמען. אין דער טיפעניש פון זיין נשמה איז ער אַן ענטשלאָסענער רעוואָלוציאָנער, אָבער די רעוואָלוציאָן, וועגען וועלכער ער חלומט, איז אַ רעוואָלוציאָן פון גייסט. זיין בריף צו מיר פון דעצעמבער מאָנאַט, 1870, ענדיגט זיך מיט די ווערטער: „מיר נויטיגען זיך ווירקליך אין אַ גייסטיגער רעוואָלוציאָן". די ווערטער געדענק איך ביז היינטיגען טאָג; אין די ווערטער איז אויסגעדריקט איבסען'ס גאַנצע פּאָעטישע פּראָגראַם — אַ וואונדערבאַר פּראָגראַם פאַר אַ דיכטער!

איך וואָלט געוועזן ניט אויפריכטיג, איך זאָל זאָגען, אַז איבסען'ס וועלט־אנשויאונג איז אינגאַנצען אַ ריכטיגע; אין איהר איז אָבער זיכער פאַרהאַן אַ עלעמענט פון אמת'דיגקייט. דאָס זיינען געדאַנקען, וואָס קענען צוניץ קומען אַ דענקער אָדער אַ דיכטער; אָבער פיהרען זיך לויט זיי אין לעבען איז אונמעגליך. נאָך מעהר — איהר קענט אפילו ניט ארויסזאָגען זיי אָפען פאַר דער וועלט, ווייל דאַמיט וואָלט איהר אַנדערע פערפיהרט, געררייצט זיי טהאָן דאָס, וואָס זיי דאַרפען ניט טהון. דער, וואָס שטרעבט צו גרויסע, ענטשיידענדע, וועלטאיבערקעהרענדע רעוואָלוציאָנען און קוקט דעריבער מיט פעראַכטונג אָדער גלייכגילטיגקייט אויף די קליינע ענדערונגען אין לעבען; אויף די אומבעדייטענדע פּאָליטישע רעפאָרמען; אויף קאָמפּראָמיסען, אויף וועלכע פּראַקטישע מהוער מוזען איינגעהן, ווייל נור אויף אַזאַ אופן קענען זיי האָבען אַ מעגליכקייט צו פערווירקליכען עפּעס פון זייערע ליעבלינגס־אידעען; אויף קאָלעקטיווער ארבייט, וואָס גיט אַ שוואַכען מענשען אַ מעגליכקייט עפּעס צו דערגרייכען אין לעבען, — יענער דאַרף זיך אָבזאָגען פון יעדער פּראַקטישער טעטיגקייט, ניט ריהרען זיך, ניט מישען זיך אין'ם לעבענס־פּראָצעס. אַזאַ מענש קען נור, ווי קירקעגאַרד אָדער איבסען'ס בראַנד, האַלטען אין איין קלאָגען זיך אויף'ן טיפען אָבגרונד, וואָס טיילט אָב די ווירקליכקייט, אין וועלכער מיר לעבען, פון דער אידעאַלער וועלט, צו

וועלכער מיר שטרעבען. פּרואווען זיך טהון אָדער ווירקען אויף אַנדערע, אַז זיי זאָלען טהון עפּעס, וואָס פיהרט צו אַזאַ צוועק, וואָלט געבראַכט נור דערצו, אַז יענע, וואָס וואָלטען געפאָלגט איי־ער עצה, וואָלטען ריזיקרט מיט׳ן לעבען, שפּרינגענדיג איבער׳ן שרעקליכען תהום, וואָס טיילט אָב ווירקליכקייט פון אידעאַל — און איהר אליין וואָלט געהאַט אונאַנגענעמליכקייטען. אפילו דער דיכטער אָדער דראַמאַטיקער טאָר ניט דירעקט פּרעדיגען אַזעלכע אידעאַלע פּאָרשטעלונגען; ער קען זיי אריינלעגען אין מויל זיינע פּערסאָנאַלען, אָבער ער דאַרף שטעהן אָן אַ זייט. נור זעהר נארישע און בייזע קריטיקער האָבען געקענט פערשטעהן בוכשטעבליך איב־סען׳ס שאַרפען וואָרט, אַז ער וויל טאָרפּעדירען אַלעס מענשליכע; ער איז גאָרניט אַזוי בלוטדורשטיג, ווי זיי רעכענען. איבסען׳ס וועלט־אנשויאונג זעצט פאָרויס אַן אַבגעריסענהייט צווישען דער טעאָריע און פּראַקטיק, אינדיווידו און בירגער, פּאָליטישער און גייס־טיגער פרייהייט און נאָך אַלעמען קען אין אַזאַ דואַליסטישקייט לעבען נור אַ דיכטער, וואָס איז דערווייטערט פון זיין פאָטערלאַנד און האָט גאָרניט צו טהון מיט געזעלשאַפט, פּאָליטיק, קלאַסען, פּאַרטייען אָדער רעפאָרמען.

דער אַריסטאָקראַטישער כאַראַקטער פון אַזאַ קוק אויף׳ן לע־בען איז, לויט מיין מיינונג, ניט קיין זעהר געהויבענער. ווייל אַ בעדייטענדער שרייבער מען זאָל צו איהם האָבען גרויסען רעס־פּעקט, לוינט זיך איהם ניט צו מישען אין׳ם מאַסענקאַמפּף אָדער אַ פּשוט׳ען געשלעג. עס איז אַריסטאָקראַטישער צו האַלטען זיך פון דערווייטענס פון דעם וואולגארען פּלעבס, ניט אריינוואַרפען זיך אין׳ם טאָג־טעגליכען קאַמפּף, ניט צו שרייבען קיין צייטונגס־אַרטיקלען. אָבער מיר דוכט, אַז עס איז פיעל עדלער און אַריסטאָ־קראַטישער צו טהון, ווי די לעגיטימיסטישע גענעראַלען האָבען גע־טהון, וואָס זיינען געגאַנגען דינען אַלס פּשוט׳ע סאָלדאַטען אין קאָנדעל׳ס אַרמעע און האָבען, ניט קוקענדיג אויף זייערע גענע־ראַלען־עפּאָלעטען געשלאָגען זיך אין די ערשטע רייהען צוזאַמען

מיט די איינפאכסטע סאלדאטען. דערמיט איז אבסאלוט ניט גע־מינערט געוואָרען זייער אינערע ווירדע.

III

אינטערעסאנט איז צו בעטראכטען איבסען'ען אין'ם ליכט פון די ליטעראַרישע טענדענצען פון די צייטגענאָסען. צייטגענאָסען און ניט פאלק, ווייל איבסען איז אייראָפּעער און ניט סקאנדינאווער. ס'ארא אונטערשיד צווישען איהם און ביערנסאָן'ען, וועלכער איז, ניט קוקענדיג אויף זיין קאסמאפאליטישע בילדונג, שארף נאציאָנאל. דאָס, וואָס דער דיכטער איז פאר'ן בעוואוסטזיין פון זיין צייט, איז כאראקטעריסטיש פאר זיינע בעציהונגען צו די אידעען און פאָרמען פון זיין צייט. יעדע צייט האט זיך איהרע אייגענאַרטיגע אידעען, וועלכע טרעטען ארויס אין דער קונסט אלס געשטאלטען און אידעאלען.

אידעען ווערען ניט בעשאפען פון דיכטער, נור פון דענקער און פאָרשער. אין זייערע קעפ בליצען דורך געניאלע היפּאָטעזען וועגען די געזעצען און ערשיינונגען פון'ם רעאלען לעבען; זיי ווערען בעשטעטיגט און רעכטפערטיגט אין'ם פראָצעס פון נאטורוויסענשאפטליכער עקספּערימענטירונג אין היסטאָריש־פילאָסאָפישער פאָרשונג; זיי ווערן שטארק, צוואוואקסען זיך און פערשפרייטען זיך אין'ם קאמפף מיט געגנער און אָנגענומענע אידעען, ביז זיי ווערען ענדליך, ווי די ביבלישע מלאכים, קרעפטען, טראָנען, קעניגרייכען און הילען איין אין זייערע פליגלען די גאנצע וועלט.

דיכטער בעשאפען ניט קיין אידעען; דאָס איז ניט זייער זאך, ניט זייער בערוף. אָבער אמת'ע דיכטער האָבען ליעב די ערשטע אָנצוגעהמען אידעען, וואָס זיינען נאָך ניט אנערקענט פון דער וועלט; זיי ציהט צו אידעען, וואָס ווערען ערשט געבאָרען, טראָגען זיך אין לופט און ווערען נאך פון אלעמען בעקעמפפט. זיי ווערען בעגייסטערט פון אזעלכע אידעען און אנדערש קען דאָס אויך ניט געמאָלט זיין; זיי פערשטעהען — און האָבען דאָך קיינ־

מאָל ניט געהערט פון זיי. שלעכטע דיכטער זיינען יענע, וואָס האָבען אַ גע'ירש'נטע אָדער אייגענע פּאָעטישע רוטינע, האָבען נישט קיין אויערען פאַר'ן דונערען פון די מעכטיגע אידעען אונטער דער ערד און פאַר'ן קלאַפּען פון זייערע פליגלען אין לופט. אין דער הקדמה צו זיינע „נייע ליעדער", זאָגט היינע, אז בשעת ער האָט געשריבען די לידער, האָט זיך איהם געדוכט, אז איבער'ן קאָפּ זיינעם פליהט אַן אונזיכטבאַרער פויגעל און קלאַפּט מיט די פליגעל. „ווען איך האָב דערצעהלט דאָס מיינע פריינד, די יונגע בערלינער דיכטער, זעצט ער פאָרט, האָבען זיי געקוקט איינער אויף'ן אַנדערען מיט פערוואונדערונג און האָבען אַלע ווי איין מענש פערזיכערט מיך, אז קיינמאָל איז ניט געשעהן מיט זיי עפּיס עהנליכעס". דאָס, וואָס די בערלינער פּאָעטלעך האָבען ניט דערהערט איז געוועזן אַ קלאַנג מיט די פליגלען פון די אידעען.

אָבער עס איז אונמעגליך, אז אַ דיכטער זאָל גאַרנישט האָבען קיין אידעען; אויך די ערגסטע דיכטער האָבען זייערע אידעען, אָבער דאָס זיינען די אידעען אין דער פערגאַנגענהייט; פון די דאָזיגע, איצט פערעלטערטע אידעען האָבען די פריהערע קינסטלער אַרויסגעצויבערט אינטערעסאַנטע פּאָעטישע מאָטיווען, אָבער די שלעכטע איצטיגע דיכטער האָבען זיי איבערגעגעבען אין מאַטע, פערשלאָפענע פאָרמען. זיי רעכענען, אז מאָדערנע אידעען זיינען גאַרנישט פּאָעטיש; זיי גלויבען נישט, אז מען קען זיי איינקליידען אין פּאָעטישע פאָרמען.

אָבער דער, וואָס האָט נאָך אין דער יוגענד (אין די „פּרעטענדענטען אויף'ן טראָן") אַנגעשריבען די בעריהמטע פראַזע „פאַר אייך איז דאָס אונמעגליך, ווייל איהר קענט נור איבער'חזר'ן אַלטע בבא-מעשיות, אָבער פאַר מיר איז דאָס לייכט, ווי ס'איז לייכט דעם פאַלקען צו פליהען אין דער הויך", האָט זיך קיינמאָל ניט געשראָקען פאַר די אידעען פון זיין צייט. ער האָט אויף נייע אידעען אַנגעטהאָן פלייש און בלוט, האָט זיי פערקערפּערט אין געשטאַלטען און אויף אַזאַ אופן שטאַרק פּאָפּולאַריזירט זיי; ער האָט פערשידענע מאָדערנע אידעען פערשטאַרקט און בעלויכטען

מיט'ן ליכט פון זיין מעכטיגען געפיהל. ווי שטארק ער האט גע־פיהלט דאס בעדערפעניש פון א לעבעדיגער בעציהונג פון נייע אידעען, קען מען זעהן פון די וואונדערבארע סטראָפען אין „פּיער גינט", אין וועלכע קנוילען, פערוועלקטע בלעטער און צובראָכענע שטרויעלעך ווענדען זיך צו פּיער'ן מיט אזעלכע בעשולדיגונגען:

„מיר זיינען געדאנקען, — דו האסט אונז געדארפט דורכ־טראכטען. מיר האבען געדארפט פליהען פארויס און ערשיטערען מיט אונזערע שטימען די הערצער פון מענשען, און אין דער אמת'ען וואלגערען מיר זיך אויף דער ערד, מיר אוננויטיגע קנוילען.

„מיר זיינען א לאזונג, דו האסט אונז געדארפט פּראָקלאמי־רען; זעה, ווי דיין גלייכגילטיגקייט האט אונז צו שאנדע געמאכט.

„מיר זיינען פליכטען, וואס דו האסט איגנאָרירט. צווייפלען און וואקלעניש האבען אונז צוטראטען."

עס איז שווער זיך פארצושטעלען, אז פּיער גינט זאל דאס מיינען זיך מיט די אלע בעשולדיגונגען; דאס בעשולדיגט איבסען, דער דיכטער, זיך אליין. ווי האט דער נעבעכדיגער, אָרעמער פּיער געקענט האבען עפּעס א לאזונג? ווי קען ער זיך בעשולדיגען, אז ער האט איהם ניט פּראָקלאמירט — האט ער דאך ניט געהאט וואס צו פּראָקלאמירען.

לאָמיר זעהן איצט, וואס פאר א אידעען און אידעאלען שפּי־לען די גרעסטע ראל אין'ם בעוואוסטזיין פון איבסען'ס צייט. דאס זיינען פאלגענדע אידעען: אידעען, וואס האבען צו טהון מיט רע־ליגיאן, ד. ה. פון איין זייט גלויבען היינטיגע מענשען, אז די גרויסע קרעפטען, וואס בעשטימען די וועלט־ארדנונג, זיינען מאַ־טעריעלע קרעפטען, דרויסענדיגע, מעכאנישע, און פון דער אנדערער זייט איז פערשפּרייט דער גלויבען, אז די דאזיגע קרעפטען זיינען גייסטיגע רעאליטעטען. שטארק אינטערעסירען אונזערע צייט־גענאָסען אויך די אידעען און אידעאלען, וואס כאראקטעריזירען דעם געגענזאץ צווישען צוויי עפּאכען, צווישען פערגאנגענהייט און געגענווארט, אלט און יונג, בעזונדערס צווישען דער עלטערער און יונגערער גענעראציאן. א גרויסע ראל שפּיעלען נאך היינ־

טיגע צייט אידעען, וואָס זיינען שייך צו די געזעלשאַפטליכע קלאַ־סען אין זייער קאַמפּף, צו אונטערשידען צווישען פערשידענע שטאַנ־דען און דער עיקר צווישען אָרים און רייך. ענדליך פערנעמען אַ גרויסען אָרט אין די אינטערעסען פונ'ם היינטיגען מענש אידעען וועגען די בעציהונגען פון געשלעכטער און בעזונדערס וועגען דער בעפרייאונג פון דער פרוי אין עקאָנאָמישען, מאָראַלישען און נייס־טיגען זין.

צו די רעליגיעזע אידעען און פּראָבלעמען בעציהען זיך די צייטגענאָסען אונזערע פערשידען, אָבער יעדענפאַלס אַנדערש, ווי אין די אַמאָליגע צייטען. אביספעל געשיכטע: דער גרעסטער פּון דער עלטערער דיכטער־גענעראַציאָן אין פראַנקרייך, וויקטאָר הוגאָ, איז אַ ליידענשאַפטליכער פריידענקער, און אינדערזעלבער צייט האַלט ער פון אַ נעבעלהאַפטען דעאיזם, וועלכער איז בעפאַרבט מיט פאַנטעאיסטישע אידעען. עס פיהלט זיך, אַז אויף איהם האָט נאָך אַ ווירקונג דאָס אַכטצעהנטע יאהרהונדערט; ער לויבט שטאַרק די רעליגיאָן אויף'ן חשבון פון די היסטאָרישע רעליגיאָנען; עס ווערט בעזונגען ליעבע, וואָס פעראייניגט, אין געגענזאַץ צו גלויבען וואָס צוטיילט און איז אַ צושטערענדע קראַפט. די בעדייטענדסטע שרייבער פון דער היינטיגער גענעראַציאָן אַנאַליזירען קאַלט די רעליגיאָן, אונטערשטרייכענדיג איהרע שאָטען־זייטען. קלאָבער קוקט אויף רעליגיאָן, ווי אויף אַ קאָשמאַר, אַ האַלוצינאַציאָן. דער גרעסטער ענגלישער דיכטער אין אונזער צייט, סווינבורן, איז אַ ליידענשאַפטליכער היידנישער כאַראַקטער; אין כריסטענטום זעהט ער אַ נאַציאָן פון נאַטור און נאַטירליכקייט, דעם בייזען שונא. מיט וועלכען מען דאַרף פיהרען אַ שטענדיגען קאַמפּף. דער גרעס־טער דיכטער פון איטאַליען, לעאָפּאַרדי, האָט זיך אַריינגעטהון אין אַ טיפזיניגע פּעסימיסטישע מעטאַפיזיק, וועלכע האָט איהם גע־פיהרט צו סטאָאישער רעזיגנאַציאָן; קאַרדוטשי, דער גרעסטער פון היינטיגע איטאַליענישע דיכטער־דענקער, איז נאָך קריגערישער און שאַרפער פון לעאָפּאַרד'ן. די וואונדערבאַרע דייטשע דיכטער גאָטפריד קעלער, פּאול הייזע, פרידריך שפּילהאַגען האָבען אין

זייערע ראָמאַנען אויסגעדריקט אַטעאיסטיש־הומאַניטערע אידעען.

אין די סקאַנדינאַווער לענדער איז דאָס געווען גאָר אַנדערש. די דענישע דיכטער פון דער עלטערער גענעראַציאָן זיינען אַלע געווען אָרטאָדאָקסע פּראָטעסטאַנטען; דער איינציגער פון זיי, וואָס האָט ליעב געהאַט פילאָזאָפישע אַבסטראַקציאָנען און האָט געוואַגט אַרויסצוטרעטען מיט זיינע פריידענקערישע אידעען עפענטליך, י. ל. הייבערג, האָט געמוזט סוף כּל סוף געהן אויף קאָמפּראָמיסען. קירקעגאַרד האָט געפּרואווט ברעכען די מאַכט פון דער אָפיציעלער קירכע; ער איז אָבער ניט אָנגעפאַלען אויף די כריסטליכע דאָגמען, נור אויף די אָנהענגער זייערע, די כריסטען, און דער עיקר — די פּאַסטאָרען, וואָס פיהרען אַן אונכריסטליך לעבען. קירקעגאַרד'ס ריכטונג האָט געהאַט אַ זעהר אַ גרויסע ווירקונג אויף דער דעניש־נאָרוועגישער ליטעראַטור ביז היינטיגען טאָג. די היינטיגע דיכטער אין דענעמאַרק אָדער נאָרוועגיען האָבען זעלטען אָדער כּמעט קיינמאָל נישט אָנגעריהרט די אָביעקטיווע זייט פון דער פראַגע, דעם עצם רעליגיאָן; זיי האָבען נור אינטערעסירט זיך מיט דער סוביעקטיווער זייט; דערמיט ערקלערט זיך, וואָס אין די סקאַנדינאַווישע ליטעראַטורען ווערען בעשריבען אַזוי אָפט פּאַסטאָרען, גלחים. אַנדערש, פערשטעהט זיך, מאָלען זיי די אפּיקורסישע שרייבער, אַנדערש די פרומע; אָבער אַלע האָבען ליעב צו נעהמען פּאַסטאָרען אַלס העלדען פון זייערע ראָמאַנען.

איבסען געהט אויפ'ן וועג, וואָס איז אָנגעצייכענט פון קירקעגאַרד'ן. ווי אַלע מענשען פון זיין גענעראַציאָן, וואָס זיינען אויסגעוואַקסען אונטער די ווירקונג פון די ראָמאַנטישע אידעען פון דער צייט, האָט ער אין אָנהויב ניט געהאַט קיין קלאָרע בעציהונג צו רעליגיאָן. אין דערזעלבער צייט איז אין דער טיפעניש פון זיין נאַטור געווען אַ ווידערשפּרוך, וואָס האָט געמוזט פיהרען צו אַן אינערען קאָנפליקט. איבסען האָט געהאַט אַ נאַטירליכע נייגונג צו מיסטיק און אויך אַ גרויסע נייגונג צו טרוקענעם, שאַרפען ראַציאָנאַליזם. וועניגע שרייבער האָבען זיך אַזוי קאָנוואולסיוו געריסען אין דער הויך, ווי איבסען, בעשרייבענדיג אין דערזעלבער

ציים די געוועהנליכסטע לעבענספראַזע. „בראַנד" און „די שטיצען פון דער געזעלשאַפט" זיינען אין תוך אזוי ווייט איינער פון'ם אנ־דערען, אז עס לאָזט זיך גלויבען דאָס די דראַמען זיינען געשריבען פון צוויי פערשידענע שרייבער. „בראַנד" איז מיסטיש; „די שטיצען פון דער געזעלשאַפט" איז אַ געוועהנליכע רעאַליסטישע זאַך. „בראַנד" איז עקזאַלטירט, „די שטיצען" פּרעדיגען אַ בורזשואזנע מאָראַל.

יעדער איינער, וואָס קען סקאַנדינאַוויען, האָט קיינמאָל ניט געצווייפעלט, אז „בראַנד", וואָס האָט צוערשט געמאַכט בעריהמט איבסען'ען, האָט דערוועקט אזא גרויסע אויפמערקזאַמקייט צו זיך נור דערפאַר, וואָס אויף דער דראַמאַ האָבען אַלע געקוקט, ווי אויף אַ פּאָעטישע דרשה, אַ בעשולדיגונגס־אַקט, אַ טענדענציעזער אר־בייט. ניט דאָס ווירקליך פּאָעטישע האָט געמאַכט אזא שטאַרקען איינדרוק אויף'ן המון. אַלע האָבען זיך געגעבען אַ לאָז אין די בוכהאַנדלונגען, זוכענדיג בראַנד'ן, אזוי ווי דער עולם לויפט אין דער קירכע הערען אַ נייעם, ענערגישען, מוטיגען פּרעדיגער. אין זיינע בריף, וואָס איבסען האָט מיר געשריבען וועגען „בראַנד'ן", האָט ער אונטערגעשטראָכען, אז דאָס, וואָס בראַנד איז אַ גלח איז אַ צופעליגקייט. אין יוני 1879 שרייבט ער מיר:

„בראַנד'ן האָט מען געטייטשט פאַלש; יעדענפאַלס ניט אזוי ווי איך האָב איהם קאָנציפּירט... דער טעות נעמט זיך, פער־שטעהט זיך, דערפון, וואָס בראַנד איז אַ גלח און דאָס פּראָבלעם פון'ם ווערק איז איבערגעטראָגען אויף'ן רעליגיעזען פּלאַן. איך האָב געקענט פּערקערפּערען די אידעע פון „בראַנד" אין אַ סקולפּטאָר אָדער אַ פּאָליטיקער; דאָס וואָלט ניט געענדערט גאָרנישט. איך האָב געקענט אָנשטאָט בראַנד'ן נעהמען גאַליליי'ן (מיט דער בעדינ־גונג, פערשטעהט זיך, אז גאַליליי זאָל ביז'ן סוף בלייבען טריי זיין איבערצייגונג, אז די ערד דרעהט זיך ארום דער זון און ניט פּערקעהרט) — און ווער ווייס, ווען איך וואָלט געבאָרען געוואָ־רען מיט הונדערט יאָהרען שפּעטער, צי איך וואָלט ניט גענומען פאַר'ן העלד פון דער דראַמאַ איך און אייער קאַמפּף מיט דער

קאמפּראמיס־פילאָסאָפיע פון ראסמוז נילסען. בכלל איז „בראנד“ מעהר אָביעקטיוו, ווי עס דוכט זיך, און דאָס פרעהט מיך, אלס דיכ־טער“.

עס איז קלאָר, אז איבסען האָט ניט צוגעגעבען קיין גרויסע בעדייטונג דעם פאקט, וואָס בראנד איז א גייסטליכער. דאָס בע־ווייזט אויך אן אויסדרוק איבסען׳ס אין א בריף, וואָס ער האָט מיר געשריבען, ווען איך האָב געאַרבייט אויף דער הקדמה פון מיין ווערק „די הויפּט שטרעמונגען פון דער ליטעראַטור“. איבסען האָט געשריבען:

„מיר דוכט זיך, אז איהר לעבט איצט איבער אזא קריזיס, וועלכען איך האָב איבערגעלעבט אין יענע טעג, ווען כ׳האָב גע־שריבען בראנד׳ן, און איך בין איבערצייגט, אז איהר וועט געפינען אַ מיטעל, ווי צו פערטרייבען די קראנקהייט פון׳ם לייב. ענער־גישע ארבייט איז דאָס בעסטע היילמיטעל“.

עס איז איצט קלאָר, אז איבסען׳ען אינטערעסירען אין בראנד׳ן ניט זיינע אידעען, נור זיין כאַראַקטער, זיין גרייטקייט צו אויפ־אָפּפערונג. איבסען, פערשטעהט זיך, דאַרף בעסער וויסען, ווי ווער עס איז, וואָס ער האָט געוואָלט דערגרייכען מיט זיין ווערק, אָבער מיר דוכט, אז ער מאכט צונישט יענע עלעמענטארע, אונבעוואוסט־זיניגע קראפט, וועלכע האָט געטריבען איהם דוקא צו אזא סוזשעט און ניט אן אנדערען. די דאָזיגע קראַפט איז זיכער געווען די שטענדיגע סקאנדינאַוו־ראָמאַנטישע שטרעבונג צו מיסטיק. וועלען מיר אפילו פערשטעהן בראנד׳ן אזוי, ווי איבסען וויל איהם פער־שטעהן, האָט עס דאָך א זין צו פערגלייכען איהם מיט אנדערע רעליגיעזע טהוער, וואָס סקאנדינאַוויען האָט ארויסגערוקט. אונז, דענישע מענשען, דוכט זיך נאטירליך, אז איבסען האָט אין בראנד׳ן פאָרטרעטירט קירקעגאָרד׳ן, ווייל אויך ער האָט געהאַלטען זעהר שטאַרק פון אויפריכטיגקייט. דאָס איז אָבער א טעות, וואָס נעמט זיך פון אונזער אונבעקאנטשאַפט מיט׳ן נאָרוועגישען לעבען. איב־סען האָט זיכער, שרייבענדיג בראנד׳ן, געהאַט פאַר די אויגען דעם נאָרוועגישען פריידענקערישען גלח לאַמערס, אָבער לאַמערס אַליין

האָט אָנגעהויבען זיין טעטיגקייט אונטער דער ווירקונג פון קירקעגאַרד'ס אגיטאַציאָן.

אין דער דראַמאַ „קיסר און גאַלילעער", פיהלט זיך אַלץ קירקעגאַרד'ס ווירקונג, אָבער אין אַ שוואַכערער מאָס. אמת, אויך אין דער ווערק ווערט מארטיבערטום בעטראַכט אַלס קריטעריום פון אמת און דער וויכטיגסטער פסיכאָלאָגישער מאָטיוו פון דער פּיעסע איז דער געדאַנק, אַז נור יענע אידעע, וואָס קען בעגייסטערען צום מאַרטירערטום, איז אינערליך־בעדייטענד. אָבער דער דאָזיגער געדאַנק איז ביי איבסען'ען געמישט מיט אַ האַלב־מיסטישען, האַלב־פילאָסאָפישען דעטערמיניזם, מיט שאָפּענהויער'ס גלויבען אין דעם אונבעוואוסטזיניגען וועלט־ווילען און מיט דער הייניגער פּראָפּעצייאונג, אַז היידנישקייט און כריסטענטום וועלען פעראייניגט ווערען אין אַ נייעם סינטעז, וועלכען עס וועט ברייגען דאָס דריטע קעניגרייך. אינטערעסאַנט איז, אַז אין זיינע ביידע דראַמען, וואָס בעהאַנדלען רעליגיעזע פראַגען, מאַלט איבסען שאַרף און כאַראַקטעריסטיש נור קאַמפּף און קאָנפליקטען, און אַלעס וואָס רעדט וועגען האַרמאָניע און פרידען, איז בלאַסער און ווענינער בעדייטענד. „דאָס דריטע קעניגרייך", וואָס ווערט געפּרעדיגט אין'ם „קיסר און גאַלילעער", ווערט אַזוי אונקלאָר געצייכענט, ווי דער גאַנג פון ליעבע, וואָס פּערענדיגט „בראַנד'ן".

איבסען האָט זיך אויך אינטערעסירט מיט די בעציהונגען צווישען פאָטער און זיהן, צווישען דער פערגעהענדער און קומענדער גענעראַציאָן, וועלכע זיינען אַזוי אָפט אָנגעריהרט געוואָרען פון היינטיגע שרייבער אין רוסלאַנד, דייטשלאַנד, דענעמאַרק און נאָרוועגיען. וועגען די דאָזיגע בעציהונגען שרייבט ער אין „די פּרעטענדענטען אויפ'ן טראָן" און שפּעטער מיט יאָהרען אין דער קאָמעדיע „דער בונד פון דער יוגענד". די ביידע דראַמען זיינען בעדייטענדע ווערק, אָבער זיי זיינען ניט טריי דער היסטאָרישער ווירקליכקייט און ניט אונפּאַרטייאיש.

„די פּרעטענדענטען אויפ'ן טראָן" איז ניט קיין אמת'ע היסטאָרישע דראַמאַ. אַרבייטענדיג אויף דער דאָזיגער ווערק, האָט

דער דיכטער גאָר ניט געוואָלט אויפ׳ן גרונד פון געשטאַלטען פון דער פערגאַנגענהייט געבען אונז א פאָרשטעלונג פון דער מענשלי־כער נאַטור, ווי זי האָט זיך ענטפּלעקט אונטער געוויסע אומשטענ־דען, אין א געוויסער עפּאָכע. ער האָט ניט געהאט קיין היס־טאָרישען קוק אויף די געשעהענישען, וועלכע ער האָט בעשריבען. דער היסטאָרישער סוזשעט איז געווען נור א ביי־זאַך; דער הינ־טערגרונד פון דער פּיעסע איז מיטעלאַלטערליך, דער פאָדערגרונד — א הייגטיגער, ווייל דער יאַרל סקולע איז א הייגטיגע פיגור. ווען איבסען וואָלט געוואָלט שטעלען זיך אויפ׳ן היסטאָרישען שטאַנדפּונקט, וואָלט ער געדאַרפט פאָרשטעלען סקולע׳ן אלס אי־בערגעבענער אריסטאָקראַט, און עפּיסקאָפּ ניקאָלאס׳ען, ווי א פאַנאַ־טישען, אָבער איבערציינגטען און עהרליכען פערטיידיגער פון דער מאַכט פון דער קירכע, ווייל דער קאַמפּף צווישען סקולע׳ן און האַ־קאָן׳ען איז די לעצטע, ערפאָלגלאָזע פּרואוו צו בעגרענעצען די קע־ניגליכע מאַכט, און דער עפּיסקאָפּ ניקאָלאָס ווידער האָט א גאַנץ נאַטירליכע פיינדשאַפט צום שונא פון דער קירכע און אוזורפּאַ־טאָר סווערע און זיין געשלעכט. אנשטאַט דעם האָט איבסען גע־מאָלט ניקאָלאס׳ען ווי עפּעס א שרעקענסגעשטאַלט, וואָס סימוואָ־ליזירט די גאַנצע פעראַכטונג צום לעבען, די קנאה, די שנאה, וואָס האָט געהערשט אין יענע צייטען אין נאָרוועגיען, און סקולע׳ן אלס א נעבעכדיג בעשעפעניש, וואָס האָט גרויסע אַמביציאָנען, שטרעבט צו א העכערען צוועק און ווערט געפּייניגט פון בייזע צווייפעל אין זיין רעכט, זיין בערוף, אין דער מעגליכקייט צו דערגרייכען זיין ציל. האַקאָן און סקולע ווערען געשטעלט איינער אנטקעגען דעם אנדערען, ווי פערטרעטער פון צוויי עפּאָכען, דער עפּאָכע פון צור־ריסענקייט פון לאַנד און פון דער גרויסער פעראייניגונג. אָבער אזוי ווי דעם דיכטער אינטערעסירט מעהר דאָס פּסיכאָלאָגישע, ווי דער היסטאָרישער אמת, טרעט דער דאָזיגער היסטאָרישער געגענ־זאַץ אָב גאָר אין א זייט און דעם וויכטיגסטען אָרט פערנעמט דער קאָנטראַסט צווישען די פערזענליכקייטען און די פון זיי פער־טראָטענע אידעען. האָקאָן איז דער פערטרעטער פון דער קעניג־

ליכער אידעע; איהר איז ער איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען. סקולע שטעלט ניט פאר עפעס אן אידעע פון דער פערגאנגענער עפאכע, ער איז נור די פערקערפערונג פון א ליידענשאפטליכען אונצוטרוי צו זיך. ער גנב'ט צו האקאן'ס קעניגליכע אידעע, כדי מיט איהר צו רעכטפערטיגען זיין פערלאנג צו פערכאפען דעם טראן. דאס גיט זיך איהם ניט איין. דער סקאלד ערקלערט איהם, אז א מענש קען ניט לעבען אין'ם זכות פון א פרעמדער ארבייט; ער אליין פיהלט דאס. דעם סקאלד'ס געדאנק איז ניט גענוג קלאר, ווייל פאר וואס זאל מען ניט קענען איינזאפען אין זיך א פרעמדע אידעע, איבערנעמען זיך, פיהלען זי, ווי אייגען בלוט און פלייש; צו וואס דארף מען צו'גנב'ענען א פרעמדע אידעע און איינרעדען אנדערע, אז זי איז דיין אייגענס. ניט א לעבען, וואס איז געוויד־מעט דער פערווירקליכונג פון פרעמדע אידעען, נור דאס פוצען זיך אין די העלע פעדערען פון א פרעמדער אידעע, מאכט א מענשען אומ־גליקליך. דערין איז געלעגען סקולע'ס אומגליק. דער ענטפער איז, אז איבסען האט זיך פיעל מעהר אינטערעסירט מיט'ן קאמפף, וואס קומט פאר אין דער טיפעניש פון די הערצער פון איינצעלנע מענ־שען, ווי מיט'ן קאמפף פון היסטארישע קרעפטען. סקולע איז גע־פעלען איבסען'ען, האט איהם פעראינטערעסירט טאקי דערפאר, וואס ער איז אן אונגעוועהנליכער מענש, א קאמפליצירטער כאראק־טער, א קאמפפסלוסטיגער גייסט; אפילו זייענדיג אומגערעכט, איז ער דאך א העכערע נאטור פון'ם שטאלצען, זיכערען, פאזי־טיווען האקאן'ען; א געוואלדיגע קראפט איז בעהאלטען אין סקולע'ן, דעם דאזיגען מעכטיגען נורעדין, וועלכער, שטרעבענדיג צום ליכט, מוז אומקומען מיט'ן פרעמדען ליכט אין דער האנד, ווייל ער האט זיך מיאש געווען אין נצחון און האט זיך געלאזט פער־פיהרען פון צווייפעל. סקולע איז פון יענע זעעלען, וואס האבען גרעסערע אספיראציאנען, ווי פעהיגקייטען; בישאף ניקאלאס האט גיגאנטישע קרעפטען, וואס ווערען פערלארען אין בענקעניש און אונזיכערקייט. אין סקולע'ס בעציהונג צו האקאן'ס געדאנק טרעט ארוים דער קאמפף צווישען פעהיגקייטען און שטרעבונגען צווישען

ווילען און קראפט אין דער זעעלע פון'ם איינצעלנעם, וואס איז שוין געמאלט געווארען אין „קאטילינא" און „די פעלדהעררען אין העל־גאלאנד". סקולע בעציהט זיך צו דער קעניגליכער אידעע, ווי יוליאן צום כריסטענטום; ער האט דאס בעוואוסטזיין, אז די קראפט, געגען וועלכער ער קעמפפט, איז מעכטיג און גרויס און דעריבער פאלט ער אריין אין א פאלשער ראל אנטקעגען דער גרוי־סער זיגרישער אידעע. דער פסיכאלאגישער אינטערעס האט פערשאטענט דעם היסטארישען.

די בעציהונגען צווישען די גענעראציאנען, דער עלטערער און דער אינגערער, ווערען געמאלט אין איבסען'ס „יוגענד־פערבאנד" — א דראמא, וואס פאראדירט שארפזיניג די יונגערע גענעראציא־נען, ניט פרואווענדיג זי אבסאלוט צו פערטיידיגען. עס איז אונ־מעגליך צו פערגלייכען דאס דאזיגע ווערק מיט טורגענעוו'ס „פא־טערס און זיהן" אדער זיין „נאוו". טורגענעוו איז שטרענג אי צו די פאטערס, אי צו די זיהן, אבער אין דערזעלבער צייט אטעמען זיינע ראמאנען מיט א טיפער סימפאטיע צוביידע גענעראציאנען. איבסען איז צו פעסימיסטיש; ער האט ניט קיין סימפאטיע מיט זיינע מענשען. דער איינציגער עהרליכער פערטרעטער פון דער יוגענד איז פיעלד בא, א גאנץ פאסיווע נאטור. דאס, וואס ער איז דאקטאר, איז צופעליג; בכלל פערנעמט דער טוגענדהאפטער, גו־טער דאקטאר א גרויסען ארט אין היינטיגער דיכטונג; ער איז, ווייזט אויס, דער העלד פון אונזער צייט. דאס קען מען ערקלערען דערמיט, וואס א מענש פון דער דאזיגער פראפעסיאן איז אי ווי־סענשאפטליך, אי הומאניטאר; אין איהם געפינען אן אויסדרוק אלע פסיכאלאגישע און סאציאלע קרעפטען, וואס בעוועגען אונזער צייט.

אין שילער'ס דראמען, אין די דראמען פון יונג־דייטשלאנד שפילט א גרויסע ראל דער קאמפף פאר פאליטישע און גייסטיגע פרייהייט. אין דייטשע דראמען פון א פריהערער צייט ווערען אפט אנגעריהרט די קלאסען־אנטאגאניזמען, אבער עס איז נאך דא־מאלסט ניט אנגענומען געווארען, אז דיכטער מעגען פערנעמען זיך

מיט פּראָבלעמען, וואָס זיינען שפּעטער געטויפט געוואָרען אַלס סאָציאַלע. אין פראַנקרייך איז דאָס געשעהן פיעל פריהער; די פראַנצויזישע דראַמאַטורגען, פון באָמאַרשע'ן ביז וויקטאָר הוגאָ, האָבען געהאַט אַן אינטערעס אין סאָציאַלע פּראָבלעמען. דאָס איז אויך נאַטירליך. די פראַנצויזישע דראַמאַ האָט אָבגעשפּיגעלט דאָס לעבען — און אין פראַנצויזישען לעבען האָבען די צוזאַמענשטויסען פון'ם אַלטען און נייעם, אין'ם פּאָליטישען און סאָציאַלען לעבען זיך געלאָזט פיהלען פריהער, ווי אין אַנדערע לענדער. אין דער היינטיגער פיינערער ליטעראַטור האָט די סאָציאַלע פראַגע ביז־לעכווייז פערטריבען די פּאָליטישע פון דער מזרח־וואַנד. די היינ־טיגע דיכטונג אין פערשידענע לענדער סימפּאַטיזירט מיט די אָרי־מע און דערשלאָגענע מענשען; זי דערמאָנט די רייכע און גליק־ליכע אָן זייערע פליכטען צו די אומגליקליכע. איבסען'ען האָט דאָס ניט שטאַרק אינטערעסירט; דאָך האָט ער אויך די פראַגע אָנ־געריהרט. ווען איבסען האָט געשריבען „קאַטילינאַ", איז ער גע־ווען נאָך צו ווייניג ענטוויקעלט ער זאָל פערשטעהן, ווי עס דאַרף צו זיין, די סאָציאַלע פראַגע; אָבער מיט עטליכע יאָהר שפּעטער האָט ער אין „די זיילען פון דער געזעלשאַפט" געגעבען אַ שטאַרקען קלאַפּ די הערשענדע קלאַסען פון זיין פאַטערלאַנד. די דאָזיגע דראַמאַ האָט גאָר קיין סאָציאַל־פּאָליטישע טענדענץ ניט, אָבער זי איז אַזוי טיף פּעסימיסטיש, אַז יענע, וואָס זיינען ניט בעקאַנט מיט די נאָרוועגער פערהעלטנישען, און גאַנץ בעזונדערס מיט די בע־ציהונגען פון'ם שרייבער צו די פערשידענע פּאַרטייען אין לאַנד, האָבען לייכט געקענט אַרויסלערנען אַזאַ טענדענץ פון איהר. ווען „די זיילען" זיינען געשפּילט געוואָרען אין אַ בערלינער טעאַטער, האָבען צושויער — און ניט פון די ערגסטע און בענרענצעסטע — געמיינט בתמימות, אַז די קאָמעדיע האָט אָנגעשריבען אַן איבער־צייגטער סאָציאַליסט. איך האָב דאַמאַלס געמוזט ערקלערען פער־שידענע מענשען, אַז איבסען איז דער ליבלינג־דיכטער פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי אין נאָרוועגיען. דער טעות איז געוועזן אַ פערשטענדליכער: איבסען איז צו איינזייטיג. די ביידע זייטען

פון דער פראַגע זיינען ניט בעלייכטעט געוואָרען מיט דער זעלבער קראַפט אין „די זיילען“ און דעם „פערבאַנד פון יוגענד“.

די בעציהונגען צווישען מאַן און פרוי האָבען שטענדיג זעהר שטאַרק אינטערעסירט איבסען׳ען; וועגען זיי האָט ער געהאַט די אָריגינעלסטע און היינטיגסטע אידעען.

אין זיינע יוגענד־אַרבייטען מאָלט איבסען די בעציהונגען צווי־שען געשלעכטער נאָך אויף׳ן טראַדיציאָנעלען אופן. אין׳ם „פעסט אין סאָלהאוג“ נעמט ער זיך צו דעמזעלבען סוזשעט, מיט וועל־כען עס האָט זיך בענוצט בירענסאָן אין „דער הינקענדיגער הולדאַי“, נעמליך, ער בעשרייבט אַ יונגען מאַן, וואָס האָט שטאַרק ליעב אַ יונג מיידעל, מיט וועלכער ער וויל חתונה האָבען, און בעגעגענט זיך מיט אַ ביסעל עלטערער פון איהם פרוי, וועלכע ער האָט געליעבט אין דער יוגענד, — אַן אַלמענשליכער מאָטיוו, וואָס איז שוין זעהר אָפט עקספּלואַטירט געוואָרען פון דיכטער. אין „קאַטילינאַ“ און „פרוי אינגער“ איז דער סוזשעט אביסעל אַ געקינצעלטער, אָבער אַ זעהר אינטערעסאַנטער: אַ מענש, וואָס האָט געלעבט אין אויס־געלאַסענקייט אין דער יוגענד, ווערט געשטראָפט מיט דער ליעבע צו אַ יונג מיידעל, וואָס האָט איהם אויך שטאַרק ליעב, אָבער קען זיך ניט בעפרייען פון׳ם עקעל צום מענשען, וואָס האָט אַמאָל פער־פיהרט איהר שוועסטער און געטריבען איהר אין קבר אריין.

אין דער „קאָמעדיע פון ליעבע“ בעשרייבט איבסען צום ערש־טען מאָל דאָס עראָטישע לעבען פון דער מאָדערנער נאָרוועגישער געזעלשאַפט: סטימולירט דערצו האָט איהם אודאי די נאָרוועגישע ליטעראַטור פון זיין צייט. ביערנסאָן האָט אין זיין יוגענד געלעבט אין דער אַטמאָספער פון פאָלקסלעגענדען און פאָלקסליעדער; איבסען איז פון די יונגסטע יאָהרען אָן געווען אונטער דער וויר־קונג פון די פּראָגרעסיווע גייסטער פון זיין צייט. „די קאָמעדיע פון ליעבע“ שעפּט איהר אינספּיראַציאָן פון קאַמילאַ קאָלעט׳ס „טעכטער פון׳ם אַטאַמאַן“, דאָס דאָזיגע בוך האָט אין זיין צייט צורודערט גאַנץ נאָרוועגיען. קאַמילאַ קאָלעט האָט געוואָגט אָנ־צופאַלען אויף הייראַט און פערלאָבונג מיט אַזאַ שאַרפזין און טאַ־

לענט, אז אַלע האָבען זיך צוטומעלט. איבסען איז געגאַנגען נאָך
ווייטער פון איהר; ער האָט אַ פעסטערע, זיכערערע האַנד. קאַ־
לעט'ס ווירקונג אויף איבסען'ס „קאָמעדיע פון ליעבע" פיהלט זיך
אין זיינע מעטאַפאָרען און פערגלייכען. דער בעריהמטער טעע־
פערגלייך איז גענומען ביי איהר. אין „טעכטער פון'ם אַמטמאַן"
ווערט וועגען ליעבע געזאָגט פאָלגענדעס:

„היט, אַ, מענשהייט, דאָס פרישסטע און טייערסטע בלימעל
פון אונזער לעבען, די ליעבע. היט אָב איהר פרוכט און וואוקס!
צושטער נישט לייכטזיניג איהרע צאַרטע בלעטלעך, מיינענדיג, אז
די רויהע בליהונג פון דער שפּעטערער צייט איז אויך גוט גענוג.
עס איז אַ גרויסער אונטערשיד צווישעןביידע, אַזאַ אונטערשיד,
ווי צווישען דעם שלעכטען טעע, וואָס מיר, פשוטע שטערבליכע,
טרינקען מיט דאַנקבאַרקייט און יענעם — דעם איינציגען פיינעם
— וועלכען דער כינעזישער קעניג טרינקט. ער ווערט געקליבען
פריה און איז אַזוי דעליקאַט און צאַרט, אז מען מוז איהם אָב־
רייסען מיט האַנדשוה און די אַרביימער טאָרען זיך ניט צוריהרען
צו איהם, איידער זיי האָבען אָבגעוואַשען זייערע הענד פיער און
צוואַנציג מאָל".

איצט זעהט, וואָס הענריק איבסען שרייבט:

„אך, געעהרטע דאַמען, יעדע פון אייך האָט אין הארצען איהר
הימליש קעניגרייך, און אייגענע, אַ קליינינקע; דאָרט צובליהען
זיך טויזענדער טייערע בליטען, ווי נור עס פאַלט איין די כענעזישע
וואַנד פון שעמעוודיגקייט".

איבסען ענדיגט אַזוי:

„אָבער צו אונז דערגעהט דער לעצטער שניט פון'ם טייערען
געטראַנק; געמישט איז ער מיט זאַמד און אָבפאַל און איז אַזוי
ווייניג עהנליך צו דעם, וואָס דער קייזער טרינקט, ווי האַנף צום
זייד, דאָס איז דער אָרעמער, געשמאַקלאָזער שוואַרצער טעע, וואָס
געהט שטאַרק אין מאַרק".

עס קען ניט זיין קיין צווייפעל, אַז איבסען האָט גענומען

קאלעט׳ס בעריהמטען פערגלייך, האט איהם ווייטער ענטוויקעלט און אין פערזען איינגעשמידט.

אין דער „קאמעדיע פון ליעבע" איז אלעס אונקלאר, אויסער דער סאטירישער טענדענץ. דאס איז א פאמפלעט אויף הייראט; איהר זעהט קלאר, אז דער דיכטער סימפאטיזירט ניט מיט דער פערטיידיגונג פון די היינטיגע קאנווענציאנען, אבער ער לאכט אויך אויס די געגנער זייערע; האבענדיג איבערגעלעזען די דראמא, ווייסט איהר אלץ ניט, צי רעכענט דער דיכטער, אז עס לוינט זיך צו ענדערען די קאנווענציאנען אדער לאזען אלעס געהן, ווי עס געהט. זיכער איז, אז איבסען האלט ניט שטארק פון יענע פער־לאבונגען און הייראטען, וואס ער האט בייגעוואוינט. איינמאל האבען מיר זיך צורעדט מיט איבסען׳ען וועגען הייראט און ליעבע און די אילוזיאנען און ערוואַרטונגען פון פערלאבטע פארלעך. איך האב בעמערקט: „עס זיינען פאראן פוילע קארטאפעל, אבער אויך געזונדע". איבסען האט דערויף געענטפערט: „איך האב, צום בעדויערען, קיין געזונדע קיינמאל ניט געזעהן".

און דאך, פערגלייכט מען די פריהערדיגע און שפעטערע דראַ־מען איבסען׳ס, זעהט מען איין, אז וואס ווייטער איז אלץ שטאר־קער געווארען איבסען׳ס גלויבען אין דער פרוי, וואס ווייטער האט ער אלץ מעהר פערהערליכט איהר. צייטענווייז איז ער דאקטרי־נער. נעמט, צום ביישפיל, סאלווייג פון „פיער גינט". זי לעזט אויס איהר זינדיגען געליעבטען אין׳ם סטיל פון געטע׳ס „פאוסט" און פלאודאן־מיולער׳ס „אדאם האמא" מיט דער קראפט פון איהר גרויסער, שטארקער, אונערשיטערליכער ליעבע. אין אלעמען, וואס איבסען האט אנגעשריבען, פיהלט זיך דער גלויבען אין דער פרוי, עפעס ווי ער וואלט דערמיט געוואלט אויסקויפען זיין פערזאכטונג צום מאן. זיין גלויבען אין דער פרוי האט איהם דיקטירט אזוי פיעל הערליכע, אמת׳ע, שעהנע פרויען־געשטאלטען, ווי צ. ב., מאר־גארעט אין „די פרעטענדענטען אויף׳ן טראן", וואס איז געצייכענט מיט עטליכע שטריכען און בלייבט דאך אונפערגעסליך, אדער זועלמא פון׳ם „פערבאנד פון דער יוגענד", וואס איז נארא׳ס פרא־

מאַטיף. ווען די דראמא איז פערעפענטליכט געוואָרען, האָב איך בעמערקט אין מיין קריטישען ארטיקעל, אז זעלמא האָט צו ווענינ רוים אין דער פיעסע און איבסען דאַרף אָנשרייבען א נייע דראמא מיט זעלמא'ן אלס העלדין. אזוי האָט איבסען טאַקי שפעטער גע־טהון: ער האָט אָנגעשריבען „נאָרא".

לויט מיין מיינונג, איז די אידעע פון פרויען־עמאַנסיפּאַציאָן, אין'ם הייגטיגען זין פון וואָרט, גאָרניט געווען נאָהענט און טייער איבסען'ען אין'ם אָנהויב פון זיין ליטעראַרישען קאַריער. אין אָנ־הויב האָט ער פאַרקעהרט, גאָר ניט געהאַט קיין בעזונדערע ליעבע צו פרויען. עס זיינען פאַרהאַן שרייבער, וואָס האָבען א אינערע קרובשאַפט מיט פרויען, וואָס זיינען אין תוך ווייביש. איבסען איז ניט פון אזעלכע שרייבער. איך בין זיכער, אז איבסען האָט מעהר הנאה פון שמועסען מיט א מאַן, ווי מיט א פרוי; איך צווייפעל ניט, אז ער דרעהט זיך ווענינער פון אנדערע דיכטער אין דער געזעלשאַפט פון פרויען. נאָך מעהר: איבסען איז זיכער ניט געווען קיין ענטוזיאַסטישער אָנהענגער פון דער נייערער ליטעראַ־טור, וואָס האָט געפאָדערט טיפע ענדערונגען אין דער סאָציאַלער לאַגע פון דער פרוי. מיל'ס ארבייט וועגען „דער פערשקלאַפונג פון דער פרוי" איז איהם ניט נור נישט געפעלען, נור האָט פּשוט איהם געעקעלט; מיל אלס שרייבער איז איהם געווען ניט סימ־פּאַטיש. איבסען מיט זיין שאַרף ענטוויקעלטער פערזענליכקייט האָט גאַנץ נאַטירליך שאָקירט מיל'ס ריהרענדע ערקלערונג, אז ער איז שטאַרק פערפּליכטעט זיין פרוי און פערדאַנקט איהר דאָס בעסטע אין זיינע שריפטען. „שטעלט זיך נור פאָר, ווי קאָמיש דאָס איז, האָט ער מיר אַמאָל געזאָגט, שמייכלענדיג, אז איהר לעזט הע־געל'ן אָדער קראַוזע'ן און ווייסט ניט, מיט וועמען איהר האָט צו טהון, צי מיט'ן הערר העגעל אָדער קראַוזע, צי מיט דער פרוי העגעל אָדער קראַוזע".

איך רעכען, אז די דאָזיגע אַנטיפּאַטיע צו מיל'ן מוז זיין פער־בונדען מיט איבסען'ס בעציהונג צו פרויען. איך גלויב, אז אין די איגנערע יאָהרען האָט איבסען בעצוינגען זיך נעגאַטיוו צו דער

פרויען־עמאנסיפאציאן: אויף איהם האט אדער געווירקט זיין ער־ציהונג אדער די קאריקאטורישע פארמען, וואס די פרויען־עמאנסי־פאציאן האט אנגענומען; שפעטער אבער איז איבסען געווארען א הייסער אנהענגער פון דער נייער בעוועגונג. איבסען׳ס פער־שטאנד האט געזיגט איבער׳ן געפיהל. ווי יעדער אמת׳ער דיכטער, איז איבסען אימשטאנד געוועזן איבערצוגעבען זיך מיט דער גאנ־צער זעעל און אידעע, מיט וועלכער ער האט זיך פריהער גארנישט אינטערעסירט, ווי נור ער האט פערשטאנען קלאר, אז דאס איז איינע פון יענע אידעען פון דער נייער צייט, וואס האבען א גרויסע בעדייטונג פאר דער צוקונפט פון דער מענשהייט. ווען מיר דער־הערען אין „נארא", אין דער לעצטער סצענע העלמער׳ס ווערטער, אז „קיינער האט נאך ניט געאפפערט מיט זיין עהרע צוליב א מענ־שען, וועלכען ער האט ליעב" און נארא׳ס ענטפער, אז „דאס האבען שטענדיג געטהון טויזענדער פרויען", ווערטער, וואס פאלען איבער אונזער קאפ, ווי די קלעפ פון א האמער, ווערטער, וואס ענטפלעקען א שרעקליכען אבגרונד צווישען מאן און ווייב, וועלכע זיצען אזוי נאהענט איינער צום אנדערען ארום דעמזעלבען טיש, אן אבגרונד א טיפערען און שרעקליכערען, ווי יענע אונטערארדישע וועלט, וואס ווערט געמאלט אין די אלטע ראמאנטישע דראמען — פיהלען מיר, אז איבסען האט זיך ניט נור איבערגעזעטיגט מיט די טיפסטע געדאנקען פון זיין צייט, נור האט זיי נאך צוגעגעבען אזא גלאנץ און שארפקייט, אז זיי מוזען ריהרען אויף די שטרענגסטע און פערשלאסענסטע הערצער.

„נארא" האט געמאכט אויף אלעמען א שטארקען איינדרוק; זי האט בעאונרוהיגט. הונדערטער יאהרען האבען דיכטער און גייסטליכע געמאלט אן עהרליכען פאמיליען־לעבען, וואס איז גע־גרינדעט אויף ליעבע, אין די העלסטע פארבען. די געזעלשאפט האט פערהערליכט און פערהייליגט די פאמיליע; זי איז געווען דער רוהיגער האפען, דער האפען פון גליקזעליגקייט. און פלוצלונג קומט איבסען און ענטדעקט, אז דער האפען איז גאר פערווארפען מיט

פּעלזען און זאַמד־בערג. אַלעמען האָט זיך געדוכט, אַז איבסען האָט פאַרלאָשען אַלע לייכט־טהורם־פייערן.

נאָך „נאָרא" קומען „די געשפּענסטער". אין „די געשפּענסטער" ווערט ווידער אַנאַליזירט אַ פאַמיליען־לעבען, אָבער שוין גאָר פון אַן אַנדער טיפּ. דאָס גרויסע און ראַפינירטע אין „נאָרא" איז געווען גראָד דאָס, וואָס איבסען האָט געגערדט פיעל גוטעס וועגען העלמער'ן. דאָס איז ניט קיין קאַריקאַטור, נור אַ געוועהנליכער גוטער מענש. איבסען מאָלט איהם ניט שוואַרץ, נור אין די פאַרבען פון ווירקליכקייט. העלמער איז אַן ערליכער מענש, רעספּעקטאַבּלער בירגער, אַ גוטער בעל הבית, אַן אונאַבהענגיגער אין זיינע בעציהונגען מיט עלטערע און נידריגערע; ער איז אַ טרייער מאַן, אַ שטרענגער פאָטער, וואָס האָט ליעב זיינע קינדער און ערפילט זיינע פליכטען צו דער פאַמיליע, ער איז גוטמוטיג, גוט ערצויגען, געבילדעט — א ו ן ד אָ ך ! — דאָך, איז דעם דאָזיגען עהרליכען מאַן'ס פרוי — אַן אָפּפער, און זיין רוהיג פאַמיליען־לעבען — אַ וויים־געקאַלכטער קאַטאַפאַלק.

דער מאַן, וועמענס פאַמיליען־לעבען ווערט געשילדערט אַזוי מייסטערהאַפט אין „די געשפּענסטער", איז דער געגענזאַץ פון נאָרא'ס מאַן; דאָס איז אַ רויהער, אויסגעלאַסענער מענש, אַ שכור, אָבער ער האָט פערשידענע ליעבע אייגענשאַפטען, מיט וועלכע עס צייכנען זיך אוים גראָד לייכטזיניגע, צולאָזענע מענשען, איז גוטמוטיג, געזעליג; דאָס אַלץ גיט דעם טרייען מאַן אַ מעגליכקייט צו בעהאַלטען פון דער וועלט זיינע פיהרונגען און מאַכען דעם איינדרוק, אַז אַלץ איז אין בעסטער אָרדנונג אין'ם פאַמיליען־לעבען. בלייבענדיג מיט'ן מאַן, אָבגעבענדיג זיך איהם אינגאַנצען, האָט די אָרימע פרוי ניט נור געאָפּפערט מיט איהר אייגענעם גליק, נור זי איז אויך געוואָרען מוטער פון אַ דעגענערירטען זוהן, וואָס ווערט פערפאָלגט פון'ם אומגליק פון'ם ערשטען טאָג פון זיין לעבען און טרעט אריין אין די מענערישע יאָהרען אַ פערצווייפעלטער, אַ האַלב־פערריקטער, אַ אידיאָטישער מענש — א ו ן ד אָ ך ! — דאָך קוקט יענער טייל פון דער געזעלשאַפט, וואָס איז פערטראָטען פון

פאסטאר מאנדערס'ן אויף די שווערע אפפער, וואס זי האט גע־בראכט, איהר אפפער מיט זיך און דעם זוהן, ווי אויף עפעס נאַ־טירליכעס, ווי אויף איהר פליכט; און דאס, וואס זי פרואווט זיך ראנגלען מיט איהר שרעקליכען שיקזאל, איז אין די אויגען פון דער געזעלשאפט א פערברעכען.

דערין ליגט דער פאטאס פון דער פיעסע. „די געשפענסטער" האבען מיט זייער פאטאס מעהר אנגעשראקען די פיליסטער־וועלט, ווי „נארא". איצט איז דער איינדרוק געווען, אז איבסען האט אויסגעלאשען אלע שטערען אויף'ן מענשהייטס־הימעל. „קיין שטראהל פון ליכט".

די בעציהונגען צווישען מאן און פרוי ווערען געשילדערט אין „די געשפענסטער" אין א נייער בעלייכטונג. דער קריטעריום איז די פעראנטוואָרטליכקייט פון די עלטערען צום קינד. די דראמא בעהאנדעלט אין פאעטישער פארם די ערבליכקייטס־אידעע, שטעלט פאר אויף'ן גרונד פון דעטערמיניזם, וועלכער איז דאס לעצטע ווארט פון היינטיגע וויסענשאפט, ווי אבהענגיג דער קינד'ס שיקזאל איז פון זיינע עלטערען און טראגט איבער דעם דאזיגען פאקט אויף א ברייטערער וועלטפלאך, אונטערשטרייכענדיג, דאס עמאציאנען, וואס זיינען אויסגעוואקסען געווארען אין געוויסע בעדינגונגען, און דאגמען, וואס זיינען געבארען פון די עמאציאנען, געהען איבער בירושה פון דור צו דור, האלטען זיך שטארק, ווילען ניט פערשווינ־דען אין דערזעלבער צייט, וואס די אלע בעדינגונגען, וועלכע האבען ארויסגערופען די שוין איצט אוננויטיגע עמאציאנען, זיינען שוין לאנג פערשוואונדען. געשפענסטער דרעהען זיך ארום אין מיטען העלען טאג, מאנענדיג זייערע אפפער.

דאס, וואס איבסען האט זיך גענומען צו אזעלכע טעמען, ווי „נארא" און „די געשפענסטער", מוז שטארק פעראינטערעסירען יעדען, וואס פארשט איבסען'ס גייסטיגע ענטוויקלונג. ענדליך צור־רייסט איבסען דעם פערכשופטען קרייז, אין וועלכען ער איז גע־וואוינט געווען צו פערשפארען דעם איינצעלנעם מענש. אין'ם יאהר

1871 האָט ער מיר געשריבען פאָלגענדע ווערטער, וואָס ערקלערען פיעלעס אין זיין כאַראַקטער:

„דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך קיינמאָל ניט געהאַט קיין גרויסע ליעבע צו סאָלידאַריטעט. איך האָב אריינגעפּאַקט סאָלי־דאַריטעט אין מיין באַגאַזש, ווי אַ טראַדיציאָנעלע דאָגמאַ. ווען מיר האָבען דעם מוט אינגאַנצען צו בעפרייען זיך פון דער דאָזי־גער אידעע, וואָלטען מיר אפשר פּטור געוואָרען פון דעם באַלאַסט, וואָס דריקט אזוי שטאַרק די פּערזענליכקייט".

אזוי האָט איבסען געטראַכט אין'ם יאָהר 1871; אין צעהן יאָהר שפּעטער האָט ער געביטען זיין מיינונג. ער האָט זיך איבערצייגט, אז אָראָבוואָרפען פון זיך דעם יאָך פון סאָלידאַריטעט איז גאָרניט אזוי שווער און פאָדערט ניט קיין מוט און פון דער געבורט אָן זיינען מיר פעסט פערבונדען מיט מענשען און זאַכען, איבער וועל־כע מיר האָבען ניט קיין שליטה. עס איז קלאָר, אז וואָס ווייטער איז איבסען אַלץ מעהר און מעהר אָנגעזעטיגט געוואָרען מיט די מאָדערנע אידעען, מיט די אידעען פון אונזער צייט.

איבסען האָט, ווי אַלע עלטערע איצטיגע שרייבער, אָנגעהויבען פון ראָמאַנטיק; ביסלעכווייז האָט ער זיך אָבגעריסען פון די ראָ־מאַנטישע אידעען און איז דורכגעדרונגען געוואָרען מיט מאָדערנע אידעען, ביז ער איז געוואָרען דער מאָדערנסטער פון אַלע מאָדער־נע דיכטער. דאָס איז אַ גרויסער פערדינסט; דערמיט האָט ער זיך, לויט מיין טיפער איבערצייגונג, בעריהמט געמאַכט און ערוואָר־בען זיך דאָס רעכט אויף בעריהמטהייט. די נייע אידעען, די אי־דעען פון דער נייער צייט זיינען ניט פערגליווערטע דאָגמען: דאָס איז דער פייער פון לעבען, פונקען פון דער צייט, די זעעלע פון דער צייט.

די אונצופרידענהייט, וואָס „די געשפּענסטער" האָבען ארויס־גערופען אין פיעלע קרייזען פון דער געזעלשאַפט, און די רויהע, אונגערעכטע קריטיק, מיט וועלכער די דראַמאַ איז בעגעגענט גע־וואָרען, האָבען, פערשטעהט זיך, ניט געקענט פערהאַלטען איבסען'ס ליטעראַרישע טעטיגקייט און ענטוויקלונג, אָבער אין דער ערשטער

צייט האָט ער זיך געפיהלט זעהר שלעכט. וועגען דעם האָט ער מיר געשריבען אַזוי:

„ווען איך בעטראַכט, ווי שווער, אונגעלומפּערט, נאַריש די נאַרוועגער געזעלשאַפט איז, ווי אויבערפלעכליך און פלאַך איהרע אנשויאונגען זיינען, ווער איך מרה־שחורה׳דיג און עס ווילט זיך מיר אויפהערען אינגאַנצען שרייבען. אונזער פאָטערלאַנד האָט ניט קיין בעדערפניש אין דיכטער און דיכטונג; זיי בעגעהען זיך גאַנץ גוט אָהן דיכטונג, זיי בעפרידיגען זיך מיט „דער לוטעראַנער וואָכענשריפט" און דעם „סטאַרטינג־טאַגבלאַט". דערצו האָבען זיי נאָך פאַרטיי־צייטונגען. איך האָב ניט דעם קלענסטען פונק פון טאַלענט, וואָס פאָדערט זיך, אַז אַ מענש זאָל זיין אַ בירגער פון שטאַאַט אָדער אַן אָנהענגער פון דער אָרטאָדאָקסאַלער קירכע; איך בעם זיך נישט דערצו, צו וואָס איך האָב קיין טאַלענט נישט. פרייהייט איז, אין מיינע אויגען, די וויכטיגסטע און העכסטע לע־בענס־פאָדערונג. אין נאָרוועגיען אינטערעסירט מען זיך וועניג מיט פרייהייט; אַלע ווילען פרייהייטען, די — מעהר, די — ווע־ניגער, יעדער לויט זיין פאַרטיי־שטאַנדפּונקט. אונזער פאָליטישער קאַמפּף ווערט געפיהרט פלעבעיש, מיר ווערען רויהער, פלעבעאַי־שער. געהאַט האָבען מיר די בעסטע כונות צו פערוואַנדלען אונ־זער פאָלק אין אַ דעמאָקראַטישען שטאַאַט, און צום סוף זיינען מיר נאָר פערגאַנגען ווייט, ווייט אויף׳ן וועג צו אַ פלעבעאישער געזעל־שאַפט. די אַריסטאָקראַטיע פון גייסט האָט אַלץ אַ קלענערע ווירַ־קונג אויף אונזער לעבען".

דער שטורם פון מאָראַלישער עמפּערונג, וועלכען „די געשפּענ־סטער" האָבען אַרויסגערופען אין גאַנץ נאָרוועגיען, האָט נאָך מעהר פערשטאַרקט איבסען׳ס איבערצייגונגען אין דער נישטיגקייט פון דער מאַיאָריטעט. דעם 3טען יאַנואַר 1882, שרייבט ער מיר:

„ביערנסאָן זאָגט: די מאַיאָריטעט האָט שטענדיג רעכט. אַלס פראַקטישער פּאָליטיקער דאַרף ער רעדען אַזוי, אָבער איך מוז פאַרקעהרט זאָגען, אַז די מינאָריטעט האָט שטענדיג רעכט. פער־שטעהט זיך, אַז איך מיין נישט יענע מינאָריטעט, וואָס איז אין אַ

צושטאַנד פון פוילקייט און סטאַגנאַציאָן, אָבער איך מיין יענע מי־נאָריטעט, וואָס געהט פאָרויס אויף׳ן וועג צו אַ ציל, צו וועלכען די מעהרהייט איז נאָך נישט דערוואַקסען״.

איבסען איז ניט געבליבען שטעהן אויף איין אָרט: ער האָט אַ צוקונפט. דאָס, וואָס איינזאַפּענדיג אין זיך די מאָדערנע אי־דעען, ווערט ער אַלץ גרעסער אויף קינסטלעריש, איז אַ סימן, אַז מיר קענען ערוואַרטען נאָך פיעלעס פון איהם. די נייע אידעען זעהט ער ניט פערקערפּערט אין סימוואָלען און טיפּען, נור אין אינ־דיווידואַליטעטען. אין זיינע יונגערע יאָהרען האָט איבסען געהאַט אַ שוואַכקייט צו גרויסע סימבאָלישע געשטאַלטען ווי בראַנד, פּיער גינט, אָבער מיט דער צייט זיינען זיינע אידעען ניט נור געוואָרען אינהאַלטסרייכער און טיפער, נור אויך קלאָרער און די קינסטלע־רישע פאָרם, אין וועלכער זיי ווערען אויסגעדריקט, איז אַלץ נאָ־הענטער צו פאָלקאָמענהייט. אין די לעצטע יאָהרען ווערט זיין טעכניק אַלץ וואונדערבאַרער פון ווערק צו ווערק. „נאָראַ״ איז טעכניש פיינער פון די בעריהמטעסטע פראַנצויזישע דראַמען; אין „די געשפּענסטער״ ענטפלעקט איבסען (טראָץ אייניגע שוואַכע ער־טער) אַזאַ דראַמאַטישע פעסטקייט, איינפאַכקייט און ראַפינירט־קייט, אַז מיר דערמאָנען זיך ניט־ווילענדיג אָן דער אַנטיקער טראַ־געדיע פון סאָפאָקל׳ן (קעניג עדיפּ).

דאָס, וואָס איבסען׳ס קינסטלערישער טאַלענט ענטוויקעלט זיך אַלץ מעהר און מעהר, ערקלערט זיך דערמיט, וואָס ער איז פלייסיג, געוויסענהאַפט און סאַטיריש־ערנסט. ער ארבייט זעהר לאַנג־זאַם, שרייבט איבער ניט איין מאָל זיינע ווערק, ביז דער מאַנו־סקריפּט איז פאַרטיג אַ ריינער, אָהן פעהלערען און טינטען־פלעקען, אַ פאַרשריבענער מיט אַ גלאַטער, פעסטער האַנדשריפט — אַן אמת׳ע מאַרמאָר־טאָוועל, אויף וועלכער די צייט קען ניט לעגען איהר מיאוס׳ען, פערדערבענדען שטעמפּעל. איבסען געהט אַלץ ווייטער און ווייטער, ווערט אַלץ מעהר פאָלקאָמענער שרייבער, זיכער, טאַקי דערפאַר, וואָס ער איז שטענדיג געווען דיכטער און נור דיכטער. ער האָט זיך ניט געמישט אין׳ם פּאָליטישען לעבען, האָט ניט גע־

זאגט קיין דעות, ניט רעאגירט אויף טאג־טעגליכע געשעהענישען. א שרייבער, וואס ווערט קיינמאל ניט אויפגערעגט אדער בעגייסטערט פון דעם טומעל פון דער גאס אויף אזוי פיעל, אז ער זאל ארויסטרעטען מיט זיין ווארט אין דער עפענטליכקייט, מאכט אויף אונז נאטירליך אן איינדרוק פון א קאלטען, אין זיך פערשלאסענעם מענשען. אזא איינדרוק מאכט אויך איבסען. עס איז א פאקט, אז אין די לעצטע פינפצעהן יאהר האט איבסען אנגעשריבען ניט מעהר, ווי צוויי־דריי צייטונגס־ארטיקלען וועגען אייגענע, פערזענליכע אנגעלעגענהייטען — ער קלאגט זיך אויף די אויסלענדישע איבערזעצער, וואס בעגזל'ענען איהם און אויף פערלעגער, וואס רעכענען זיך ניט מיט זיינע אוטאר־רעכט. מען מוז אבער געדענקען, אז גראד די דאזיגע קאלטקייט, איינגעהאלטענקייט און דערווייטערטקייט פון'ם טומעלרישען ווירקליכען לעבען האט געגעבען דעם דיכטער א מעגליכקייט טראכטען נור וועגען זיין ארבייט, אבגעבען זיך מיט דער קונסט, קאנצענטרירען זיך נור אויף'ן אייגענעם געדאנק און פארם. איבסען האט געלעבט אויף זיין אייגענעם שטייגער. עס איז אינטערעסאנט צו פערגלייכען זיין לעבען מיט ביערנסאן'ס. ס'איז שווער צו פארשטעלען זיך א טיפערען און גרעסערען נעגענזאץ אין די לעבענס־פארמען, ווי צווישען איבסען און ביערנסאן'ען. איבסען האט געלעבט אין זידען, אן איינזאמער, אן אבגעריסענער פון דער דרויסענדיגער וועלט. האט ניט פערלאזען קיין מאל זיין ארבייט, איז געזעסען און געשריבען, געזעסען און געפילט ווערק נאך ווערק; ביערנסאן האט געלעבט אין זיין היימאטסלאנד, אין קאלטען נארד, געשריבען גרויסע און קליינע צייטונגס־ארטיקלען וועגען פאליטישע, רעליגיעזע און סאציאלע פראגען, פערשווענדעט זיין נאמען און קראפט, ניט רעכנענדיג זיך מיט דעם קלוגען כלל, וואס הייסט ניט פטר'ען די כחות אויף קלייניגקייטען. ער האלט רעדען, שרייבט לידער, אגיטירט, שפרינגט ארום פון איין פאלקספערזאמלונג אין דער אנדערער און פיהלט זיך היימישער פון אלץ אויף דער טריבונע, צווישען טויזענדער פריינד און הונדערטער געגנער, בעצויבערענדיג אלעמען מיט דער

קראפט פון זיין פערזענליכקייט, מיט זיינע קינסטלער־טאלענטען און גרויסען מוט.

הענריק איבסען איז ניט עהנליך צו קיינעם פון די היינטיגע דיכטער; קיינער פון זיי האט אויך ניט געהאט קיין ווירקונג אויף איהם. א געוויסע ווייטע גייסטיגע פערוואנדשאפט האט ער אפשר מיט די דייטשע שרייבער אטא לודוויג און פרידריך העבעל; ער איז מאדערנער, ראדיקאלער פון זיי. זיין בייסענדע סאטירע דערמאנט אן דומא און סארדו; ער האט געמיינזאמעס מיט ביערנ־סאן'ען, וועלכען אלע דערמאנען, רעדענדיג וועגען איבסען'ען. דאס זיינען געווען פערשידענע מענשען, מיט אנדערע כאראקטערען און נייגונגען, אבער זיי זיינען ביידע געווען נארוועגיער, ביידע געהאט דיזעלבע ערציהונג און געשעפט זייער פאעטישע בעגייסטערונג פון דיזעלבע קוועלען. אז איבסען האט אנגעשריבען זיין „פערבאנד פון יוגענד", האט דאס געגעבען א שטויס ביערנסאן'ען צו שריי־בען א דראמא פון בורזשואזען לעבען. ביערנסאן'ס דראמא „באנ־קראט" האט דערוועקט אין איבסען'ען א חשק צו בעארבייטען דעמ־זעלבען סוזשעט אין אן אנדערער פארם: אזוי זיינען געשריבען געווארען „די זיילען פון דער געזעלשאפט". ביערנסאן האט מיר אליין דערצעהלט, אז ער האט געדארפט אויסשטרייכען א גאנצע פראזע פון'ם מאנוסקריפט פון'ם ראמאן „שטויב", ווייל דיזעלבע פראזע פיגורירט ביי איבסען'ען אין זיינע „געשפענסטער". מען דארף ניט פערגעסען, אז ביידע שרייבער האבען זיך ענטוויקעלט פאראלעל. איבסען האט זיך פריהער פון ביערנסאן'ען בעפרייט פון די היסטארישע, פאנטאסטישע און מערכענהאפטע סוזשעטען; איבסען איז געווען אין א בעסערער לאגע פון ביערנסאן'ען; ער האט געלעבט פון דערווייטענס פון'ם פאטערלאנד, אין'ם צענטער פון מאדערנער קולטור און האט זיך דעריבער געקענט פערגינען זיין זעלבסטשטענדיגער, היינטיגער, ראדיקאלער. ער האט וועניגער פיע־טעט און נאאיוויטעט פון ביערנסאן'ען. אבער סוף כל סוף איז אויך ביערנסאן איבערגעגאנגען — א ביסעל שפעטער פון איב־סען'ען — פון דער ראמאנטישער צו דער רעאליסטישער וועלט־

אנשויאונג. ביערנסאָן און איבסען זיינען עהנליך צו די נאָרוועגישע קעניגען סיגורד און אייסטיין, וואָס ווערען געשילדערט אין ביערנ־סאָן׳ס דראַמא „סיגורד דער קרייצפאָהרער“; איינער איז געבליבען אין דער היים און האָט ציוויליזירט זיין פאָטערלאַנד; דער אנ־דערער האָט זיך געשיידט מיט׳ן היים, האָט ארומגעוואַנדערט אי־בער דער גאַנצער וועלט און מיט זיינע מוטיגע העלדענטאַטען בע־ריהמט געמאַכט זיין פאַטערלאַנד. יעדער פון זיי האָט זיך זיינע אָנהענגער, יעדער — זיין סוויטע, וואָס איז גרייט צו לויבען נור איהר העררר. אָבער גרויס זיינען ביידע; ברידער זיינען ביידע — אמת, ברידער, וואָס האָבען לאַנג געפיהרט מלחמה איינער מיט׳ן אנדערען און איצט וואָלט געווען א יושר, זיי זאָלען אין פרידען לעבען, צוטיילענדיג זיך מיט׳ן קעניגרייך.

דער דריטער איינדרוק

(1898)

מיט זעכצעהן יאהר צוריק איז געווען גאנץ נאטירליך, אז איך זאל פערענדיגען איבסען'ס א כאראקטעריסטיק מיט א פערגלייך צווישען איהם און ביערנסאן. ווי אלעס האט זיך געענדערט אין'ם משך פון די יאהרען! איבסען איז איצט א גרויסער קינסטלער, ער איז דערגאנגען צו פאלקאמענהייט אלס דיכטער און האט זיך דערהויבען הימעל־הויך איבער אלע זיינע צייטגענאסען — סקאנדינאווישע און אייראפעאישע שרייבער. קיין שרייבער אינטערעסירט ניט אזוי שטארק די וועלט, ווי איבסען; צו קיינעם הערט מען זיך ניט אזוי אויפמערקזאם צו, ווי צו איהם. ער איז געווארען שולע; אין פראנצויזישען און ענגלישען האבען זיך איינגעבירגערט אזעלכע נעאלאגיזמען, ווי איבסעניטען, איבסען'יזם. איבסען שטעהט שוין אויף דער שוועל פון עלטער און איז נאך אלץ אן אוואנגארד־מענש. ער ווירקט, גלייך ווי ער וואלט געווען א יונגער מענש, וועלכער האט זיך ערשט גענומען צו זיין ארבייט. זיינע דראמען — יעדע איינע פון זיי — ווערען אויסגעלאכט, בעקעמפפט, פערגעטערט און פערהערליכט.

איבסען'ס גייסטיגע פיזיאנאמיע האט זיך ניט געקענט שטארק ענדערען אין משך פון די לעצטע זעכצעהן יאהר: צו שארף זיינען שוין דאמאלס געווען די גרונדליניען פון זיין וועזען, אבער איינינע נייע ליניען האבען זיך דאך אנגעצייכענט און דער געזיכטס־אויסדרוק איז געווארען פערגייסטיגטער. דערצו האט זיך מיר איינגעגעבען צו בעקענען זיך מיט די ערשטע יוגענד־ארבייטען פון'ם

דיכטער, וואָס זיינען געווען ניט בעקאַנט ביז איצט; זיי בעלייב־טען פון אַ נייער זייט זיינע פריהערדיגע דראַמען. איך וועל דע־ריבער פּרואווען ווידער אַמאָל מאָלען איבסען׳ס ליטעראַרישען פּאָרטרעט.

I

גרייטענדיג זיך צום עקזאַמען אין אוניווערסיטעט אין׳ם יאָהר 1850, האָט איבסען פערענדיגט אַ קליינעם איינאַקטער („דאָס טויטענבערגעל״), וועלכער איז אין ערגעץ ניט געדרוקט געוואָרען. דריי מאָל אין׳ם משך פון יאָהר איז דער איינאַקטער געשפּיעלט געוואָרען אין כריסטיאַנאַ; אין 1854 איז די דראַמאַ אין אַ בעאַר־בייטער פאָרם געדרוקט געוואָרען אַלס פעליעטאָן אין׳ם „בערגענער בלאַט״. אין 1854 און 1856 איז זי געשפּיעלט געוואָרען נאָך צוויי מאָל אין כריסטיאַניאַ.

דער, וואָס ווייס ניט, ווער דער אוטאָר פון׳ם איינאַקטער איז, וואָלט קיינמאָל־ניט דערקענט, אַז דאָס איז איבסען׳ס אַרבייט, אַזוי שטאַרק איז ער נאָך דאַמאָלס געווען אונטער דער ווירקונג פון אַנדערע. דער טאָן, פּערז און שפּראַך פון דער דראַמאַ, די געפיהלען און געדאַנקען פון׳ם אוטאָר, דער ראָמאַנטישער קוק זיי־נער אויף די אַמאָליגע סקאַנדינאַווען — דאָס אַלץ בעווייזט, אַז איבסען איז נאָך אַ טרייער, בעגייסטערטער תלמיד פון דעם גרויסען על֗ענשלעגער, וועלכער איז שוין דאַמאָלס געווען זעהר אַן אַלטער מענש. די ערליכע, לייכט־פליסענדע פּערזען האָבען די האַרמאָנישקייט און קלאַנגיגקייט פון עלענשלעגער׳ס פּערז; די העלדען פון איבסען׳ס פּיעסע זיינען ווי גענומען פון עלענשלעגער׳ס אַ טראַגעדיע אָדער טראַגישער אידיליע.

אין יענער צייט האָט איבסען נאָך ניט בעצויגען זיך קריטיש צו דער ליטעראַרישער ירושה, וועלכע ער האָט איבערגענומען. דער איינאַקטער איז אַ הייסער, בעגייסטערטער לויבגעזאַנג פון דער סקאַנדינאַווישער פערגאַנגענהייט; אַביסעל שאַרפער, ווי עלענשלע־גער, שטרייכט איבסען אונטער די רויהייט און אכזריות פון די

אַלטע וויקינגען, אָבער זיי אַליין און זייערע אוואַנטורען זיינען בעגאַסען מיט'ן שיין פון אַן אונגעוועהנליכען, פּאָעטישען ליכט. בלאַנקא, אַ יונג מיידעל פון זידען, דריקט אויס דעם פּאָעט'ס ליעבע צום אַמאָליגען סקאַנדינאַוויען; זי חלומט וועגען דער נאָרד און בענקט נאָך איהם, אַן ענטציקטע פון די בלאָה־אויגיגע ים־קעניגען און זייער העלדישע לעבען; ביי עלענשלעגער'ן לעבט דאָס יונגע ענגלישע מיידעל, מים קאַרטערעט, וואָס האָט קיינמאָל ניט געזעהן איהר געליבטען, נור מיט דעם געדאַנק וועגען דעם דענישען ים־העלד.

אי איבסען'ס, אי עלענשלעגער'ס דראַמאַ דריקט אויס דעם געדאַנק, אַז דאָס אמת'ע, אַקטיווע לעבען איז אַריבערגעגאַנגען פון'ם זידען אין די נאָרדישע לענדער. אין זידען האָט זי שוין לאַנג געגעבען איהרע פרוכטען און בליהונג און איצט איז געבליבען איהר אָבקלאַנג נור אין'ם מאָלער'ס און סקולפּטאָר'ס ארבייט; אָבער אַנדערש איז אין נאָרד: אַ שטרענגערע נאַטור, אַ נאָך ניט ענט־וויקעלטע קונסט גיט אַ מעגליכקייט דעם לעבען צו צובליהען זיך אין איהר גאַנצער פּראַכט.

אי איבסען, אי עלענשלעגער האָבען געהאַלטען מעהר פון'ם סקאַנדינאַווישען היידענטום, ווי פון'ם כריסטענטום, פון זידען. אַז די היידען, וואָס זיינען געקומען פון נאָרד, הערען, אַז בלאַנקא בעט גאָט פאַר איהרע שונאים, ווערען זיי שטאַרק צוטומעלט; אויף'ן יונגען קעניג מאַכען די ווערטער אַ שטאַרקען איינדרוק. עלענשלעגער'ס אדין (אין „יאַרל האַקאָן") גיט אַלאַף טרוגוואַזאָן'ען, וועלכער פיהרט איין אין'ם לאַנד דאָס כריסטענטום, דעם בעריהמ־טען בעפעהל: דינער, שטעל אָב מיינע פערד! אזוי ענטפערט אויך האַנדאָלף בלאַנקא'ן, ווען זי זאָגט, אַז ווען איהר גלויבען זאָל אי־בערגעטראָגען ווערען אין זיין נאָרדישען לאַנד, וואָלטען די נאַקעטע בערגפעלזען אפילו פערדעקט געוואָרען מיט פייעריגע בלומען: זאָ־לען נאַקעטע און שטייל בלייבען די בערג־פעלזען, ביז זיי וועלען אַליין ניט צופאַלען.

אָבער גערעכט איז בלאַנקא; די נייע צייט אין איהר געשטאַלט

געהט מיט'ן יונגען קעניג, וואס קעהרט זיך אום אין'ם קאלטען נארד. אונטער איהר ווירקונג ווערט ער עדלער, ווייכער. די אידעע פון גוטסקייט איז די העכסטע אידעע — דאס איז דער זין פון'ם איינאקטער. ניט קראפט, נור גוטסקייט האט געהאט די גרעסטע בעדייטונג אין די אויגען פון'ם צוויי־און־צוואנציג יעהריגען איבסען, ווי אויך אין די אויגען פון'ם גרויסען עלענשלעגער, וואס איז שוין דאמאלס אלט געווען זיבציג יאהר. אין די שפעטערע יאהרען קוקט שוין איבסען אויף גוטסקייט מיט אנדערע אויגען. דערמאנט זיך נור אן טאנטע יולי אין „העדא גאבלער“.

דער אלטער וויקינג, וועלכען מען האט איבערגעלאזט אויף'ן ווייטען אינזעל, בעשליסט צו בלייבען דארט ביז'ן טויט זיינעם; פון איהם געהט ניט אוועק דער סקאלד, ער דארף פערשליסען איהם די אויגען און זינגען איהם דעם הספד־לויבגעזאנג; ווי האס אלעס דערמאנט אן עלענשלעגער'ן, אן דער אלטער גוטער ראמאנטיק. איבסען אימיטירט נאך; אבער שוין אין די לעצטע שורות פון דער פיעסע רייסט זיך דורך דעם דיכטער'ס פערזענליכקייט; בלאנקא זאגט, אז אזוי ווי דער העלד געהט פון'ם טויטענבארג, אין וועלכען מען האט בעגראבען זיינע רעשט, גלייך אין וואלהאלא אריין, אזוי וועט פון זיין קבר אויפשטעהן א דורכגעלייטערטער נארד, מיט די פליגלען פון גייסט קלאפענדיג איבער'ן אצעאן פון געדאנק!“

די דאזיגע ווערטער האבען קיין שיכות ניט מיט דעם תוך פון דער דראמא; איבסען האט זיי אליין צוגעגליכען מיט זיין אייגענער האנד צום מאנוסקריפט, וועלכער ליגט אין דער ביבליאטעק פון'ם בערגענער טעאטער. מיט די שורות איז אויסגעדריקט איבסען'ס טיפער, אונערשיטערליכער גלויבען אין צוקונפט.

דער איינאקטער „דער טויטענבארג“ בעווייזט, וואס פאר א שטארקען איינדרוק אויף'ן יונגען איבסען האבען געמאכט די סקאנדינאווישע טראגעדיען עלענשלעגער'ס. בעטראכטען מיר זיין „אלאף ליליענקראנץ“ און „דאס פעסט אין סאלהאוג“, זעהען מיר אויך, אז ביז דרייסיג יאהר האט איבסען נאך אלץ געגלויבט, אז די

נייערע דראַמאַטישע דיכטונג קען שעפּען איהרע סוזשעטען פון די מיטעלאַלטערליכע העלדענזאַגען.

די גאַנצע היינטיגע דעניש־נאָרוועגישע דיכטונג איז ניט מיט אַמאָל געוואָרען רעאַליסטיש; פריהער איז זי געווען אונטער דער שטאַרקער ווירקונג פון די פאָלקסלעגענדען, דער ליטעראַטור פון דער איסלאַנדישער זאַגע און האַלבערג׳ן. הענריק איבסען, ווי אַלע אַנדערע סקאַנדינאַווישע דיכטער, איז אַ צייט געשטאַנען אונטער דעמזועלבען איינפלוס.

דער, וואָס איז ניט בעקאַנט מיט די סקאַנדינאַווישע שפּראַכען, קען זיך ניט פאָרשטעלען, ווי בעצויבערענד דער סטיל און מעלאָדיע פון פאָלקסלידער און לעגענדען ווירקען אויף׳ן סקאַנדינאַווישען גייסט. עס איז מעגליך, אז די שעהנע לידער פון׳ם דייטשען „דעם אינגעל׳ס וואונדערהאָרן" ווירקען אויך אזוי שטאַרק אויף׳ן גערמאַנישען גייסט, אָבער, אויף וויפיל איך וויים, האָט זיך ביז איצט קיין איין דייטשען דיכטער ניט איינגעגעבען אויסצושמידען אזא דראַמאַטישע פאָרם פון פערז, וואָס זאָל איבערגעבען די רייכקייט פון קלאַנג פון די מיטעלאַלטערליכע פאָלקסליעדער און די גרויסע, איינגעהאַלטענע קראַפט, וואָס ליגט אין זיי. אויב „דעם פאַזש דורינג׳ס הויז" פון הערץ׳ן האָט אין זיין צייט ארויסגערופען אזוי פיעל רייד און געמאַכט אזא שטאַרקען איינדרוק, ערקלערט זיך דאָס דערמיט, וואָס הערץ האָט דער ערשטער אָנגעהויבען שרייבען פערזען, וואָס זיינען עהנליך צום פערזענבוי פון די העלדישע פאָלקסזאַגען, האָבען די בעוועגליכקייט פון׳ם ניבעלונגען־פערז און זיינען ניט לענגער פון אַ פינף־פיסיגען יאַמב. אודאי איז איבסען געווען גערעכט, בעהויפּטענדיג, אז הערץ׳ס דראַמאַ דערמאָנט שטאַרק אָן קלייסט׳ס „קעטכען" און אז הערץ האָט מעהר צו פערדאַנקען קלייסט׳ן, ווי זיין דראַמאַ („פּעסט אין סאָלהאוג") הערץ׳ן. אָבער דאָך האָט איבסען געלערנט עפּעס פון הערץ׳ן: פון איהם האָט ער זיך דערוואוסט, אז מען קען אריבערטראָגען דעם טאָן און סטיל פון די העלדענזאַגען און לעגענדען אין היינטיגע זאַכען. מיר דוכט זיך, אז איבסען דאַרף זיך ניט פיהלען בעליידיגט

פון דעם בעוואוסטזיין, אז הערץ האט איהם בעאיינפלוסט. אויך דער גרעסטער מענש מוז לערנען זיך פון אנדערע.

„אלאף ליליענקראנץ" אינטערעסירט אונז דער עיקר דערמיט, וואס ער בעווייזט, ווי שטארק איבסען איז פערצויבערט געווען פון'ם גייסט און טאן פון די העלדענזאגען; אין איינינע ערטער פיהלט זיך אבער שוין, אז דער דיכטער ווערט סקעפטיש, וויל זיך אברייסען פון דער ראמאנטישער שטימונג. אין דער דאזיגער דראמא זיינען געמישט פערשידענע ראמאנטישע עלעמענטען; ערשטענס א לעגענדע וועגען דעם העלד אלאף, וועלכען א וואסערפעע פערנארט צו זיך, ווען ער פאהרט צו דער חתונה (דאס איז איינע פון די בעליבטעסטע מיטעלאלטערליכע לעגענדען, מיט וועלכער עם האבען זיך בענוצט הייבערג און גאדע) און אויך די וואונדערבארע געשיכטע פון א יונגען מיידעל, דעם „וואלד שקעפ פון יוסטעדאל", וועלכע איז אין א צייט פון דער שרעקליכער מגפה, אין וועלכער עם זיינען אומגעקומען אלע איינוואוינער פון טאל, ניצול געווארען פון טויט, האט זיך, געלעבט שטיל! איינזאם, דערשראקען, ביז מען האט זיך דערוואוסט וועגען איהר, ערצויגען זי און ענדליך חתונה געמאכט.

די שפראך אין דער פאעמע, ווי אין די אנדערע ערשטע אויפלאגען פון איבסען'ס יוגענדארבייטען, איז א ריין־דענישע; קיין איין ניט־דענישע קאנסטרוקציאן, קוים־קוים א צעהנדליג נארוועגישע ווערטער. איבסען איז נאך א תלמיד פון דער דענישער דיכטונג. די פערזען זיינען ריינע, לייכטע, שעהנע, אבער ניט קיין אריגינעלע. דאס ווערק האט ניט קיין גרויסע בעדייטונג אלס דראמאטישעם ווערק. אלאף איז די גאנצע צייט אונענטשלאסען, שרעקעדיג, טהוט, וואס די מוטער הייסט. ווי אלע אנהויבערס, פיהרט איבסען אריין פערפלאנטערטע סיטואציאנען, וואס נעמען זיך פון פעהלערען, מיספערשטענדניסען; די געשעהענישען ענטוויקלען זיך אויף'ן פאנטאסטישען און אונערווארטעטען אופן: די העלדין אלפהילד געהט ארוים אין איהרע חתונה־קליידער, זייענדיג איבערצייגט, אז זי געהט באלד חתונה האבען מיט איהר

געליבטען, אָבער דער געליבטער האָט זיך גאַר אומגעקעהרט צו זיין פריהערדיגער כלה און וועט מיט יענער אין דעמזעלבען אבענד חתונה האָבען. די האַלב־פערקטע פון טרויער אַלפהילד צינדט אונטער דאָס הויז פון'ם חתן און אַנטלויפט; זי ווערט גע־משפּט, פעראורטיילט צום טויט און ענדיגען ענדיגט זיך אַלעס זעהר געמיטליך, די ביידע פּאָרען האָבען חתונה און זיינען גליקליך.

אין דער דאָזיגער ראָמאַנטישער געשיכטע איז דער דיכטער ניט נור ראָמאַנטיקער, עס פיהלט זיך שוין זיין סאַטירע, דער פּע־סימיסטישער טאָן. אַלפהילד איז די טאָכטער פון אַ זינגער און מוזיקער, טאָרגיערד, וועלכער זיצט שטענדיג אין די בערג; ער האָט איהר געלערנט פון דער יוגענד אָן צו קוקען אידיליש אויף'ן לעבען און טויט. דער עיקר — טויט. דער פאָטער האָט איהר איינגע־שלעפערט אין דער פאָרשטעלונג, אַז דער טויט איז אַ קליינער עלף, וואָס בעפרייט דעם ליידענדען פון טרויער און פיין, גרייט איהם צו אַ געלעגער פון ליליען און רויזען און פיהרט איהם אין אַ גאָלדען־וואָלקענדיגען וואָגען אין הימעל אריין, וואו ער האַפּט זיך אויף צו הימלישער פרייד און רוה; דאָס מיידעל ענטדעקט אָבער גיך, אַז אין אמת'ען איז דער טויט גאָרניט עהנליך צו דער דאָזיגער פאָרשטעלונג וועגען איהם, אַז ער ברענגט מיט זיך נור טרויער און ליידען; זי בעמערקט שטיל און פערטראַכט: „אין'ם ליעד פון מיין פאָטער איז דאָס ניט געשטאַנען".

אין'ם דאָזיגען אַנטקעגענשטעלען די ווירקליכקייט דער וועלט פון פאַנטאַזיען איז שוין עפּעס דאָ, וואָס זאָגט אָן „פּיער גינט'ן". לעזענדיג די ראָמאַנטיש־לירישע ערטער, דערשמעקען מיר אין סטיל און טאָן עפּעס, וואָס פון יענעם סטיל, אין וועלכען דער יונגערמאַן פּיער גינט וועט שפּעטער ענטוויקלען זיינע חלומות פון דיכטער. אָן די רעפּליקען פון פּיער גינט און דעם אַלטען דאָווּרע דערמאָנען אונז פאָלגענדע שורות:

„גאַנץ ריכטיג, וועגען פריידען ווייסט מען דאָרט אויבען גאָר־ניט, — האָסט דו געהערט וועגען דעם אוצר פון'ם באָרג־קעניג, וועלכער גליהט, ווי גאָלד? אָבער ווי נור דו שטרעקסט אויס די

האנד, ווערט פון'ם אוצר זאמד און שטויב. — אָ, הער מיך אוים, אלפהילד. עס איז זעהר מעגליך, אז דאָס זעלבע געשעהט אין לע־בען, — געה נישט צו צום לעבען צו נאָהענט, היט זיך פאַר איהם, דאָס לעבען קען אַ בים טהון דיינע צארטע פינגער. דאָס לעבען פינקעלט, ווי די הימלישע שטערען, אָבער נור דאַמאָלס, ווען דו קוקסט פון דערווייטענס אויף איהם".

נאָך אינטערעסאַנטער איז אַן אָרט אין דריטען אַקט. אינ־געבאָרג און העמינג אַנטלויפען פון דער היים, כדי אויסצומיידען די לעגאַלע הייראַט, און פּרואווען זיך איינאָרדנען אידיליש אין די בערג. זיי האָבען בעשלאָסען צו לעבען אַן איינפאַך לעבען: דער מאַן וועט כאַפּען פיש, ווערען יעגער און זי וועט זיצען אין הויז, קאָכען, וואשען. אָבער העמינג האָט ניט קיין בויגען צום שיסען און ניט געצייג צום כאַפּען פיש; אינגעבארג קען זיך ניט בעגעהן אָהן דינסטען, געזעלשאַפט, טענץ און ליעדער. זיי קענען ביידע ניט לעבען אויסער דער היימישער, בעקוועמער סביבה. די ליעבע האָט ניט קיין מאַכט צו פערטרייבען פון זייער בעוואוסטזיין די אַלטעגליכע זאָרגען. אין דער דאָזיגער סצענע האָבען מיר שוין פּאָלק'ן און סוואַנהילד פון „דער קאָמעדיע פון ליעבע".

זעהר מעגליך, אַז די ציטירטע ערטער זיינען ניט געווען אין דער ערשטער אויפלאַגע, נור זיינען צוגעשריבען געוואָרען שפּעטער, אין'ם יאָהר 1856.

ריין איבסענישע טענער הערען זיך אין טאָרגיערד'ס דעם זינגער'ס לעצטער רעפּליק. ציטעריגער ווערט די שטימע פון דיכ־טער, ווען נור עס קומט איהם אוים צו בעשרייבען דאָס נע'ונד־לעבען און אייביגע אונזיכערקייט, וואָס בעגלייטען דעם זינגער אויף זיין לעבענס־וועג.

„דער זינגער האָט ניט קיין היים און קיין אייגען הויז; זיין גייסט וואַנדערט אַרום, ניט געפינענדיג אין ערגעץ קיין רוה. יע־דער איינער, וואָס האָט ליעדער אין הארצען, האָט ניט קיין הויז אין טאָל, איז אָהן אַ היים אויפ'ן ברעג. אין דער אַלטאַנע, אויף דעם גרינעם פעלד מוז ער זינגען און זיינע לידער אַקאָמפּאַנירען

אויפ'ן ציטערענדער אינסטרומענט. ער דאַרף זיך צוהערען צו די טיפסטע אָבקלאַנגען פון לעבען, צום געזויש פון וואַסערפאַל, צו די וועלען פון'ם ווילדען פיאָרד, צו די וואונדערבאַרע מעשיות, וואָס ווערען דערצעהלט מיט א ציטערענדיגען האַרץ; זיין ליעד דאַרף איינהילען די חלומות פון פאָלק אין קלאַנגען און ווערטער און ערקלערען איהם די געדאַנקען, וואָס געהרען אין האַרצען.

„אָלאַף ליליענקראַנץ" איז פאַרהאַן נור אין דער פאָרם פון א מאַנוסקריפּט, פון וועלכען עס זיינען גענומען געוואָרען די ראָלען, ווען מען האָט מיט איין־און־פערציג יאָהר צוריק געשפּילט די דראַמאַ. די פּיעסע איז ניט שטאַרק געפעלען געווען די אָרטיגע קריטיקער און איז, ווייזט אויס, דעם דיכטער אַליין אויך ניט שטאַרק געווען געפעלען, ווייל ער האָט ניט געמאַכט קיין שום אָנשטרענגונגען צו פערעפענטליכען זי. איצט האָט די פּיעסע, ווי אַלעס, וואָס איבסען האָט געשריבען אין דער יוגענד, א גרויסען היסטאָרישען און פּסיכאָלאָגישען אינטערעס. ער הויבט אָן מיט „קאַטילינאַ'ן", איז ראָמאַנטיש, אָבער שוין אין „אָלאַף" זעהט מען, אַז דער ראָמאַנטיזם האָט אויפגעהערט צו ווירקען אויף איהם און ער האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו צווייפלען אין דער ריכטיגקייט פון דער ראָמאַנטישער וועלטאַנשויאונג, וואָס רעכענט זיך גאָרנישט מיט דער ווירקליכקייט און ערפאַהרונג.

„אָלאַף ליליענקראַנץ" איז אַן איבערגאַנגס־ווערק, א פּאָרשטופע צו דעם „פּעסט אין סאָלהאוג".

איבסען האָט אין דער הקדמה צו דער צווייטער אויפלאַגע פון'ם „פּעסט" אַזוי קלאָר ערקלערט, ווי אַזוי די דאָזיגע דראַמאַ איז ענטשטאַנען און ווי דאָס פּובליקום האָט זי אויפגענומען, אַז עס איז ניט געבליבען וואָס צו זאָגען וועגען דעם נאָך. ווער קען ווירקליך בעסער וויסען פון'ם אוטאָר, ווי זיין דראַמאַ איז ענטשטאַנען, וועלכע אויסערע און אינערע אורזאַכען האָבען איהם געטריבען צו שרייבען זיין ווערק. עס וואָלט געווען זעהר אינטערעסאַנט, ווען איבסען זאָל אונז דערצעהלען, ווי אַזוי זיינע איבריגע דראַמען זיינען ענטשטאַנען, און דאָך קען מען זיך ניט בענוגענען מיט דעם,

וואָס ער אליין וועט אונז זאָגען. איבסען איז צו איינגעהאַלטען, רעזערווירט, אי אַלס מענש, אי אַלס דיכטער. אין דער הקדמה גיט ער אָן אָנצוהערעניש, אַז עפּעס פּערזענליכעס ליגט הינטער זיינע פּאָעטישע שטימונגען און ליטעראַרישע אַרבייטען. דערצעהלענדיג, פאַר וואָס ער האָט זיך גענומען שרייבען אַ ליריש־ראָמאַנטישע דראַמאַ אַנשטאָט „די פעלד־הערן אין העלגאָלאַנד“, וועלכע ער האָט געהאַט אין זין צו שרייבען, בעמערקט ער קורץ: „אָבער דאָ איז געשעהן פיעל נייעס, אונערוואַרטעטעס. דאָס אַלץ איז מייסטענטייל, געוועזן ריין פּערזענליך, האָט שטאַרק געווירקט אויף מיר און אָנגעריהרט מיין פּערזענליך לעבען. אָבער איך רעכען, אַז געהאַט אַ בעדייטונג האָט אויך דאָס, וואָס גראַד דאַמאָלס האָב איך זיך גענומען לעזען „די נאָרוועגיער פּאָלקסמערכען“, פון לאַנדסטאַד“. הייסט עס, אַז דער עיקר האָבען פּערזענליכע איבערלעבונגען סטימולירט איבסען׳ען אין דער צייט, ווען ער האָט געשריבען „דאָס פעסט“; איבריגענס דאָס פיהלט זיך אין דער פּיעסע אַליין. דיזעלבע טעמע בעאַרבייט איבסען אויך אין אַנדערע זיינע יוגענדווערק; דאָס איז אַ סמן, אַז זי ריהרט איהם אָן, איז מעהר ווי אַ טעמע.

עס פערשטעהט זיך, אַז אַ קריטיקער קען ניט רעדען וועגען די פּערזענליכע מאָטיווען פון אַ ווערק, וועלכע דער אויטאָר האַלט ניט פאַר נויטיג צו ענטפּלעקען. אין דער פּיעסע גופא וויברירט עפּעס יוגענדליכעס, זי ווירקט אויף אונז, ווי די מוזיק פון יוגענדשטימונגען; אין איהר זיינען בעהאַלטען פּערזענליכע איבערלעבונגען, וואָס זיינען אונפערמיידליך אין׳ם לעבען פון יעדען טאַלענטפולען יונגען מענש. אין דער פּיעסע טרעט אַרויס אַ יונגע, ליידענשאַפטליכע פרוי, וועלכע דער דיכטער קען נאָך פון יענע יאָהרען, ווען ער איז געוועזן האַלבקינד. ער האָט זי אַמאָל ליעב געהאַט, אָבער דאָס איז געוועזן שוין לאַנג; זי האָט דערווייל חתונה געהאַט און ניט געפונען קיין בעפרידיגונג אין איהר פאַמיליען־לעבען, אָבער וועגען איהם האָט זי געטראַכט די גאַנצע צייט. אין דער דראַמאַ האָבען מיר פון איין זייט אַ פרוי, וואָס האָט שטאַרקע

געפיהלען און איז דערגאַנגען צו פערצווייפלונג, פיהרט אריין אין נסיון און ווערט פערפיהרט אליין צו פערברעכען — און פון דער אנדערער זייט א נאאיוו־פערליבטע און איבערגעגעבענע יונגע מיידעל. וויכטיגער פון אנדערע פערזאָנען איז דער דיכטער. ער איז אריינגעדרונגען אין מארגיט'ס הארץ מיט זיינע לידער און מיט זיי האָט ער געריהרט סיגנע'ס הארץ דריי יאָהר שפּעטער. ער ווערט פערפאָלגט, ווי איבסען אליין, וואָס האָט גאָר פריה דערפיהלט, אז ער איז א פערפאָלגטער; ער האָט קיין היים ניט, ווי טאָרגיערד אין „אָלאף". „דאָס פעסט" דריקט אויס אין פּאָעטישער פאָרם, ווי דער יונגער ריטער און זינגער רייסט זיך ארויס פון די נעצען, אין וועלכע עס האָט איהם אריינגעשלעפּט די ערשטע ליעבע, וועלכע ער האָט אָנגעצונדען אין דעם פרויען־הארץ.

די קליינע פּאָעמע איז פיין געבויט; זי האָט זיך אויסגעגאָסען פון'ם דיכטער'ס הארץ, ווי איין הארמאָנישעס גאַנצעס: אלע דעטאלען זיינען גוט בעטראַכט, אלע מאָמענטען זיינען פּסיכאָלאָגיש צוגעגרייט און בעארבייט. מיט א זיכערקייט פון אן ערפאהרענעם דראַמאטורג מאָלט איבסען די זעעלען־פּיינען פון מארגיט, וואָס ווערען אלץ שטארקער און ברענגען זי צום פערברעכען, צום אונטערגאַנג. קלאָר זעהען מיר די פינסטערע קרעפטען, וואָס האָבען געהערשט איבער איהר. בכלל שטעהען אלע פערזאָנען פון דער דראַמא ווי לעבעדיגע פאר אונזערע אויגען; מיר זעהען זיי, ווי געמאָלענע אויף א גלאָז מיט העלע, ליכטיגע פארבען, מיט לייכט אָנגעוואָרפענע, אָבער קלאָרע קאָנטורען. שארפער פון אלע איז געמאָלען די פיגור פון מארגיט'ס מאַן, דעם עהרליכען, נארישען, טאקטלאָזען בענגט; דאָס איז די איינציגע קאָמישע, אביסעל קאריקאטורענהאפט געצייכענטע פיגור.

געשריבען איז די דראַמא אין פּראָזא און פערזען; די דאָזיגע געמישטע פאָרם שאָקירט ניט. דער דיאלאָג דערהויבט זיך פון'ם איינפאכסטען שמועס צום צאַרטסטען ליריזם און ליידענשאפטליכען געפיהל. דער צווייטער אַקט ענדיגט זיך שטארק דראַמאטיש. מיר פיהלען דעם צוקונפטיגען מייסטער פון וואָרט.

עס לאָזט זיך זאָגען, אז „דאָס פעסט אין סאָלהאוג“ איז געשריבען פון א יונגען ראָמאַנטיקער, וועלכער האָט בעוואוסטזיניג פערוואַנדעלט א טראַגישען סוזשעט אין א לירישע פּאָעמע; אָבער שוין פיהלען מיר, אז אין דעם ראָמאַנטיק׳ס הארץ זיצט א טראַגיקער, וועלכער וועט ווערען גרויס, ווי נור די אונרחמנות׳דיגע ליעבע צום אמת וועט ווערען זיין הערשענדע ליידענשאַפט.

„פרוי אינגער“ האָט איבסען אָנגעשריבען ווינטער־צייט אין׳ם יאָהר 1854, אין בערגען; די פיעסע האָט מען געשפּילט דאָס ערשטע מאָל אין בערגענער טעאַטער, דעם 2טען יאנואר 1855; אין 1857 איז זי געוועזן אָבגעדרוקט אין עטליכע עקזעמפּלארען און ענדליך איז זי פערפענטליכט געוואָרען אין א לייכט־בעארבייטענדער פאָרם אין 1879. שפּעטער צו האָט מען „פרוי אינגער“ געשפּילט אין נאָרוועגיען, שוועדען, פינלאַנד און דייטשלאַנד. דאָס איז זיכער די בעסטע אַרבייט, וואָס איבסען האָט געשריבען ביז׳ן דרייסיגסטען יאָהר פון זיין לעבען. די פיעסע איז לויט איהר אינהאַלט א נאָרוועגיש־נאַציאָנאַלע. דער דיכטער איז א הייסער פּאַטריאָט; ער האָט ניט שטאַרק ליעב דענעמאַרק. דאָס דאַרף אונז ניט וואונדערען. ערשטענס, איז דער סוזשעט א נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטישער, און צווייטענס זיינען די נאָרוועגען געוועזן פיינדליך געשטימט געגען אַלעם דענישען, אַזוי לאַנג ווי אויף דער סצענע אין כריסטיאַניאַ האָט מען געשפּילט דעניש און אויף פערשידענע געביטען פון גייסטיגער טעטיגקייט איז שטאַרק געוועזן די שטרעבונג צו בעפרייען זיך פון די טראַדיציאָנען פון יענער צייט, ווען דענעמאַרק האָט גייסטיג פערשקלאַפט נאָרוועגיען.

נעמט מען די נעמען פון די פּערזאָנען, וואָס פיגורירען אין „פרוי אינגער“, מוז מען זאָגען, אז דאָס איז א היסטאָרישע דראַמא, אָבער אין אמת׳ן האַלט זי זיך גאָר ניט אָן די ווירקליכע היסטאָרישע געשעהנישען. פרוי אינגער איז פאַקטיש גאָר ניט געוועזן די פערטרעטערין פון אַנטי־דענישע טענדענצען; זי ליידט ניט דערפון, וואָס איהר טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט א דענישען עדעלמאַן; „דער יונגלינג פון טאָל“ וועלכען זי ערקלערט פאַר׳ן

חתן פון איינער פון איהרע טעכטער, איז ניט איהר זוהן און סטען סטורע'ס, כאָטש זי האַלט איהם פאַר איהר זוהן. נילס ליוקע, אויף וועלכען איבסען האָט איבערגעטראָגען א טייל פון יענע כאראַקטעריסטישע שטריכען, וועלכע ווערען צוגעשריבען אין לידער און זאגען דעם דענישען עדעלמאַן קאַי ליוקע, איז גאָר ניט געווען אזא פערפיהרערישער מענש, וואָס פערצוויבערט אַלע יונגע פרויען, ווי איבסען מאָלט איהם אויס; ער האָט פריהער געהייראַט פרוי אינגער'ס טאָכטער, עלינע, און דערנאָך, ווען זי איז געשטאָרבען, האָט ער געהאַט א פערבינדונג מיט דער אנדערער טאָכטער, לוטשיא, וואָס איז געווען א גרויס פערברעכען, לויט די בעגריפען פון יענער צייט און דער סוף איז געווען, אז מען האָט איהם פערשפּאַרט אין געפענגניש און פעראורטיילט צום טויט.

איבסען האָט אויף אן אייגענאַרטיגען אופן געמאָלען די אַלע פערזענליכקייטען און בעציהונגען. פון גאָרנישט האָט ער בעשאַפען די פיגור פון א העלדישער פרוי, א נאַציאָנאַלער זשאַן ד'ארק, וואָס געהט בעפרייען איהר פאָטערלאַנד. פון אייגענער פאַנטאַזיע — און ניט פון געשיכטע — האָט ער גענומען אן אנדער געשטאַלט, די געשטאַלט פון'ם דענישען ריטער נילס ליוקע, אן אמביציעזען דיפּלאָמאַט און קלוגען אינטריגאַן, וואָס איז געווען בעריהמט מיט זיינע אונגעוועהנליכע טאַלענטען פון א דאָן־זשואַן. ליוקע איז ניט אזא אָריגינעלער געשטאַלט, ווי פרוי אינגער, אָבער געמאָלען איז ער לעבעדיג און מיט העלע פאַרבען און א מוטיגער האַנד. אין דערזעלבער דראַמא האָט איבסען אויך געצייכענט די בעצויבערענדע, ריהרענדע געשטאַלט פון דער יונגער עלינע גולדענלעווע, וואָס איז אמאָל געווען שטאָלץ און עקשנות'דיג, און האָט זיך שפּעטער אבגעגעבען אינגאַנצען דעם געפיהל פון ליידענשאַפטליכער ליעבע.

איבסען האָט אויסגעקליבען א טראַגישען סוזשעט, אָבער ער האָט אריינגעפיהרט אין איהם דעם עלעמענט פון אינטריגע; די פערזאָנען געהען ארום אין דער פינסטער, ווערען געשטרויכעלט, הויבען זיך אויף און פאַלען ווידער אריין אין די פון'ם אוטאָר אויס־

געשפּרייטע נעצען. ווערען זיי צוריסען אמאָל, איז דאָס מיט א כונה: אויף א מינוט האָט ער ארויסגעלאָזט פון די הענד זיינע מענשען און באלד וועלען זיי פערלירען דעם קאָפּ, פערפּלאָנטערען זיך, טהון נארישקייטען, און דאָך זינדיגט ניט דער דיכטער געגען דער ווירקליכקייט: עלינע, צום ביישפּיל, איז געגוי בעקאַנט מיט'ן שיקזאל פון איהר אומגליקליכער טאָכטער, זי ווייס נור נישט דעם נאָמען פון'ם מענש, וואָס איז שולדיג אין איהר טויט און אזוי וועט זי טאַקי קיינמאָל אין לעבען ניט דערגעהן, אז דער דאָזיגער מענש איז נילס לוקע, יענער לוקע, וועלכען זי האָט אזוי שטארק ליעב. די גאנצע פּיעסע איז פערזעהט מיט געהיימניסען, קונצען, מיס־פערשטענדנישען. אין „פרוי אינגער" לאָזט זיך פיהלען איבסען, דער געניאלער מיסטיפיקאטאָר. א מיסטיפיקאטאָר איז ער גע־בליבען זיין גאנץ לעבען. אין דער פּיעסע פּיהלט זיך די האנד פון א גרויסען קינסטלער און ערפאהרענעם טעאטערמענש, וועלכער האָט געלערענט פון די אויסלאנדישע, דער עיקר פראנצויזישע דראַ־מאטורגען און פון זיין טעגליכער ערפאהרונג, ווי צו קאָנסטרואירען די פּיעסע, אז זי זאָל וואָס שטארקער ווירקען אויף די זעעלען פון צושויער.

שוין אין אנהויב פּיעסע ווייס אלאָף סקאַקטאוול, אז ער דאַרף בעגעגנען אין עסטראַט א מענשען, אָבער ער ווייס ניט, ווער דער מענש איז. נילס האָפט צו זעהן אין שלאָס גראף סטורע'ן; הע־רענדיג, אז עפּעס אן אונבעקאנטער איז געקומען אין שלאָס, נעמט ער אן גאנץ נאטירליך סקאַקטאוול'ן פאר סטורע'ן; סקאַקטאוול פון זיין זייט ווידער האָט ערווארטעט נילס סטענסאָן'ען און גלויבט, אז נילס לוקע איז דער ערוואַרטעטער גאַסט. דער דענישער רי־טער ווייס ניט, מיט וועמען ער האָט זיך אייגענטליך בעגעגנט, אָבער ער דערוועיזט איהם זעהר איבערצייגענד, אז ער איז דאָס דער מענש, וועלכען סקאַקטאוול זוכט. אָבער פּלוצלונג קומט אריין נילס סטענסאָן; ער האָט אויך געדאַרפט טרעפען אין עסטראַט אן אונבעקאנטען, וועגען וועלכען ער האָט ניט געהאט קיין גענויע פאָרשטעלונג, אָבער ער האָט איהם געדארפט איבערגעבען פּאַפּירען

און בריף. נילס לוקע׳ן גיט זיך איין מיט א קונץ צו פערכאפּען די דאָזיגע פּאַפּירען, וואָס זיינען בעשטימט פאר אַלאף סקאַק־טאָוול׳ען און אויף אזא אופן דערגעהט ער געהיימניסען, וואָס גיבען איהם א מאכט איבער אנדערע; די מאַכט ווערט נאָך שטארקער, ווען פרוי איננגער דערצעהלט איהם, וואָס פאר א געהיימניס פער־אומערט איהר לעבען.

ביסלעכווייז ווערט העלער אין דער ארומיגער פינסטערניש: נילס לוקע דערוויסט זיך, אז נילס סטענסאָן איז פרוי איננגער׳ס און סטען סטורע׳ס זוהן, דערצעהלט דאָס איהם און עס דוכט זיך, אז אלץ געהט מיט שנעלע טריט צום נאַטירליכען סוף — פּלוצלונג אָבער ווערט די פינסטערניש געדיכטער, וויל נילס לוקע האָט גע־צוואונגען סטענסאָן׳ען איהם צו־צוזאָגען, אז ער וועט שווייגען און ניט דערצעהלען דעם סוד. שווייגט סטענסאָן און דערצעהלט ניט דער מוטער, ווער ער איז, און זי — דאָס איז אגב גאַנץ אונ־וואהרשיינליך — האָט קיינמאָל ניט געזעהן איהר געליעבטען זוהן. זי נעהמט איהר זוהן אָן פאר׳ן געגנער זיינעם, וועלכער פּרעטענ־דירט אויפ׳ן טראָן און הייסט איהם טויטען, געטריבען פון הייסער מוטערליעבע און אונערזעטליכער אמביציאָן.

כדי צו פערשארפען נאָך די סיטואַציאָן, געברויכט איבסען א קונץ, מיט וועלכען ער בענוצט זיך אָפט אין די שפּעטערדיגע דראַ־מען, א קונץ, וואָס איז שוין פון אריסטאָטעל׳ן פערדאמט געוואָרען אין זיין „פּאָעטיק“; ער בעהאַלט אי פון די פערזאָנען, וואָס פיגורירען אין דער דראמא, סיי פון די צושויער דיווירקליכע געשעה־ענישען, וואָס האָבען געפיהרט צו דעם אַלעמען, וואָס ווערט גע־מאָלען אין דער פּיעסע. פון דעם פיין־געבויטען דיאַלאָג ווערט ניט קלערער די צושויער, אין וואָס בעשטעהט אייגענטליך פרוי איננגער׳ס געהיימניס, וואָס לאָזט איהר ניט ערפילען איהר גרויסע פּאטריאָטישע פליכט. ניט קוקענדיג אויף די אַלע אייגענטימליכ־קייטען און פעהלערען, אויף די צו לאַנגע שמועסען, איז אין דער דאָזיגער דראמא זעהר פּיעל גראַנדיעזיטעט, פּיעל טראַגישע גרויס־קייט. די איינפאַכסטע סצענען זיינען די בעסטע סצענען. איב־

סען׳ס נים סטענסאָן איז פרישער פון אָלוף׳ן אין עלענשלעגער׳ס „קעניגין מארגארעט״; ער ברענגט מיט זיך אויף דער סצענע אריין די זאָרגלאָזע יוגענד; א שטארקען איינדרוק מאכען די סצע־נען צווישען עלינע און נילס לוקע: אונבעמערקט וואכט אויף די ליידענשאפט אין עלינע׳ס הארץ, ווערט אלץ שטארקער און מוז פאטאל ברענגען צום אומגליק.

פרוי אינגער האָט א גלויבען, אז יעדער בעדייטענדער מענש האָט זיך זיין שיקזאל, זיין בערוף; דעם בערוף דארף ער טריי זיין, טאָר ניט פערראטען איהם און וויל ער איהם טריי זיין, מוז ער אָפּפערען מיט זיינע נייגונגען, געפיהלען און פריידען; אוודאי וואָלט ער געווען גליקליכער, ער זאָל ניט צוהערען זיך צו דעם קול פון זיין בערוף, אָבער וועה צו איהם, אז ער וועט זיך לאָזען פער־נארען פון׳ם גליק און זיך אויסלאכען פון זיין בערוף. פרוי אינגער ווערט פאראליזירט פון איהר מוטערליכער ליעבע; זי האָט געזינ־דיגט געגען איהר בערוף דערמיט, וואָס זי האָט געבאָרען א זוהן; דערפון נעהמען זיך אלע איהרע אומגליקען, די דאָזיגע ריין פאָע־טישע אמונה אין בערוף פיהלט זיך אויך אין „די פרעטענדענטען אויף׳ן טראָן״, אין „בראנד״, „פיער גינט״, „קיסר און גאלילעער״, „דער פאָלקס פיינד״, „ראסמערסהאָלם״, „ארכיטעקטאָר סאָלנעס״. די דאָזיגע אמונה האָט געשטארק איבסען׳ען אין זיין לעבען; אינ־טערעסאנט איז, אז אין זיין בעט־שריפט צו קעניג קארל פון 1866, שרייבט ער: „דער לעבענסבערוף, וועלכען, ווי איך גלויב און ווייס אונערשיטערליך, גאָט האָט ארויפגעלעגט אויף מיר״. — אזוי האָט ער געקוקט אויף זיין אייגענעם פּאָעטישען בערוף.

II

איבסען איז געוואָרען דער אנערקענטער דיכטער. עס איז שוין געווען זיכער, אז קיינער קען ניט אָבשוואכען אָדער ערשי־טערען זיין רעפּוטאציאָן. און פּלוצלונג שרייבט ער אָן „די נער־שפּענסטער״ — א טיף ווערק, א גרויס, בעדייטענד ווערק. און

גראַד „די געשפּענסטער" האָבען געמאַכט א תל פון זיין רעפּוטאַ־ציאָן און נאָמען. „די געשפּענסטער" האָבען אויפגעבראַכט די גאַנצע וועלט געגען דעם דיכטער. אויף איבסען'ען איז אָנגעפאַלען סיי די ליבעראַלע פּרעסע פון נאָרוועגיען, סיי די קאָנסערוואַטיווע; אין דענעמארק האָבען כמעט אַלע קאָנסערוואַטיווע צייטונגען גע־שאָטען פעך און שוועבעל אויף „די געשפּענסטער". די דראַמא האָט זיך אין נאָרוועגיען גאָרניט פערקויפט.

זעהר בעטריבט האָט איבסען'ען די בעציהונג פון זיינע נאָר־וועגיער צו „די געשפּענסטער". א סמן האָבען מיר, אז פריהער האָט איבסען יעדע צוויי יאָהר געדרוקט א נייע זאַך, אָבער איצט האָט ער זיך געאיילט און מיט א יאָהר פריהער פערענדיגט זיין נייע דראַמא „דער פאָלקס פיינד". אין איהר האָט זיך אויסגעדריקט די שווערע שטימונג, וואָס האָט ארומגענומען איבסען'ען נאָך'ן שרעקליכען דורכפאַל פון זיינע „געשפּענסטער". אין'ם „פאָלקס פיינד" דערצעהלט איבסען, וואָס פאַר א צרות עס שטעהט אויס אַן עהרליכער, טאַלענטפולער מענש, א קוראָרט־ארצט אין א קליי־נעם נאָרוועגישען שטעדטעל, ווי נור ער ענטדעקט, אז דאָס וואַסער פון'ם קוראָרט איז פערגיפטעט. דער נאַאיווער מענש האָט גע־מיינט, אז ווי נור ער וועט דערצעהלען פון דער צרה און געבען אַן עצה וואָס צו טהון, וועלען אַלע מיטבירגער, טיף דאַנקבאַרע, לויפען פאָלגען איהם. זיי וועלען זיך פרעהען, האָט ער געטראַכט, וואָס זיי זיינען דערגאַנגען וועגען אזא קאַטאַסטראָפע. אין אָנהויב איז דאָס טאַקי אזוי. ס'איז געווען א מאָמענט, ווען די אָפּאָזיציאָן איז ווי גרייט צו אונטערשטיצען איהם, כדי צו בענוצען זיך מיט זיינע ענטפּלעקונגען אין קאַמפּף מיט זייערע פּאָליטישע געגנער. אָבער באַלד האָבען זיך די שטאָדטישע לייט דערשראָקען: די שטאָדט קען דאָך פערלירען די רעפּוטאַציאָן פון א גוטען קוראָרט; די קראַנקע וועלען דערגעהען און זיצען אין דער היים אָדער אויסקליי־בען אַן אנדער קוראָרט. די שטאָדט בירגער מאַכען א חשבון, אז זיי דאַרף קאָסטען זעהר פיעל געלד איבערצובויען ראַדיקאַל די וואַ־סערלייטונגען און אַלע ווי איין מענש טרייסלען זיי זיך אָב פון'ם

קאָמישען מענש, וועלכער ווערט ניט געבלענדעט פון זייערע גאָל־דענע הבטחות און ניט דערשראָקען פון זייערע דראָהונגען. די שטאָדט־בירגער ווענדען זיך ניט נור אָב פון איהם, נור אַנטקעגען איהם, לאָזען איהם ניט רעדען, פערשיטען איהם מיט אַ האָגעל פון זידלערייען און בעליידיגונגען, לאָזען זיך אפילו צו זיין הויז און פערוואַרפען איהם מיט שטיינער.

די צייטונגענאָסען, וואָס האָבען פון נאַרישקייט אָדער היפּאָ־קריטישקייט פערשאָטען מיט אומריינקייט „די געשפּענסטער" און ניט געלאָזט איהר שפּילען, האָבען געטהון אַ גרויסע טובה דער וועלט־ליטעראַטור דערמיט, וואָס מיט זייער בעציהונג צו איבסען'ס ווערק האָבען זיי געצוואונגען איהם אָנצושרייבען דעם פאָלקס־פיינד. דאָס איז איינע פון די שאַרפסטע און שאַרפזיניגסטע פון אַלע דראַמען, וואָס איבסען האָט אָנגעשריבען. דר. שטאָקמאַן איז זעהר אָריגינעל און האָט אין זיך פיעל לעבען; איבריגענס שאַדט דאָס איהם ניט אריינלעגען דעם מוטיגען און הומאָריסטישען שטאָק־מאַן אין מויל זיינע אייגענע אידעען.

„דער פאָלק'ס פיינד" גיט צום ערשטען מאָל אַן אויסדרוק איב־סען'ס אַריסטאָקראַטישע אידעען. קיינמאָל נאָך האָט איבסען ניט געפּרעדיגט אַזוי ענערגיש און קרעפטיג, אַז די מאַיאָריטעט איז שטענדיג אומגערעכט. די פיעסע פערענדיגט זיך מיט אַ פּאַראַ־דאָקס, וואָס דערמאָנט אַן קירקעגאָרד'ס ווערטער: „דער שטאַרקס־טער מענש אין דער וועלט איז יענער, וואָס שטעהט אַליין". בכלל קען מען זאָגען, אַז זייט איבסען האָט אָנגעשריבען „בראַנד'ן" איז ער קיינמאָל ניט געווען אַזוי שטאַרק אונטער קירקעגאָרד'ס וויר־קונג, ווי אין „פאָלק'ס פיינד". אָבער דאָס, וואָס איז געווען ביים גרויסען דענקער, וועלכער איז געשטאָרבען מיט אַ גענעראַציאָן פריהער, איידער „בראַנד" איז ערשינען, אַן איבערצייגונג, אַ פּרינ־ציפּ, וואָס איז פערבונדען מיט זיין פערזענליך לעבען, ווערט אין „פאָלק'ס פיינד" אויסגעדריקט אין לעבעדיגע געשטאַלטען, וואָס זיינען געמאָלט מיט אַ שאַרפזין און סאַטירע, וועלכע איז ניט שוואַ־כער פון קירקעגאָרד'ס.

נאך'ן „פאלק'ס פיינד“ איז ערשינען „די ווילדע ענטע“, אן אונגעוועהנליך קינסטלעריש ווערק, דאס טרויעריגסטע פון אלע דראמען איבסען'ס; אפילו אזא נידריגע פרויען־געשטאלט, ווי גינא, די אמאליגע געליעבטע פון'ם קאמערסאנט ווערלע, און די איצטיגע פרוי פון'ם נארישען, אפעקטירטען גיאלמאר עקדאל, איז געמאלען מיט גרויסער ליעבע. מיט גרויסער ווארעמקייט מאלט איבסען העדוויגע'ן, דאס ריהרענדע, ליעבע, גרויסמוטיגע קינד; זיין גאנצע ליעבע האט איבסען אבגעגעבען העדוויג'ען. אין דעם אונגעוועהנליכען, פאנטאסטישען ווערק פיהלט זיך נאך דער איינדרוק, וואס אויף איבסען'ען האט געמאכט די פיינדליכע בעציהונג פון דער וועלט צו „די געשפענסטער“. גרעגערס ווערלע איז א קאריקאטור אויף'ן פאנאטיקער פון אמת. האבענדיג אויסגעגאסען זיין גאנצען כעס אויף'ן פאלק, האט זיך איבסען, ווייזט אויס, אליין געפרעגט, צי לוינט זיך דער גאנצער עסק, ד. ה. צי איז ווירקליך דער דיכטער פערפליכטעט דערצעהלען מיטעלמעסיגע מענשען — אזעלבע מיטעלמעסיגקייטען, ווי די נארוועגיער, — דעם גאנצען אמת, דעם ריכטיגען אמת, און צי איז אפשר דער ליגען ניט די נויטיגע בעדינגונג פון זייער עקזיסטענץ. דער רוהיגער הומאר, וואס ליגט אין איבסען'ס ענטפער אויף דער דאזיגער פראגע, לייכט דורך די געשטאלט פון גרעגערס ווערלע, וועלכער איז אן איבריגער מענש, וואס מישט זיך אומעטום. ער שרייט אויס אין אלע פויערים־שטיבלעך זיינע אידעעלע פאדערונגען און נור צום סוף פיעסע הערט ער זיך איין אין דעם טיפען אמת, אז

„דער, וואס נעמט צו דעם ליגען ביים מיטעלמעסיגען מענשען,
נעמט צו ביי איהם אויך דאס גאנצע ליכט פון זיין לעבען.“ ,

אן אמת, וועלכען איהם האט דערצעהלט דער ציניש־גוטמוטיגער רעדלינג, וואס פערקערפערט איבסען'ען דעם הומאריסט.

ווי קינסטלעריש הויך „די ווילדע ענטע“ שטעהט, קען מען זעהן, פערגלייכענדיג זי מיט „די זיילען פון דער געזעלשאפט“. „די זיילען“ ענדיגען זיך מעלאדראמאטיש, די וויכטיגסטע פערזאן האט פלוצלונג חרטה, דער קעניג ווערט אויף אן אונגאטירליכען וועג

גערעטעט — דאָס אַלץ זיינען צופעליגע עפעקטען, וואָס דערפיהרען די אַלע שרעקען און מיאוסקייטען צו אַ גליקליכען סוף. אין „דער ווילדער ענטע“ איז אַלעס קינסטלעריש שטרענג בעאַרבייט, די פאַרבען זיינען צאַרט, דאָס לעבען איז געמאָלען ערנסט און ביטער און דאָך הערליך.

עס איז מעגליך, אַז אויך אין „ראָסמערסהאָלם“ הילכען נאָך אָב די דונערען פון דער שטורמישער אַטאַקע אויף „די געשפּענס־טער“. ראָסמער הויבט אָן דערמיט, וואָס דאָקטאָר שטאָקמאַן ענדיגט. ער וויל פון אָנהויב דאָס, צו וואָס דער דאָקטאָר דער־גערט ערשט צום סוף פון „פאָלק'ס פיינד“, נעמליך, ער וויל זיינע צייטגענאָסען פערוואַנדלען אין שטאָלצע, פרייע, עדלע מענשען. אין אָנהויב פון דער פיעסע מאַכט ראָסמער אויף אייך דעם איינדרוק פון אַ זעהר קאָנסערוואַטיווען מענש — פאַר אַזאַ מענש האָט מען געהאַלטען אויך איבסען'ען אין נאָרוועגיען אַ צייט נאָך דעם, ווי „דער בונד פון דער יוגענד“ איז ערשינען. אַלע האַלטען פון ראָס־מער'ן, אַכטען איהם, פערעהרען איהם; אַלץ, וואָס ער טהוט, ווערט אויסגעטייטשט אויף'ן בעסטען אופן. אָבער ווי נור ראָסמער בע־פרייט זיך גייסטליך, פערלאָזט זיין קאָנסערוואַטיווע וועלט אנשוי־אונג און גיט צו פיהלען, וואָס פאַר אַ אינערע ענדערונג איז פאָר־געקומען אין איהם, ווענדט זיך די געזעלשאַפטליכע מיינונג געגען איהם. די קאָנסערוואַטאָרען פערפאָלגען איהם, און די ליבעראַלען בעטען איהם שווייגען, ווייל ער קען זיי זיין ניצליך נור בלייבענדיג אין זיין געזעלשאַפט; זיי ווילען גאָרניט האָבען אין זייערע רייהען אַן אויסגעשפּראָכענעם פריידענקער. ראָסמער'ס בעציהונגען צו רעבעקאַ'ן, וואָס זיינען געשטאַנען פריהער אויסער יעדער קריטיק, ווערען איצט פערדעכטיגט. און פערדאַכט איז געוועזען אויך איבסען אַליין אַ צייט, נאָך דעם ווי ער האָט אין זיינע „געשפּענסטער“ זיך אַרויסגעוויזען אַלס ראַדיקאַל.

מיט אַ יאָהר צוריק, איידער איבסען האָט פערעפענטליכט זיין „ראָסמערסהאָלם“, איז איבסען געוועזען צו גאַסט אין נאָרוועגיען נאָך עלף יאָהר אָבוועזענהייט. אין נאָרוועגיען איז ער אָבגעוועזען

אַ פּאָר וואָכען. אין אינטערעסאַנטע רעדע האָט ער געהאַלטען אין טראָנדהיים, ווען דער ארבייטער־פעראיין האָט לכבוד איהם אָרגאַניזירט אַ פאַקעלצוג. איבסען האָט געזאָגט, אז „ער האָט אומעטום בעגעגענט אַ גרויסען פּראָגרעס אין אַלע הינזיכטען", אָבער ער האָט אויך איבערגעלעבט פיעל ענטוישונגען, ווייל „די נויטיגסטע אינדיווידועלע רעכט" זיינען געווען פיעל ווענינער גאַראַנטירט, ווי אַמאָל; דער איינצעלנער האָט ניט קיין פרייהייט פון וואָרט, און ניט קיין פרייהייט פון גלויבען; אַלע דאַרפען ווירקען אין בעשטימטע גרענעצען. וועגען דעם האָט ער געזאָגט אין זיין רעדע: „פיעלעס מוז געטהון ווערען, איידער מען וועט קענען זאָגען, אז מיר האָבען דערגרייכט די אמת'ע פרייהייט. אָבער איך האָב מורא, אז אונזער איצטיגע דעמאָקראַטיע וועט ניט קענען לעזען אזעלכע אויפגאַבען. עס איז נויטיג, אז דער אַדעל זאָל נעמען אנטייל אין אונזער שטאַאַטסלעבען, אין אונזערע פּאַרלאַמענטען און פּרעסע. עס פערשטעהט זיך, אז איך רעד ניט פון'ם יחוס־אַדעל אָדער געלד־אַדעל אָדער אפילו דעם אַדעל פון טאַלענטען, קענטנישען און פעהיגקייטען. איך האָב אין זין דעם אַדעל פון כאַראַקטער, דעם אַדעל פון ווילען און גייסט".

אין „ראַסמערסהאָלם" דריקט זיך אויס אַ פרישער, אַ נייער, אַ דערהויבענער קוק פון'ם דיכטער אויף די פּאַרטיי־בעציהונגען אין נאָרוועגיען; אויך אין דער דראַמאַ קלאָגט זיך דער דיכטער, וואָס דאָס פּאָליטישע לעבען אין נאָרוועגיען האָט ניט אין זיך עפּעס אַדליגעס. איבער די צוויי פּערטרעפליך געצייכענטע געשטאַלטען, קראָל און מאָרטענהאָרד, וואָס פערקערפּערען די פאַנאַטישע רעאַקציאָן און די פלעבעאישע פאָלקס־פּאַרטיי, דערהויבט זיך די עלעגאַנטע, אָבער עטוואָס בלאַסע פיזיאָנאָמיע פון ראַסמער'ן מיט זיין עדלען, אָבער שוואַכען כאַראַקטער, וועלכען עס פעהלען די אַלע טאַלענטען, וואָס אַ פאָלקס־פיהרער דאַרף האָבען; דעריבער איז ער פעראיינזאַמט, אַ פערשלאָסענער אין זיך, אַן אָנגעהויכטער פון דער שטילער איידעלקייט, אין וועלכער עס ליגט איבסען'ס צויבער־קראַפט. דער אומגליק איז, וואָס ראַסמער גיט איבער זיין עדעל־

קייט נור דער פרוי, וואָס האָט איהם ליעב, אָבער ניט די מאַסען, וואָס האָבען זיך אַזוי שטאַרק גענויטיגט אין איהם.

די דאָזיגע פרוי, רעבעקאַ, איז די וויכטיגסטע פיגור פון דער דראַמע. דאָס איז איינע פון די גראַנדיעזעסטע פרויען־געשטאַלטען, וואָס איבסען האָט בעשאַפען. קיינמאָל איז ער ניט געווען אַזוי ערהאָבען־רוהיג, אַזוי מענשליך־זיכער אין זיך, ווי ווען ער האָט ערקלערט, געמאָלט און געמשפּט דאָס דאָזיגע פרויענבעשעפעניש. ביז איצט האָט איבסען ליעב געהאָט צו בעווייזען, אַז פאַלש איז אַלץ, וואָס איז גערעכענט געוואָרען ביז איצט פאַר עכט און אַלעס פעסטע וואַקעלט זיך. איצט איבערוואַנדעט ער זיין פריהערדיגען אונצוטרוי, גלויבט, אַז דאָס מיידעל מיט אַ בעפלעקטער עהרע קען געלייטערט ווערען און ענטדעקט גוטע אייגענשאַפטען, אונשולדיגקייט און אפילו גרויסקייט אין די פערברעכעריך, ליגנערין און מערדערין. דאָס אַלץ ווערט בעוויזען אַזוי איבערצייגענד, אַז אפילו יענער, וואָס האָט קיינמאָל ניט בעגעגענט אַזאַ רעוועקאַ, — און זי איז אַן אויסנאַהם צווישען נאָרוועגיער פרויען, — וועט קיין מינוט ניט צווייפלען אין דער מעגליכקייט פון אַזאַ טיפּ. דאָס איז גיכער אַן אַלמענשליכער, ווי אַ ריין נאָרוועגישער טיפּ; אין איינינע הינזיכטען איז זי עהנליך גיכער צו אַ רוסישער פרוי.

דערמאָנט זיך ווי קינסטלעריש איבסען בענוצט זיך צום סוף דראַמאַ מיט דער פאַנטאַסטישער געשטאַלט פון אולריך ברענדעל, כדי צו פערשטאַרקען דעם עפעקט. רעבעקאַ איז אַ פערקערפּערונג פון איהר היימישען נאָרד־לאַנד, וואו אַ דויערענדע פינסטערניש ווערט פּלוצלונג איבערגעריסען פון ליכטיגע טעג אָהן נעכט, אַ לאַנד פון ענערגישע, אימפעטיגע ניט איינגעצאַמטע טעמפעראַמענטען. אַלע איהרע פערגלייכען, אין וועלכע זי מאָלט איהר אייגענע נאַטור, זיינען גענומען פון׳ם שטורמישען נאַטור־לעבען, וואָס האָט איהר אַרומגערינגעלט אין איהר פריהער יוגענד. איהר ליידענשאַפט צו ראָסמער׳ן, צום ביישפּיל, פערגלייכט זי מיט׳ן שטורם אין נאָרדלאַנד אין ווינטער־צייט: עס איז ניטאָ קיין שום מעגליכקייט צו שטעלען זיך אַנטקעגען איהר.

די העלדין פון איבסען'ס „די פרוי פון ים" איז עהנליך צום ים אין די מערב־ברעגען פון נאָרוועגיען, וואָס איז שטענדיג אונ־רוהיג, אונבעשטענדיג און בייט זיינע פאַרבען. אויף יענע ברעגען איז זי טאַקי אויסגעוואַקסען. זי בענקט שטענדיג נאָך'ן ים און איז אזוי רעטזעלהאַפט, ווי דער ים. אן ענג פערבונדענע מיט דעה נאַטור, אַ נערוועזע ביז צו קרענקליכקייט, אַ כמעט פערהיפּנאָטי־זירטע, אויף'ן ראַנד פון משוגעת, שטרעבט זי אונבעוואוסטזיניג אין דער הויך צו פרייהייט און פעראַנטוואָרטונג.

„די פרוי פון ים" איז סימוואָליסטיש, ווי „בראַנד" און „פּיער גינט". איצט איז שוין איבסען ניט מעהר דער אַלטער קעמפּפער; פון דעם דאָזיגען געדאַנק ווערט טרויעריג אויף'ן הארצען. די פּיע־סע איז אַ פּסיכאָלאָגיש־פאַנטאַסטישער עקספּערימענט; אַלעס קומט פאָר ניט אין מיטען העלען טאָג־ליכט, נאָר אין אַ רעמ־בראַנדט־בעלייכטעטער סביבה. אין דער פינסטערניש בעווייזט זיך אן אויסלענדער, אַ מיסטישע געשטאַלט, וואָס פערקערפּערט אין זיך דאָס אונבעשטימטע ציל, צו וועלכען די פרוי שטרעבט, פול שרעק און בענקעניש. דער גאַסט ווײַלט אַ פּאָר מינוט און פער־שווינדט. די פרוי איז אָבער אונטער זיין צויבער; ער האָט אַ נעהיימניספולע ווירקונג אויף איהר. דער צויבער פערגעהט אָבער, ווי נור איהר מאַן וואַנגעל גיט איהם אַ מעגליכקייט צו בעשטימען איהר שיקזאַל און געהן אויף איהר אייגענער פעראַנטוואָרטונג אין איהר אייגען וועג.

עס וואָלט געווען קליינליך אַנצואווייזען אויף די אונוואַרשיינ־ליכקייטען אין דער „פרוי פון ים"; אויב מיר ווילען פערשטעהן דעם דיכטער, מוזען מיר פערמאַכען דעם אויג אויף זיי. אַ שלעכ־טען איינדרוק מאַכען אויף אונז די פּאָרמולען, וואָס שפּרינגען ארויס צום סוף פון דער דראַמאַ און פערענטפערען עפּעס כלומרשט, ניט פערענטפערענדיג גאָרנישט. מיר הערען אזעלכע ווערטער, ווי פער־זענליכע פעראַנטוואָרטונג, פרייהייט, אָבער מיר גלויבען ניט, אז אזעלכע ווערטער קענען בערוהיגען אַ פרוי, וואָס שטרעבט מיט'ן גאַנצען הארץ צו אַ נייעם, העכערען לעבען.

מייסטערהאפט געשילדערט זיינען וואנגעל׳ס צוויי יונגע טעכ־טער. הילדא איז אן עקספאנסיוו, בייז מיידעל — א קינד, וואס דורשט נאך ליעבע; שפעטער וועט זי ווידער ערשיינען אלס די געהיימניספול הילדא פון׳ם „בוימייסטר סאלנעס“; באלעטא איז א יונג מיידעל, וואס איז געצוואונגען אבצוזאגען זיך פון אלע גיל־דענע יוגענד־האפנונגען, כדי צו הייראטען דעם רעספעקטאבלען, אבער פיעל עלטערען פון איהר און ניט־געליעבטען מענשען. ריהרענד איז, וואס די טראגעדיע אין׳ם לעבען פון די עלטערען (דאס אומגליקליכע פאמיליען־לעבען פון עלידא מיט׳ן עלטערען וואנגעל) ווידערהאלט זיך אין דעם לעבען פון זייערע קינדער. עס וויקעלט זיך פאנאנדער עפעס ווי א אונענדליכער קאראוואן פון אומגליקליכע גענעראציאנען, וואס האבען געהאט נור ענטוישונגען אין לעבען.

„העדא גאבלער“ איז א רעאליסטישע דראמא. זי איז ניט קיין פאנטאסטישע געשטאלט — די העלדין פון דער דראמא. דער דיכטער אנאליזירט גענוי די פסיכאלאגיע פון דער יונגער פרוי — העדא גאבלער, — וועלכע איז בעגאבט פון נאטור, נור ווענינ ענט־וויקעלט, פייג און דאך שטארק, עקזאלטירט און דערביי קאנוועג־ציאנעל, אמביציעז און בייז, שטרעבט צום העכערען און זינקט אין זומפ פון וואולגאריטעט. העדא איז דעקאדענטיש. אן ענגלישער קריטיקער וויל האבען, אז זי איז די געוועהנליכע מיסס, מיט וועל־כער איהר בעגעגענט זיך אין דער רעספעקטאבלער געזעלשאפט אויף שריט און טריט.

„העדא גאבלער“ גיט אונז א מעגליכקייט אריינצוקוקען טיפער אין׳ם לעבען פון דער אזוי גערופענער געזעלשאפט, ס׳ארא גלייכ־גילטיגקייט, קאלטקייט וועהט פון איהר! ווי רויה זיינען זייערע אנשויאונגען, מאנירען און אפילו רייד. זיי ווינצלען זיך, אבער זיינען ניט עלעגאנט; מען שעהמט זיך ניט צו רעדען וועגען זא־כען, וואס ווערען ניט דערמאנט געוועהנליך אין א אמת־ציוויליזיר־טער געזעלשאפט. נעמט דעם געשפרעך פון די צוויי דאמען, וואס האבען זיך נור וואס בעקענט מיט א הערר און איילען זיך שוין צו דערצעהלען איהם, אז זיי האבען ניט ליעב זייערע מענער, נאך

מעהר, אז די מענער זיינען זיי צום עקעל. די נאָרוועגער געזעל־שאַפט ווערט געשילדערט סאַרקאַסטיש פון איבסען'ען; דאָס איז אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט ניט קיין אַריסטאָקראַטישקייט אין זיך און קיינע טראַדיציאָנען. און וואָס איז דאָס וואונדער? די בע־דייטענדסטע מאַלער, סקולפּטאָרען, מוזיקער און דיכטער פון נאָר־וועגיען זיינען שטענדיג געווען ווייט פון זייער היימאַט, האָבען זיך ארומגעדרעהט אין אויסלאַנד. דערצו איז נאָרוועגיען'ס אויסלענ־דישע פּאָליטיק געווען אַ זעהר רוהיגע און אונדראַמאַטישע. איבסען דערצעהלט אונז, אז העדאַ איז אַ טאָכטער פון אַ נאָרוועגיער גענע־ראַל און מיר זיינען זיכער, אַז דאָס איז אַ קאַוואַלעריסט, וואָס האָט קיינמאָל ניט געשמעקט דעם רויך פון פּולווער. אונז אימפּאָנירען ניט זיינע פּיסטאָלעטען, וועלכע העדאַ דערמאָנט מיט שטאָלץ; מיר ווייסען, אז אין בלוט זיינען זיי ניט בעפלעקט געוואָרען.

לעזענדיג „העדאַ גאַבלער" פיהלען מיר, אז די נאָרוועגישע געזעלשאַפט, וואָס איז אַזוי יונג, איז דאָך אָריגינעל און אייגענ־אַרטיג. מיר האָבען אַ געפיהל, אַז זי האָט זיך בעפרייט פון'ם איינ־פלוס פון דער דענישער געזעלשאַפט און ניט שטאַרק זיך אָנגענומען מיט שוועדישע זיטען און ווערטלעך. די נאָרוועגישע געזעלשאַפט איז פריש, זי האָט זיך ענטוויקעלט אין איהר אייגענעם נאַציאָ־נאַלען גייסט. און דאָך אפילו איצט מאַכט די דאָזיגע פּרימיטיווע אייגענאַרטיגקייט, וואָס וואַרפט זיך אונז אַזוי שטאַרק אין די אויגען, דעם איינדרוק פון עפּעס אונפערענדיגטען, צופעליגען, וואָס האָט זיך נאָך נישט אויסגעגאָסען אין בעשטימטע פאָרמען. „העדאַ גאַבלער" פיהרט אונז אריין אין'ם לעבען פון די מיטלע קרייזען פון דער נאָרוועגישער געזעלשאַפט, וואָס האָט אמת קיין עלעגאַנץ ניט, אָבער אַן אייגענאַרטיגע קולטור, וואָס האָט אין דער לעצטער גע־נעראַציאָן ארויסגערוקט גרויסע, פרישע טאַלענטען, אָבער ניט גע־קענט אנידערשטעלען זיי אין אַזעלכע בעדינגונגען, וואָס זאָלען העל־פען זיי אין זייער ענטוויקלונג. איבסען בעשרייבט געוועהנליך, ווי די נאָרוועגישע געזעלשאַפט פּאַראַליזירט די ענטוויקלונג פון איהרע מיטגלידער; אין „העדאַ גאַבלער" האָט ער, ווייזט אויס,

געוואַלט שילדערען, ווי אזוי א בעדייטענדע, שטאַרקע פערזענליכ־קייט מוז אונבעדינגט אומקומען אין דער דאַזיגער אַטמאָספערע. דאָס איז די טעכניש גלענצענדסטע פון אַלע זיינע דראַמען; נאָך קיינמאָל איז ער ניט אזוי קינסטלעריש געוויסענהאַפט געווען, ווי איצט.

אייגענטליך איז העדאַ, וואָס ווערט אנטקעגענגעשטעלט דער גוטער, איינפאַכער טעע, א גוט־בעקאַנטע, אַלטע געשטאַלט. שוין ניט איין מאָל האָט איבסען געמאָלט אזא סיטואַציאָן; ארום דעם בעדייטענדען מענשען דרעהען זיך צוויי פרויען, זיין גוטער און בייזער גייסט. אין „העדאַ גאַבלער" האָבען מיר צוויי מענער, וואָס פיהרען א קאַמפף צווישען זיך: איינער איז דער אמת'ער העלד, דער צווייטער — זיין קאַריקאַטור. העדאַ איז איינע פון די לעגענ־דאַרישע געשטאַלטען, וואָס איבסען האָט גענומען פון די אַלטע זאַ־גען; זי איז אַן אמאַזאָנקע אין דער געשטאַלט פון א היינטיגער פרוי; איהר מאַן — יאָרגען טערסמאַן איז בענגט אָדער גוינאַר אין דער געשטאַלט פון א היינטיגען פריוואַט־דאָצענט.

העדאַ איז אַן אונגעוועהנליכע נאַטור; זי קען זיך ניט אָבזאָ־גען פון איהר אינדיווידואַליטעט, צוגעוואוינען זיך צום פערהייראַ־טען לעבען, פיהלען זיך היימיש אין דער טאָג־טעגליכקייט; אזוי ווי „די פרוי פון ים" קען זיך ניט „אַקלימאַטיזירען" אין דער בור־זשואַזער סביבה. אין העדאַ שאַקירען אונז איהרע רויהע און ניד־ריגע אינסטינקטען; זי האָט קנאה, מיאוסע קנאה. נאָך זייענדיג א קליין מיידעל, האָט זי ניט געקענט פערטראָגען, וואָס איהר חבר'טע האָט געדיכטע און הערליכע האָר; זי איז אונפערשעמט, האָט א נידריגע נייגיריגקייט; נאָך אין דער יוגענד האָט זי איני־טימע בעציהונגען מיט „א חבר" און צווינגט איהם צו דערצעהלען איהר מיאוסע אנעקדאָטען פון זיין נאַכט־לעבען. העדאַ וויל זיין אַריסטאָקראַטיש און חלומט וועגען א לאַקיי אין א ליוורייע. זי איז, ווי זי זאָגט אַליין, א קעניגין פון באַל, וואָס האָט זיך איבערגע־טאַנצט, איצט וויל זי חתונה האָבען מיט א רייכען מענשען, אבי צו לעבען א זיכערען, גוטען טאָג; איהר מאַן איז א קאָמישע פיגור;

אונז דוכט זיך, אַז ער איז אַרויסגעשפּרונגען עפּעס פון מאַזער׳ס אַ פּאַרס, אָבער זי איז אַזוי אונוויסענד און אונענטוויקעלט, אַז זי האַלט איהם פאַר אַ זעהר טאַלענטפולען מענשען.

הערדאַ בעשולדיגט זיך אין פייגהייט און — מיט גוטען רעכט; זי האָט שרעק פאַר אַלץ, וואָס קען דערוועקען סקאַנדאַל. זי האָט אַזוי שטאַרק ליעב מאַכט, אַז זי טרייבט דעם אָרעמען איילערט לעווער־באָרג צו שכרות נור דערפאַר, וואָס זי וויל דערפיהלען איהר מאַכט איבער דער זעעל פון אַן אַנדערען מענשען. אין דערזעלבער צייט איז זי אַזוי אייפערזיכטיג, אַז זי פערניכטעט דאָס ווערק, וואָס לעווער־באָרג האָט אָנגעשריבען אונטער דעם איינדרוק פון זיין פריינדשאַפט צו אַן אַנדער פרוי, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די ווירקונג פון דער אַנדערער פרוי אויף איהם האָט זיך אויסגעדריקט נור אין דעם, וואָס יענע האָט איהם אָבגעהאַלטען פון שכרות.

הערדאַ איז אַן אמת דעקאַדענטישע נאַטור. זי איז ניט אונ־שולדיג, ניט טוגענדהאַפט, זי האָט ניט קיין גרויסע טאַלענטען און האָט ניט אפילו די פעהיגקייט אָבצוגעבען זיך אינגאַנצען גייסטיגע אָדער זינליכע איינדרוקען; זי קען זיך אפילו אויף אַ מינוט ניט אָבזאָגען פון איהר אייגענעם איך און לעבען מיט אַן אַנדערענס לע־בען, זי איז געגנוג שטאָלץ צו דערפיהלען עקעל צו איהר יאָרגען און ווערט פערציטערט פון׳ם געדאַנק, אַז זי קען האָבען אַ קינד פון איהם. אויב זי ווערט ניט בראַק׳ס מעטרעסע, איז דאָס נור דער־פאַר, וואָס זי האָט ליעב אונאַבהענגיגקייט און וויל ניט זינדיגען נעגען דעם אָנגענומענעם קאָרעקטען טאָן. איז דאָס אַלץ אַזוי, טו קען אויף אונז דען מאַכען אַ איינדרוק דאָס וואָס אַזאַ בעשעפעניש האָט זיך אָבגעזאָגט פון לעבען און געהט אַוועק פון׳ם רוישענדען לעבענספעסט, ווי זי דריקט זיך אויס? און דאָך איז אַ פאַקט, אַז מיר ווערען פערטרויערט, הערענדיג וועגען איהר טויט. איבסען האָט פעראינטערעסירט אונז מיט זיין הערדאַ, ער האָט דערוועקט אין אונז עפּעס סימפּאַטישען צו איהר. זי איז נאָך אַלעמען אַ קראַפט.

אינטערעסאַנט איז, אַז הערדאַ איז אַ שלעכטע. שוין אַ לאַנ־

נע צייט, ווי איבסען האָט געהאַלטען אין איין דערהויבען די פרוי אויף'ן חשבון פון'ם מאַן. הערדאַ איז מענליכער פון אַנדערע מענער, זי האָט אַן עקעל צום אידעאַל פון געוועגליכער גוטסקייט, אָבער אין דערזעלבער צייט איז זי טרוקען, עגאָאיסטיש, אָהן הארץ און קען נור פערדערבען, צוברעכען, טויטען אַלץ ארום זיך און ענדליך זיך אַליין.

אויסער הערדאַ'ן שפּילען די וויכטיגסטע ראָלען אין דער פּיעסע דער טפש און דער געניאַלער מענש. געניאַל איז עלערט לעווּבאָרג, דער טפש איז יאָרגען טעסמאַן. אַז יאָרגען איז אַ נאַר, זעהט מען באַלד, שוין אין אָנהויב פון דער פּיעסע. ניט אַזוי זיכער זיינען מיר, אַז עלערט לעווּבאַרג איז געניאַל. איבסען איז אַ דיכטער, אַ גרויסער דיכטער און ס'איז ניט קיין וואונדער, וואָס ער קוקט אויף דער וויסענשאַפט אויך פון אַ פּאָעטישען שטאַנדפּונקט. עס איז נאַטורליך, אַז אַ דיכטער זאָל זעהן סמנים פון געניאַליטעט שוין דערין אַליין, וואָס אַ געלעהרטער, אַ טרוקענער געלעהרטער פערלאָזט דעם וועג פון עקספּערימענט און קוקט פּראָפעטיש אין דער צוקונפט אריין. איבסען וויל אונז איבערצייגען אין די גרויסע טאַלענטען, וואָס לעווּבאָרג האָט, דערמיט, וואָס ער צווינגט איהם צו שרייבען וועגען די קולטור־קרעפטען פון דער צוקונפט און דעם ענטוויקלונגס־גאַנג פון דער קולטור. אָבער אונז, פּראָזאאישע מענשען, קען זיך לייכט אויסדוכטען, אַז דאָס איינציגע קלוגע, וואָס מען קען וועגען דעם ענין זאָגען, האָט דער נאַר געזאָגט: „אָבער, מיין גאָט, מיר וויסען דאָך וועגען דעם גאָרנישט!“

אָבער גוט! מיר וועלען צולאָזען, אַז עלערט לעווּבאָרג איז פעהיגער ווי אונז דוכט זיך, אַז ער איז דער גרעסטער געלעהרטער און שרייבער אין דער וועלט, איינער פון יענע שרייבער, וואָס לע־בען אויף זייער שטעמפּעל אויף גאַנצע עפּאָכען. ווי קומט עס אַז אַזא גרויסער מענש זאָל וועלען לעזען זיין ארבייט אַ מענשען, וועלכע־איז זיינער אַ קאָלעגע נור לויט'ן נאָמען נאָך און צו וועלכען ער האָט אַזא טיעפע פעראַכטונג, יאָרגען טעסמאַן. ווי עמפּערט איז ער, וואָס הערדאַ האָט זיך ערנידריגט, פערבינדענדיג זיך מיט אַזא ניד־

ריג בעשעפעניש, ווי יאַרגען. און דעמזעלבען יאַרגען'ען ברענגט ער צוטראַגען זיין ארבייט, זיין טייערסטע, בעסטע ארבייט, כדי צו הערען זיין מיינונג; נאָך מעהר — לעווּבאָרג איז אזוי שטאַרק פעראינטערעסירט צו פערנעמען לויבגעזאַנגען פון'ם טפש יאַרגען'ס מויל, אז ער שלעפט זיין מאַנוסקריפּט אויף'ן פעסטאַבענד צווישען שכור'ע, האַפּענדיג כאַפּען דאָרט יאַרגען'ען און טיילען זיך מיט זיינע טיפסטע געדאַנקען מיט אַ מענשען, צו וועלכען ער האָט אַזאַ טיפע פעראַכטונג.

עס איז פערשטענדליך, פאַר וואָס ער האָט געדאַרפט נעמען מיט זיך דעם מאַנוסקריפּט; ווען ער וואָלט איהם ניט געבראַכט מיט זיך, וואָלט ער דאָך ניט פערלאָרען איהם און הערדאַ וואָלט ניט געהאַט קיין מעגליכקייט צו פערברענען זיין ווערק. אָבער דאָך איז דאָס, וואָס לעווּבאָרג וויל, אז יאַרגען זאָל זיין ענטציקט פון איהם, אזוי עקעלהאַפט, ווי דאָס, וואָס ער האָט זיך געוואָרפען אַמאָל אויף הערדאַ'ן אָדער איז איבערציינגט, אז ער איז אַ פערפאַלענער מענש, ווי נור ער וועט אַ לעק טהון איין־איינציגען גלעזעל קאַלטען פּונש. איהר זייט ניט קיין דזשענטלמען, הערר לעווּבאָרג!

דער אָרימער מענש! נאָך האָט ער ניט אָבגעגעבען גאָט זיין נשמה, ווי די שטראָף טרעפט איהם, דער פון איהם פעראַכטעטער קאָלעגע פערכאַפּט די רעשט פון זיין מאַנוסקריפּט, און נעמט צו בירושה אויך די רעשט פון זיין פריינדין.

אין דער דראַמאַ איז פאַרהאַן אַ וועלט מיט קליינינקע אונוואהר־שיינליכקייטען, עס איז אונגלויבליך, אז פרוי עלווסטעד זאָל אַרומ־טראָגען אין די טאַשען פון איהרע קליידער בלעטלעך פון לעווּבאָרג'ס גרויסען ווערק און זי זאָל זיך זעצען מיט טעסמאַן'ען ברענגען זיי אין אָרדנונג, אין דערזעלבער צייט, ווען איהר געליעבטען'ס קער־פּער ליגט פאַר איהרע אויגען. אָבער אז איהר האָט צו טהון מיט אַזאַ גרויסען דיכטער, ווי איבסען, דאַרפט איהר זיך זעהר היטען צו זאָגען, אז דאָס און יענעס אין זיינע ווערק איז אונמעגליך אָדער אונגלויבליך. ווען „הערדאַ גאַבלער" איז ערשינען, האָט מען גע־טענה'ט, אז ס'איז אַבסאָלוט אונמעגליך, אז אַ מענש, ווי לעווּבאָרג,

זאָל פערלירען זיין מאַנוסקריפּט און הערא זאָל איהם פערברענען; האָט זיך טאַקי אָבער ביי אונז אין סקאַנדינאַוויען געטראָפען אַ פאַל, אַז די פרוי פון אַ בעריהמטען קאָמפּאָזיטאָר האָט פון כעס און איי־פערזוכט פערברענט אַ סימפאָניע, וואָס איהר מאַן האָט נור וואָס פערענדיגט; געטראָפען האָט זיך אויך, אַז אַ בעלעטריסט האָט אַ שכור׳ער פערלאָרען דעם מאַנוסקריפּט פון זיין ראָמאַן.ביידע, אי דער קאָמפּאָזיטאָר, אי דער בעלעטריסט, זיינען פון אונזערע בעדייטענדסטע קינסטלער. בכלל קען מען אַלץ גלויבען אויף אַ מאַן אַ שכור׳ען און אַ פרוי, וואָס איז אייפערזיכטיג.

איבסען איז אַ גרויסער קענער פון דער מענשען־נאַטור. ער פערשטעהט אַזוי גוט מענשען, אַז ער קען אינסטינקטיוו אָנשטוי־סען זיך אויף זאַכען, וואָס ער פערזענליך האָט זיי קיינמאָל ניט איבערגעלעבט אָדער ניט געזעהן מיט אייגענע אויגען. נאָך ווייני־גער קען מען אויסזעצען געגען איבסען׳ס סטיל און טעכניק. ער איז אַ וואונדערבאַרער טעכניקער סיי אין „הערא גאַבלער“, סיי אין די פריהערדיגע דראַמען.

III

מיט צוויי יאָהר שפּעטער נאָך דער רעאַליסטישער דראַמא „הערא גאַבלער“ איז אין׳ם יאָהר 1892 ערשינען דאָס טיף־סימ־וואָליסטישע ווערק „בוימייסטער סאָלנעס“. לעזט איהר דורך „סאָלנעס׳ן“, בלייבט נאָך לאַנג דער איינדרוק פון דער פּיעסע. האָט איהר זי איינמאָל געלעזען, ווילט זיך אייך ווידער און ווידער אַמאָל דורכלעזען זי — און יעדעס מאָל ווערט איהר אַלץ מעהר פון איהר ענטציקט. דער ערשטער איינדרוק, וועלכען איהר האָט, איז דער, אַז דער אוטאָר איז אַ גרויסער קינסטלער און טיף, בעדייטענד זיי־נען די געשטאַלטען, וועלכע ער האָט אַרויסגעצויבערט. דער איינ־דרוק איז אַ טיפער: איהר וויינט ניט, איהר זייט ניט סענטימענ־טאַל געריהרט, אָבער איהר הויבט אָן צו טראַכטען, אריינטראַכטען זיך און איבערלעבען דעם איינדרוק. "סאָלנעס" דערהויבט אייך ערגעץ וויט־וויט, פערכשופט און פערצויבערט אייך.

„סאָלנעס" גיט אונז איבער אין אַ האלב־אַלעגאָרישער פאָרם די לעבענסגעשיכטע פון לעבעדיגע מענשען; דאָס איז די טראַגע־דיע פון אַ בעדייטענדען קינסטלער, וואָס פיהלט, אַז ער ווערט אַלט. סאָלנעס איז ניט אַ געניאַלער מענש; מעגליך, אַז איבסען האַלט איהם פאַר אַ געניאַלען מענשען, אָבער אונז איבערצייגט ער ניט. סאָלנעס האָט אין זיך יענע געניאַליטעט, וואָס בעצויבערט פרויען, און פערשידענע פעהלערען, אָהן וועלכע מיר קענען זיך ניט פאָר־שטעלען געניאַלע מענשען פון אַ געוויסען טיפּ. צי האָבען סאָל־נעס'עס ארבייטען אַזאַ גרויסע בעדייטונג — ווייסען מיר ניט; מיר מוזען גלויבען איבסען'ען אויף'ן וואָרט. עס איז מעגליך, אַז איינער פון די גרויסע פעהלערען פון דער דראַמאַ איז דאָס, וואָס דער מאָראַליש־שוואַכער סאָלנעס האָט ניט אין זיך דעם ריין־קינסט־לערישען אינסטינקט, יענעם אינטעלעקטועלען ענטוזיאַזם, וואָס וואָלט געקענט אויסקויפען זיינע מאָראַלישע שוואַכקייטען. איב־סען'ס סאָלנעס האָט געמעגט זיין דער שאַפער פון אַ נייעם סטיל אין אַרכיטעקטור, אָבער דאָס איינציג טיפּע, וואָס ער זאָגט וועגען זיין קונסט, זיינען די ווערטער, אַז ער קען בויען הייזער נור פאַר מענשען, וועלכע זיינען איהם פערזענליך בעקאַנט. אויב מיר גלוי־בען, אַז סאָלנעס איז אַ בעדייטענדער מענש, איז דאָס ניט דערפאַר, וואָס מיר זעהען פאַר זיך אַן אונגעוועהנליכען מענש, נור דערפאַר, וואָס דער דיכטער זאָגט אונז אַז ס'איז אַזוי און מיר ווילען איהם, דעם דיכטער, גלויבען.

דער גרעסטער פעהלער סאָלנעס'עס איז זיין אַכזריות, און אויך זיין שרעק פאַר די אינגערע, נייערע קרעפטען. ער טרעט מיט די פיס זיינע לעהרער און האָט מורא פאַר זיינע תלמידים. ער איז אַ קינסטלער מיט אַ שטאַרק ענטוויקעלטען קינסטלערישען עגאָאיזם, אָהן וועלכען די נאַטירליכע פעהיגקייטען קענען זיך ניט ענטוויקלען. זיינע בעציהונגען צום אַלטען, אומגליקליכען בראָוויק דערמאָנען אונז אָן די בעציהונגען פון'ם סוחר ווערלע צום אַלטען עקדאַל („ווילדע ענטע"). ווערלע האָט ערנידריגט עקדאַל'ען, געמאַכט אַ תל פון זיין לעבען און דערנאָך אַ דערשלאָגענעם גענומען אַלס

אנגעשטעלטען צו זיך אין ביורא. סאָלנעס'עס בעציהונגען צום יונגען ראגנאר זיינען ענליך צו טאָרוואלדסען'ס בעציהונגען צו פרוינד. פרוינד איז געווען א שטענדיג אָפּפער פון טאָרוואלדסען'ס קאפּריזען און ברוטאליטעטען; ער האָט טרעטירט דעם איינגערען מיט יענער אכזריות, וועלכע א העכערע קינסטלערנאטור ערלויבט זיך אנטקעגען א נידריגער. טאָרוואלדסען האָט סיסטעמאטיש געפּיי־ניגט זיין מיטארבייטער; ער האָט איהם ניט געגעבען אפילו אזעל־כע ארבייטען, וועלכע ער האָט ניט געהאט קיין צייט צו מאכען, האָט צוגענומען ביי איהם ליכט און לופט און, אָנטהוענדיג אויף זיך די מאסקע פון פאָטערליכער פריינדשאפט, פערוואנדעלט זיין לע־בען אין א מארטיראָלאָג. אָבער טאָרוואלדסען איז ניט אזוי פיעל שולדיג, ווי סאָלנעס, ווייל ער האָט געפאָדערט אָפּפער מיט'ן רעכט פון א גערעכטערען און שטארקערען. ענליך זיינען די בעציהונגען פון דער יונגער, פאנטאסטישער מיידעל צו סאָלנעס'ען, וואָס פער־נעטערט סאָלנעס'ן און צווייפעלט ניט אין איהר רעכט אויף איהם. סאָלנעס האָט אָבער א געפיהל, אז ראגנאר איז טאלענטפולער פון איהם; דעריבער קענען מיר איהם ניט פערצייהען זיין קליינליכ־קייט, בייזקייט און אכזריות'דיגקייט. אין סאָלנעס'ען איז פארהאַן עפּעס ספּאָנטאנעס, ניט־איינגעצאמטעס און אין דערזעלבער צייט איז ער פייג, וואולגאר. ער וויל זיין גרויס, אָבער ער איז ניט גרויס.

ביז צו קרענקליכקייט דערגעהט סאָלנעס'עס ליעבע צו זעלבסט־קריטיק; דאָס איז כמעט א קראנקהייט. זי איז אין א געגענזאץ צו דער אכזריות'דיגקייט פון זיין נאטור און דאָך פערבונדען מיט איהר. ער איז צו שטרענג צו זיך, ער האָט ניט קיין אונשולד און זעהט אין זיינע אונשולדיגע עגאָאיסטישע פערלאנגען, אין זיינע אונבעשטימטע האָפנונגען עפּעס פערברעכערישעס, מיאוסעס. ער האָט שווער געקעמפּפט, ביז ער האָט זיך דורכגעשלאָגען א וועג אין דער קינסטלערישער וועלט; ער האָט געזיגט, אָבער ער קען ניט פערגעסען אָן די אָפּפער פון זיין קאריערע, זיי פייניגען איהם און לאָזען איהם ניט צורוה. ער קען אויך ניט פערגעבען זיך, וואָס ער

איז ניט־ווילענדיג געווען שלעכט צו זיין ווייב. אַלע רעכענען, אַז ער איז אַ גליקליכער — האָט ער דאָך געמאַכט זיך אַזוי שנעל אַ גרויסען נאָמען, אָבער ער אַליין האָט געוויסענסביסען: ער קען ניט פערגעסען, ווי טייער האָבען אַנדערע בעצאָהלט פאַר זיין כלומר׳שטיג גליק און ווי שווער איהם אַליין איז פון זיין גליק. אויב ער איז געוואָרען בעריהמט אַזוי שנעל (און אַזוי אונפערשטענדליך), פערדאַנקט ער דאָס אַ שרפה, וואָס האָט פערניכטעט דאָס הויז פון זיין פרוי׳ס עלטערען. נור דעמאָלט האָט ער פערשטאַנען ווי צו בויען הייזער פאַר מענשען. אז דער געניאַלער מענש איז זעלטען גליקליך אין זיין פאַמיליען־לעבען, פיהלט סאָלנעס גאַנץ שטאַרק. קלאָר הערט זיך דאָס אין אַזעלכע ווערטער:

„כדי צו האָבען אַ מעגליכקייט צו בויען הייזער פאַר אַנדערע, האָב איך זיך געמוזט אָבזאָגען אויף שטענדיג פון דער האָפנונג צו בעשאַפען זיך אַן אייגען הויז".

און שפּעטער דריקט ער אויס דעמזעלבען געדאַנק אַזוי:

„אַלעס, וואָס איך האָב דערגרייכט, ווען איך האָב געאַרבייט, געבויט, געשאַפען, די רוהיגקייט, די שעהנהייט, דעם קאָמפאָרט, דאָס ערהאַבענע... דאָס אַלץ האָט מיר טייער געקאָסט. איך האָב געצאָהלט פאַר אַלעס. ניט מיט געלד, ניין. נור מיט מענשליכען גליק, און ניט נור מיט׳ן אייגענעם גליק, נור מיט׳ן גליק פון אַנדערע... דאָס איז געווען דער פּרייז פון מיין קינסטלער־בעריהמטהייט".

און טאַקי דערפאַר, וואס ער האָט אַזוי טייער בעצאָהלט פאַר׳ן אָרט, וואָס ער האָט אין לעבען, האָט ער אַ רעכט אויף זיין אָרט. סאָלנעס׳ען דוכט זיך, אַז ער איינער האָט אַ רעכט צו בויען און מעג טרעטען מיט פיס אַלע געגנער זיינע. כדי צו האָבען ערפאָלג, איז סאָלנעס׳ען ניט אויסגעקומען צו אָנשטרענגען נור זיינע פערזענליכע קרעפטען. די אומשטענדען — זיינע העלפער און דיענער — האָבען איהם טריי געדיענט, ער האָט די אינערע קראַפט, וואָס זעלטענע מענשען האָבען, יענע וואונדערבאַרע קראַפט, וועלכע קעניג האָקאָן האָט, נעמליך צוציהען צו זיך די העלפער און

די הילף, אין וועלכער זיי נויטיגען זיך. אָבער וואס קרענקליכער דאָס גייסטיגע לעבען סאָלנעס'עס ווערט, אַלץ מעהר הויבט ער אָן צו גלויבען, אז ער דאַרף נור עפּעס פערלאַנגען, און זיינע פערלאַנגען וועלען באַלד מקוים ווערען; ער איז איבערצייגט, אז ער קען פערהיפּנאָטיזירען פרויען, ניט היפּנאָטיזירענדיג זיי, נור צווינגענדיג זיי צו טראַכטען און פיהלען דאָס, וואָס ער טראַכט און פיהלט. מיט דער דאָזיגער וואונדערבאַרער קראַפט זיינער האָט ער צוגעצויגען צו זיך קאַיא'ן, און זי העלפט איהם צו האַלטען אין זיין האַנד דעם פיעל־פערשפּרעכענדען ראַגנאַר'ן, וועלכער איז פערליבט אין איהר. איבסען דערצעהלט ניט, צי איז ניט געשעהן עפּעס עהנליכעס מיט דער העלדין פון דער פּיעסע: אפשר האָט סאָלנעס גאָר ניט געגעבען איהר דעם פּאַטאַלען קוש אין דער יוגענד, אפשר דוכט זיך דאָס איהר נור אויס. שטענדיג טראַכטענדיג וועגען די דאָזיגע געהיימניספולע קרעפטען, דערגעהט סאָלנעס דערצו, אז ער האָט אַ קראַנקהאַפטען שרעק, מען זאָל איהם ניט בעטראַכטען פאַר אַ משוגע'נעם און אין דעם דאָזיגען שרעק איז פאַראַן שוין אַן עלעמענט פון אמת'ער משוגעת, וואָס געהט, ענדליך, איבער אין עקזאַלטאַציאָן.

סאָלנעס, וואָס האָט איצט קיין שום גרויסקייט ניט אין זיך, איז אַמאָל, גאָר לאַנג צוריק, ערשינען אין'ם ליכט פון גרויסקייט פאַר אַ קליין מיידעל. הילדא, אַ צוועלף־יעהריג קינד, האָט געזעהן סאָלנעס'ען אין דער הויך, אויף דעם שפּיץ פון'ם גלאָקענטורעם; שטאָלץ און פריי איז ער געשטאַנען אויף דער הויך. ער איז אַראָבגעגאַנגען און דערזעהן זי, אַרומגעלעגט אַ קראַנץ אויף איהר שעהנער קאָפּ. צעהן יאָהר זיינען שוין פערגאַנגען; הילדא האָט סאָלנעס'ען ניט געזעהן די גאַנצע צייט, אָבער זי האָט איהם ניט פערגעסען, זי האָט געלעבט אין דער וועלט פון ערינערונגען, איהר ציהט צו איהם און זי קען ניט ווידערשטעהן דער קראַפט, וואָס טרייבט איהר צו סאָלנעס'ען. זי מוז איהם זעהן, זי וויל פאָדערען פון איהם דאָס קעניגרייך, וואָס ער האָט איהר צוגעזאָגט צעהן יאָהר צוריק, אויף'ן אָבענד, וואָס מען האָט איינגעאָרדענט

איהם צו עהרע. זי קלאַפּט צו סאָלנעס׳ען אין טיר גראָד דער־מאָלט, ווען ער זיצט אַ דערשלאָגענער, אין איין שרעק, אַז באַלד וועט קומען די יוגענד און איהם פערשטויסען, — זי קלאַפּט, נעהמט אריין — אַ פּערקערפּערונג פון דער יוגענד, וואָס גלויבט איהם און איז ענטציקט פון איהם. דערין איז זי עהנליך צו איהר שטיפ־מוטער עלידא, וועלכע האָט צעהן יאָהר ערוואַרטעט דעם מענשען פון׳ם פרעמדען לאַנד. ווי דער דאָזיגער וואונדערבאַרער גאַסט, רע־בענט זי זיך גאָר נישט דערמיט, וואָס סאָלנעס איז שוין פערהייראַ־טעט. מיר קענען הילדאַ׳ן נאָך פון „דער פרוי פון ים", וואו זי איז געשילדערט געוואָרען מיט אַ נייגונג צו שטאַרקע גייסטיגע איבערלעבונגען, מיט אַ חשק צום אינטערעסאַנטען, צום אונגע־וועהנליכען, וואָס גיט דיר דאָס בעוואוסטזיין, אַז דו לעבסט אויף אַן אמת. אין „סאָלנעס" איז הילדאַ אַ בעגייסטערט מיידעל, וואָס פערטיידיגט ליידענשאַפטליך איהר גלויבען אין׳ם גרויסען בוימייס־טער און וויל איהם זעהן אויף דער הויך פון זיין בערוף, איי־נער אליין, אַ בעפרייטען, אין דער הויך. דאָס ווערט סימוואָלי־זירט אין דער פאָדערונג, אַז ער זאָל ווידער ארויפשטייגען אויפ׳ן שפּיץ טורם און בעקרענצען זיין הילדאַ׳ן.

אָבער עס זיינען פערגאַנגען צעהן יאָהר, זייט זיי האָבען זיך געזעהן: סאָלנעס האָט זיך איבערגעביטען, עס ציטערט דער באָ־דען אונטער זיינע פיס, עס שווינדעלט דער קאָפּ איהם, ער איז אונזיכער, דערשראָקען. הילדאַ וויל אָבער ניט הערען, אַז עמיצער זאָל האָבען אַ רעכט צו זאָגען, אַז איהר ארכיטעקט „וואָגט ניט — קען ניט אזוי הויך שטייגען, שטייגען אויף דער הויך, וואָס ער בויט אויף". די דאָזיגע רעפּליק איז די וויכטיגסטע אין דער פּיעסע. כדי צו פערשטעהן איהר, וועלען מיר נעהמען אַן אַנ־דערע אָבשאַצונג פון גייסט, נעמליך אַזאַ איינע, ווי צ. ב. איך וויל ניט, אַז עמיצער זאָל האָבען אַ רעכט צו זאָגען, אַז דער דיכ־טער קען זיך אין לעבען ניט דערהויבען צו יענע אידעאַלען, וועל־כע ער שילדערט אין זיינע ווערק. אויב הילדאַ וואָלט אזוי גע־רעדט, וואָלט די גאַנצע פּיעסע געהאַט אַן אנדער כאַראַקטער, אַ

מאַטיווירונג, אַ ערדישערען, אָבער דערפאַר איז איצט די פּיעסע פאָעטישער, זי איז ווינציגער קלאָר, דאָפּעלטזיניג, אָבער מעהר פערחלום'ט, מעהר בעצויבערענד. וואָס פאַר אַ גרויסער קינסטלער איז איבסען, אז ער האָט אונז געקענט צווינגען צו גלויבען אין'ם סימוואָל מיט אזא קראַפט, אז מיר זאָלען אין'ם סימוואָל זעהן עפּעס רעעלעס. כדי צו האַלטען אונז אין דער סימוואָלישער אַטמאָספער פון דער דראַמא, האָט איבסען מיט אַ וואונדערבאַרען טאַלענט פערשטאָפּט אַלע טירען און לעכער, אז קיין איין ווינטעל פון געזונדען מענשענפערשטאַנד און געוועהנליכען לעבען זאָל ניט אריינרייסען זיך אין דעם סימבאָלישען געבוי; ווען דאָס זאָל מעגליך זיין, וואָלט מיט אמאָל דער צויבער פערשוואונדען. זאָל נור איינער פון די פערזאָנען בעמערקען, אז דאָס איז גאָרניט קיין סמן פון אַ גרויסען מענשען, צי קען ער רוהיג אַרויפשטייגען אויפ'ן שפּיץ פון טורעם צי ניט — און די שטימונג און סימוואָליק פון'ם ווערק וואָלטען צושאָטען געוואָרען. אָבער דער אוטאָר איז פאָרזיכטיג, און איהר זייט די גאַנצע צייט אין זיין וועלט, ניט האָבענדיג קיין מוט צו פרעגען קשיות אָדער קומען צו זיך.

הילדאַ וויל דערהויבען סאָלנעס'ען איבער די נידריגע געדאַנקען און אינטערעסען, אין וועלכע ער איז פערזונקען, איידער ער פּרואווט פיזיש אויפהויבען זיך, שטעלען אַ פוס אויף דער ווייטער הויך. דעריבער דערשרעקט זי זיך, הערענדיג, ווי מיאוס ער איז זיך בעגאַנגען מיט ראַגנאַר'ן. זיינע ווערטער מאַכען אויף איהר אַ שווערען איינדרוק. זי זאָגט: „איהר ווילט ביי מיר צונעמען דאָס לעבען, צונעמען דאָס, וואָס מיר איז טייערער פון לעבען?" אָבער וואָס איז טייערער ביי איהר פון איהר לעבען? „זעהן אייך אין אייער אמת'ער גרויס, — ענטפערט זי. — זעהן אייך מיט'ן קראַנץ אין האַנד, הויך, הויך, אויף דעם קירכענטורעם".

דאָס זיינען ניט נור רייד; הילדאַ וועט זיך ניט בערוהיגען, ביז זי וועט ניט דערזעהן איהר סאָלנעס'ען, דעם אַמאָליגען. זי גיט איהם אַ בליישטיפט און הייסט איהם שרייבען וואַרימע ווערטער ראַגנאַר'ן, וועלכען ער האָט אַזוי לאַנג געפּייניגט. סאָלנעס

אליין איז ניט פעהיג צו אזא גרויסמוטיגקייט, אָבער הילדא איז יענע קראפט, וואס דערהויבט איהם איבער'ן זומפּ פון טאָג־טעג־ליכע קליינינקייטען.

הילדא ווערט אַלץ נאָהענטער מיט סאָלנעס'ען, ער קען פון איהר ניט אָברייסען זיך און ווי זאָל ער זיך בעגעגנען מיט איהר, מיט איהר, וועלכע ער האָט געזעהן ביז איצט נור אין חלום, אויב ניט אין די אָרעמס פון טויט? דער טויט פעראייניגט די צוויי זעעלען.

אין אָנהויב פון זיין בוימייסטער־קאריערע האָט סאָלנעס גע־בויט קירכען: ער שטאַמט פון א פרומער, פויערישע פאמיליע און האָט ניט פאַרגעשטעלט זיך, וואָס קען זיין העכער פון א קירכע. האָבענדיג פערלאָרען זיינע קינדער, האָט סאָלנעס פּלוצלונג פער־שטאַנען, אז ער דארף איצט בויען הייזער, ווארימע, גוטע הייזער, פאַר די מענשען. ענדליך איז געקומען יענער מאָמענט אין זיין לע־בען, ווען איהם האָט זיך אויסגערוכט, אז

„עס לוינט זיך ניט צו בויען הייזער פאַר מענשען; מענשען דארפען ניט קיין הייזער, כדי צו זיין גליקליך.“ ער אליין דארף קיין הויז ניט. איצט גלויבט ער נישט אין דער מעגליכקייט פון גליק אויף דער ערד און אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען וויל ער נעמען זיך בויען דאָס איינציגע, וואָס קען בעגרינדען דאָס מענשליכע גליק — יענער לופט־שלאָס, וועלכען הילדא מאָנט ביי איהם.

— איך האָב מורא, אז אייך וועט זיך פערדרעהען דער קאָפּ, נאָך איידער איהר וועט דערגעהן צום מיט־וועג.

— קיינמאָל ניט, אויב איך וועל געהן מיט אייך האַנד אין האַנד, הילדא.

„טו לאָזט מיר זעהן אייך א פרייען אין דער הויך!“

צי זיינען נויטיג פּרושים צו אַזעלכע ווערטער? אַלעס איז אזוי קלאָר, אז עס קען פערשטאַנען ווערען בוכשטעבליך, און ריה־רען אפילו א קינד, און אין דערזעלבער צייט האָט עס עפּעס א טיפערען, בעהאַלטענעם זין. סאָלנעס האָט געוואָלט, אז הילדא

זאָל וואוינען ביי איהם אין׳ם העכסטען טורם פון זיין נייעם הויז, אָבער זי האָט זיך בעקענט מיט זיין ווייב און איהר „געזונד“ גע־ וויסען האָט אָנגעהויבען צו מאַטערען איהר, אַזוי ווי איהם: זי האָט בעשלאָסען, אז זי האָט ניט קיין רעכט אויף גליק, ווייל אויפ׳ן וועג צווישען איהם און איהר שטעהט אַן אַנדער פרוי, וואָס דער־ וועקט אין איהר דאָס געפיהל פון רחמנות. גליקליך קענען זיי זיין ניט אויף דער ערד, נור אין די לופטשלעסער פון זייער זעעל.

סאָלנעס׳עס ווייב, אַלינא, איז אַן איינפאַכער מענש, א דער־ שראָקען און רעליגיעז בעשעפעניש. זי איז אייפערזיכטיג, ערפילט איהרע פליכטען און האַלט פון פליכטען. זי איז אָפט גאַנץ אונ־ נאַטירליך: איבסען וויל אונז, צום ביישפיעל, איינרעדען, אז ניט דער טויט פון איהרע קינדער האָט איהר ערשיטערט, די קינדער איז גוט אין הימעל, נור דעם שטאַרקסטען איינדרוק האָט אויף איהר געמאַכט דאָס, וואָס זי האָט פערלאָרען אַלע פופען פון איהר קינד־ הייט, וואָס זיינען פערברענט געוואָרען אין דער צייט פון דער שריפה. איהר נאַרישקייט און אונגעלומפערטקייט האָט איבסען פעראייביגט אין דער וואונדערבארער, קאָמישער בעמערקונג איה־ רער וועגען קאַיאַ, וואָס ציטערט פון ליעבע און איבערגעבענהייט: „אַ, גאָט, ס׳אָרא אויגען זי האָט!“ אַלינא, סאָלנעס׳עס ווייב, האָט עפּעס ווי איין מיסיאָן אין דער וועלט: צו זיין אַ שטערונג, זי שטערט סאָלנעס׳ען, זי שטערט הילדאַ׳ן, אָבער אין אמת׳ען שפּילט זי אַ קליינע ראָל אין די דראַמאַטישע בעציהונגען צווישען סאָל־ נעס׳ען און הילדאַ׳ן. דאָס גאַנצע ליכט, וואָס איז צוגאָסען אי־ בער דער פּיעסע, שטראָמט ארויס פון הילדאַ׳ס געשטאַלט. הילדאַ האָט אין זיך מעהר גלאַנץ, מעהר פרישקייט, מעהר אָריגינאַליטעט, ווי וועלכע ניט איז פרויען־געשטאַלט, וואָס איז בעשאַפען געוואָרען פון אַ היינטיגען דיכטער. הילדאַ איז איינע פון די פּאָעטישסטע געשטאַלטען, וואָס איבסען האָט געמאָלען. „סאָלנעס“ איז איב־ סען׳ס בעדייטענדסטע ווערק אפשר, וואָס איבערראַשט אונז מיט זיין נאַטירליכקייט און אין דערזעלבער צייט מיט זיין אונגאַטיר־ ליכקייט.

זייט איבסען האָט זיך אָבגעזאָגט פון דער מאַניר און סור־ זשעטען פון זיין יוגענד, הערט די קריטיק ניט אויף צו רעדען וועגען זיין נאַטוראַליסטישקייט: אַנדערע לויבען איבסען'ען דעם נאַטוראַליסטען, אַנדערע זידלען איהם. די סימוואָליסטען פיהרען אַ הייסע מלחמה מיט די נאַטוראַליסטען, אָבער אַזעלכע עפּיטעטען האָבען קיין ווערט ניט; צו איבסען'ען קענען זיי ניט אָנגעווענדעט ווערען. אין'ם משך פון גאַנצע צוואַנציג יאָהר פון זיין ליטעראַרישער ארבייט איז ער געווען אי נאַטוראַליסטיש, אי סימוואָליסטיש. זיין כאַראַקטער צווינגט איהם צו מאָלען די ווירקליכקייט און אין דער זעלבער צייט אויך דאָס מיסטישע.

טאַקי דערפאַר, וואָס אין דער טיפעניש פון זיין נאַטור און דעריבער אויך אין זיינע דראַמען זיינען בעהאַלטען אַזוי פיעל רעטענישען און געהיימניסען, מוז איבסען ווידערהאָלען זיך, אונטערשטרייכען, בענוצען זיך מיט פאַרבינע, שרייענדיגע פערגלייכען; אַנדערש וואָלטען מיר איהם ניט פערשטאַנען. זיין דיכטונג איז, ווי ער אליין, טריי דער ווירקליכקייט, אָבער ער איז אויך דיכטער און דעריבער זעהט ער און מאָלט ער די ווירקליכקייט אין אַ טיפערען ליכט און בעלייכטונג. איבסען איז סקעפּטיש, ער האָט אָבער אויך פאַנטאַזיע. פיהלסט דעם דורכדרינגענדען סקעפּטיציזם פון'ם דענקער, וואָס צונעהמט אַלעס, וואָס עקזיסטירט און איז אָנערקענט, וואונדערסט זיך, ווי מוטיג זיין קריטיק איז און פרעהסט זיך, וואָס זיין פאַנטאַזיע הויבט זיך אויף אַזוי הויך און זיכער.

נאָך סאָלנעס'ען, וואָס איז אפשר דער קולמינאַציאָנס־פּונקט פון דער ענטוויקלונג פון איבסען'ס טאַלענט, קומט „דער קליינער עיאָלף". די דראַמאַ איז די טרויריגסטע פון אַלע דראַמען, וואָס איבסען האָט געשריבען. דער ערשטער אַקט איז קאָנסטרואירט זעהר גוט; די שפּעטערע קענען שוין ניט מאַכען אויף אונז אַזא שטאַרקען איינדרוק, ווייל דער ערשטער אַקט פערענדיגט זיך מיט'ן טויט פון'ם קינד, וואָס איז די צענטראַלע פיגור פון דער דראַמאַ.

כאראקטעריסטיש פאר'ן „קליינעם עאָלף" זיינען די פאָלגענ־דע ווערטער:

ריטא: מיר זיינען דאָך ערדישע מענשען.

אַלמערס: אָבער מיר זיינען אויך נאָהענט צום הימעל און ים, ריטא.

אין די דאָזיגע ווערטער האָבען מיר די קווינט־עסענץ פון איב־סען'ס מיינונגען וועגען דער מענשליכער נאַטור.

אין'ם „קליינעם עאָלף" בעגעגענען מיר אָפט דעם אויסדרוק: „דאָס געזעץ פון ענדערונגען". א נייע, טיפזיניג וואָרט האָט איבסען אויסגעשמידט. אַלע מענשליכע בעציהונגען ענדערען זיך. אמאָל האָט דאָס געהייסען ניט ענדערונגען, נור מעטאַמאָרפאָזען; די עלטערע מיפאָלאָגיען דערצעהלען פיעלעס וועגען מעטאַמאָרפאָזען. אין'ם „קליינעם עאָלף" האָט איבסען פאָעטיש פערקערפערט דעם פראָצעס פון ענדערונגען, וואָס איז כאראקטעריסטיש פאר'ן לעבען. געוועהנליך זאָגט מען, אז אַלעס, וואָס לעבט, איז אונטערוואָרפען דעם געזעץ פון ענטוויקלונג. אָבער דאָס וואָרט ענדערונג איז טי־פער און גיט ריכטיגער איבער די ווירקליכקייט, ווי ענטוויקלונג. ענדערונג איז אַלץ, אי ענטוויקלונג, אי איינגעשרומפטקייט, אי די פאָרווערטס בעוועגונג, אי די בעוועגונג אין דער ענטגעגענגעזעצ־טער ריכטונג. אין'ם „קליינעם עאָלף" זעהען מיר, ווי מענשליכע געפיהלען ענטשטעהען, פערגעהען, קומען אויף און קומען אום אין א נייער פאָרם.

יעדעס מאָל, ווען עפּעס א געשעהעניש רייסט זיך אריין אין אונזער לעבען, ענטשטעהט א דאָפּעלטע פראַגע. ערשטענס פרעגען מיר וועגען דער אורזאַכע פון'ם געשעהעניש; מיר ווילען וויסען, ווער איז דער שולדיגער, טעאָלאָגיש גערעדט, אָדער ווער איז דער פעראַנטוואָרטליכער, — מאָראַליש־יורידיש גערעדט. דערצו ווי־לען מיר אויך וויסען וואָס פאר א בעדייטונג דאָס געשעהעניש האָט פאר אונז אדער קען האָבען.

אזא געשעהעניש אין'ם לעבען פון די העלדען פון דער דראַמא אין'ם „קליינעם עאָלף" איז עאָלף'ס טויט. די אורזאַכע, די שולד,

די פּערזאָנען ווערט אין דער דראַמע געמאָלט אַזוי: מאַן און ווייב נעמען זיך אַרום, פערגעסען אַן עיאָלף, דאָס קליינע קינד־ פאַלט און ווערט אַ קריפּעל אויפ'ן גאַנצען לעבען. שולדיג זיי־ נען די עלטערען, זייער זינדיגער אימפּולס. איבסען שטעלט פאַר דאָס געזונדע ליעבעס־פערהעלטניס צווישען מאַן און ווייב אין אַזאַ ליכט, אַז מיר ווערען עמפּערט פון „די ערדישע מענשען" און נאַטירליכע ליידענשאַפטען, ווי טאָלסטאָי. ביי איבסען'ען איז שטענדיג אַזוי: ער פערטיידיגט דאָס נאַטירליכע און אין דערזעל־ בער צייט שמייסט ער אַלעס נאַטירליכע מיט'ן בייטש פון זיין שטרענגער, מיסטישער מאָראַל. אַמאָל האָט די אויבערהערשאַפט דאָס נאַטירליכע, אַמאָל דאָס מאָראַלישע. אין „סאָלנעס" און „גע־ שפּענסטער" פיהלט זיך שטאַרקער איבסען דער פערעהרער פון נאַ־ טור און אַלעס נאַטירליכען; אין „בראַנד" און „ווילדער ענטע" — דער מאָראַליסט.

וויכטיג איז אויך די בעדייטונג פון אַזאַ געשעהעניש, ווי עיאָלף'ס טויט. אונז קען זיך דוכטען, אַז אַזאַ קלייניגקייט קען פיה־ רען נור דערצו, אַז פאָטער און מוטער זאָלען זיך פיהלען שולדיג, זאָלען פיינינען איינער דעם אַנדערן, אַרויפוואַרפען די שולד איינער אויפ'ן אַנדערען. אָבער געשעהענישען האָבען נור דעם זין, וועל־ כען מיר לעגען אַריין אין זיי. עיאָלף'ס טויט ווערט בעדייטונגס־ פול אַ דאַנק ריטאַ'ס אינערער בעפרייאונג. איהר פערזענליך אומ־ גליק האָט געעפענט איהרע פון ליידענשאַפט פערבלענדעטע אוי־ גען. עס שטעלט זיך אַרויס, אַז דער קליינער עיאָלף האָט ניט אומ־ זיסט געלעבט און איז ניט אומזיסט געשטאָרבען, אויב זיין טויט האָט געבראַכט דערצו, אַז ריטאַ און אַלמערס זאָלען נעמען טראַכ־ טען וועגען אומגליקליכע קינדער, פרעמדע קינדער.

שאַרפער און נאַטירליכער פון אַלע פערזאָנען אין'ם „קליינעם עיאָלף" איז געמאָלען ריטאַ. נור אַ גרויסער קענער פון'ם מענשליכען הארץ האָט געקענט בעשאַפען דעם דאָזיגען טיפּ פון אַן אייפער־ זיכטיגער פרוי. אַלמערס אינטערעסירט אונז וועניגער; ער איז ראַפינירטער פון ריטאַ'ן, אָבער אין דערזעלבער צייט שוואַכער,

אונפּרוכטבּאַרער, סענטימענטאַלער פון איהר. ער האָט ניט איהר גרויסמוט, ער איז ווי פערנומען מיט זיין טרויער, איז אונווירדיג קליינליך, ווען ער פאַלט אָן אויף דער אומגליקליכער פרוי.

פון אַנדערע פּערזאָנען, וואָס פיגורירען אין׳ם „קליינעם עאָלף" מאַכט אַ גרויסען איינדרוק די ראַטענפאַנגערין, אַ פאַנטאַסטישע גע־שטאַלט, וואָס פערקערפּערט דעם טויט. די געשטאַלט איז פון אַן אַלטער זאַגע, איהר קענט זי ניט פערגעסען. די סצענע אין וועל־כער זי טרעט ארויס, איז אונענדליך פאַנטאַסטיש און ערשיטערענד.

אין׳ם יאָהר 1896 איז ערשינען אַ נייע דראַמאַ איבסען׳ס, „דזשאָן גאַבריעל באָרקמאַן". באָרקמאַן איז דער זוהן פון אַ בערג־ארבייטער, וועלכען עס האָבען צעשווינדערט די רייכע אוצרות, וואָס זיינען בעהאַלטען אין די בערג. נאָך זייענדיג אַ קינד, האָט ער גע־הערט זינגענדיג דעם רויהען מעטאַל, וועלכען מען האָט אויסגעגראָ־בען פון די טיפע שאַכטען. געפרעהט האָט זיך דאָס רויהע מעטאַל, וואָס עס קען ארויסגעהן אויף גאָט׳ס וועלט, — און שוין פון די ערשטע יאָהרען פון זיין לעבען האָט באָרקמאַן אָנגעהויבען צו חלום׳ען וועגען דעם, אז מען זאָל בעפרייען אַלע אוצרות, וואָס זיי־נען בעהאַלטען אין די טיפענישען פון דער ערד, פון די בערג, וועל־דער און ים. ער האָט געוואָלט דערוועקען אַלע פערשלאָפענע גייס־טער פון׳ם עדלעם גאָלד. איהם האָט געצויגען צו בעפרייען די אַלע אונענדליכע רייכטימער, וואָס זיינען צוזאַמענגעוואָרפען איבער׳ן לאַנד, בעהאַלטען טיף אין די בערג און בעטען זיך, מען זאָל זיי עפענען די טויערען פון לעבען. ער האָט געוואוסט, אז זייער קול דערגעהט נור צו איהם. און ער האָט ליעב געהאַט די אַלע רייכטימער, ליעב געהאַט די מאַכט און כבוד, וואָס זיי גיבען.

ווייל אזוי ווי די אוצרות בעהאַלטענע, איז אויך ער געווען פערצויבערט, פער׳כשופ׳ט פון דער קראַפט, וואָס הענגט איבער איהם. ער האָט געוואָלט נעמען אין זיינע הענד אַלע קוואַלען פון מאַכט אין לאַנד, ווערען אַ מאַכט אַליין און אַ קוואַל פון גליק פאַר טויזענדער מענשען.

אזוי ערקלערט זיין לעבען און צילען באָרקמאַן. אין אמת׳ען

אָבער איז דער עיקר ביי איהם געווען צו דערגרייכען מאַכט, זיין אַקטיוו, און פון די אינטערעסען פון די טויזענדער האָט ער זיך ניט אזוי שטארק געמאכט. אָנגעהויבען האָט ער דערמיט, וואָס ער האָט געאָפּפערט מיט'ן גליק פון דער געליבטער פון זיין יוגענד, כדי דורכצוברעכען זיך אַ וועג צו מאַכט, און האָט איהר אָבגעגעבען אַ מענשען, אין וועלכען ער האָט זיך געגוויטיגט. כדי צו דערגרייכען זיין צוועק האָט ער געשטעלט אין קאַן אַלעס, מיט וואָס ער האָט זיך געקענט בענוצען אַלס דירעקטאָר פון באַנק: די קאַפּיטאַלען פון באַנק, דאָס פערמעגען פון זיינע פריינד און קרובים, די אָבגעשפּאָרטע געלדער פון זייטיגע, אפילו די איהם פערזענליך פערטרויטע סומען: אָבער ווען זיין פערעטערישער פריינד האָט ענטדעקט דאָס אזאַרט־שפּיל, וועלכען ער שפּילט, האָט ער געמוזט ביטער בעצאָהלען פאַר זיין מוט און אַמביציאָנען: ער איז אָבגעזעסען אַכט יאָהר אין געפענגניש און נאָך אַכט יאָהר אָבגעלעבט אליין, אָן אַ זייט פון יעדער געזעלשאַפט.

באָרקמאַן איז אַ דיכטערישע נאַטור. אין די יאָהרען פון איינזאַמקייט איז פון דעם געבאָרענעם דיכטער געוואָרען אַ וויזיאָנער. ער האָט אויפגעהערט צו לעבען אין דער ווירקליכקייט; ער האָט זיך איבערגעטראַגען אין אַ וועלט פון חלומות און פאַנטאַזיען. ער האָט זיך איינגעגלויבט, אַז דער טאָג פון זיין דערהויבונג איז נאָהענט, אַז ביסלעכווייז וועט די וועלט איהם אָנהויבען צו פערשטעהן, אַז מען קען זיך ניט בעגעהן אָהן איהם און באַלד, באַלד וועט מען אַ קלאַפּ טהון אין טיר און רופען איהם. הערט ער דעם קלאַפּ, דוכט זיך איהם, אַז מען געהט, הויבט ער זיך אויף, שטעלט זיך אין אַ פייערליכער פּאָזע, אויפצונעמען די דעפּוטאַציאָן.

באָרקמאַן איז דערזעלבער סאָלנעס, וועלכען דאָס גליק האָט פערראַטען; ער איז בערניק אָהן בערניק'ס נידריגקייט און היפּאָקריטישקייט; ווי בערניק האָט ער געאָפּפערט מיט'ן גליק פון איין שוועסטער, כדי מיט דער הילף פון דער אַנדערער צו בעקומען געלד און מאַכט. (אינטערעסאַנט איז, אַז אָפט האָט איבסען ליעב ארויסצופיהרען צוויי שוועסטער) באָרקמאַן דערמאָנט ערטערווייז „די

ווילדע ענטע". באַרקמאַן'ס פאַנטאַזיען זיינען עהנליך צו דער פאַנ־טאַזיע פון'ם אַלטען אויפ'ן בוידעם; באַרקמאַן אַליין פערגלייכט זיך מיט אַ קראַנקען, אונטערגעשאָסענעם פויגעל.

אָבער איז טאַקע באַרקמאַן ווירקליך גרויס? לויט איבסען'ס מיינונג, ווייזט אויס, האָט איהם די נאַטור בעשאָנקען מיט גרויסע טאַלענטען. דאָס זאָגט באַרקמאַן אַליין, אָבער ער איז שטאַרק איי־טעל. קיינער פון די אַנדערע מענשען, וואָס פיגורירען אין דער דראַמאַ, איז ניט געניינט צו האַלטען באַרקמאַן'ען פאַר אַ געניאַלען. מיר מוזען איהם גלויבען אויפ'ן וואָרט; אודאי קען אַ טאַלענט־פולער אַרטיסט מיט זיין שפּילען איבערציינגען אונז, אַז באַרקמאַן איז גרויס. אָבער דער אוטאָר האָט דאָס ניט געטהון. איך גלויב ניט באַרקמאַן'ען, און איז דער צושויער ניט זיכער, אַז ער האָט צו טהון מיט אַ גרויסען, ניט־פערשטאַנענעם מענשען, מוז זיין סימ־פּאַטיע צו באַרקמאַן'ען שטאַרק אָבגעשוואַכט ווערען. אמת, ער זאָגט, אַז ער איז אַן אויסנאַמס־מענש און דעריבער מעג ער זיך ערלויבען דאָס, וואָס אַנדערע איז ניט ערלויבט: ער רעדט וועגען דער שטראָף, וואָס „ליגט ווי אַ לאַסט אויף אונז, די אויסגעוועהלטע מענשען", וועלכע ווערען ניט פערשטאַנען פון דער מיטעלמעסיג־קייט. באַרקמאַן דערצעהלט אונז, אַז ער וואָלט אויפגעטהון עפּעס אונגעוועהנליכעס, אויב דאָס און דאָס וואָלט געשעהן. דער גע־ניאַלער מענש זאָגט קיינמאָל נישט „אויב" און „ווען". אַזוי רעדען נור יענע ניט איינגעגעבענע שלימעזאַלניקעס, וואָס האָבען ניט קיין טאַלענט, קיין אַמביציאָן, יענע האַלב־טאַלענטען, וואָס מעהרען זיך אַזוי שטאַרק היינטיגע צייטען, און גלויבען, אַז זיי האָבען אַ רעכט צו זיצען אויבען־אָן נור דערפאַר, וואָס זיי ווילען זיצען וואָס הע־כער.

אפשר וועלען אַנדערע ניט זיין אַזוי עמפּפינדליך צו דער הויל־קייט פון קלאַנג, וואָס הערט זיך אין אַלע טיראַדען באַרקמאַן'ס. אַ קריטיקער האָט אַן אַנדער אויער, זיין שיקזאַל איז צו פערברענגען זיין גאַנץ לעבען צווישען פערוואונדעטע און קראַנקע אייטעלקיי־טען און הערען פון אַלע זייטען נאַרישע בערימערייען, איבערטרי־

בענע רייד פון אין זיך פערליבטע מענשען. א קריטיקער וועט קיינמאָל ניט אנערקענען די געניאַליטעט פון א מענשען, וואָס האָט אין זיך קיין געניאַליטעט ניט אויסער דער עגאָאיסטישקייט, אונ־רחמנות׳דיגקייט און גלייכגילטיגקייט צו אנדערע, וואס ווערט נע־וועהנליך בעטראכט אלס סמן צו געניאַליטעט. אין אמת׳ען אבער מוז ניט א געניאַלער מענש דוקא זיין עגאָאיסטיש און אונ׳רחמנות׳־דיג. פיעלע געניאַלע מענשען זיינען אין דערזעלבער צייט געווען גוטע, הארציגע מענשען.

עס איז אינטערעסאַנט צו דערגעהן, צי האלט איבסען באַרק־מאַן׳ען טאַקי ווירקליך פאַר א געניאַלען מענשען. אין איינציגע ער־טער גיט דער דיכטער אונז קלאָר צו פערשטעהן, אז באַרקמאַן איז וויט פון א געניאַלען מענשען, געניאַלע געשעפטסלייט האָבען ניט קיין געוואוינהייט צו פערטרויען זייערע געהיימניסען פריינד, אויף וועלכע מען קען זיך ניט פערלאָזען. באַרקמאַן טהוט דאָס. עס ווערט אונז טרויעריג — און דאָך אביסעל קאָמיש, — ווען מיר הערען באַרקמאַן׳ען רעדענדיג, אז ער פיהלט, דאָס ער איז „א נאַ־פּאָלעאָן, וואס איז שוין פון דער שלאַכט ארויסגעגאַנגען א קרי־פעל" און פערגלייכען דאָס מיט די רייד פון אָרעמען דיכטער און אמאָליגען בעלעטריסט, וואס זאָגען אז זיי פיהלען דאָסזעלבע. צווי־שען זיי איז פאַרהאַן איין קליינער אונטערשיעד: דער אָרימער דיכ־טער האָט צייטענווייז „א שרעקליכען צווייפעל", א מורא, אז ער האָט פערדארבען זיין לעבען א דאַנק א נארישער פאַנטאַזיע, אנ־דערש איז דאָס מיט באַרקמאַן׳ען. ער האָט אין די גוטע צייטען געצווייפעלט אין אייגענעם גליק, אָבער קיינמאָל ניט אין זיינע איי־גענע פעהיגקייטען, און נאָך ווייניגער אין זיינע רעכט אזוי, אז ער, וואָס האָט געטויט אין׳ם אנדערען מענשען א זעעלע, האָט דאָך דעם מאַט צו ערקלערען מיט זיכערקייט: „איך בין קיינמאָל צו קיינעם ניט געווען אומגערעכט". אָבער איז ער.אויך געווען אמאָל אומ־גערעכט, האָט ער זיין שולד איינגאַנצען אויסגעקויפט.

עס האָט זיך געקענט דוכטען, אז אין׳ם לעבען פון דעם באַנ־קראָטירטען באַנקיר קען גאָרנישט געשעהן. און דאָך דערצעהלט

אונז איבסען פון קאטאסטראפען: יאהרען לאנגע האבען זיך די צוויי שוועסטער, בארקמאן'ס ווייב גונהילדא און די געליעבטע פון זיין יוגענד עלא רענטגער, קיינמאל ניט געזעהן. יאהרען לאנגע האט בארקמאן ניט בעגעגענט זיך מיט עלא'ן. יאהרען לאנגע האט ער אויך ניט געזעהן זיין ווייב, וואס וואוינט צוזאמען מיט איהם אין דעמזעלבען הויז. זי האט איהם פיינד און פיהלט פעראכטונג צו איהם, צום מענשען, וועלכער האט געשענדעט איהר נאמען, דעם נאמען פון זיין זוהן און זיין אייגענעם. אין'ם ערשטען אקט בע־געגענען זיך די צוויי שוועסטער, אין'ם צווייטען — עלא און בארק־מאן, אין'ם דריטען רעדען צום ערשטען מאל בארקמאן און זיין ווייב. ס'ארא מייסטערהאפטע סצענען:

אין דער דראמא קומט נאך פאר א בעגעגניש צווישען עלא'ן און בארקמאן'ס זוהן, ערהארד'ן, וועלכען זי האט אין דער קריטי־שער פאר דער פאמיליע צייט גענומען צו זיך און ערצויגען, ווי אן אייגען קינד, ביז די מוטער איז ניט געקומען פאדערן איהר זוהן: דאמאלס איז ערהארד אלט געווען פערצעהן יאהר; איצט איז ער שוין א יונגערמאן פון 23 יאהר און איז די צענטראל פיגור אין דער פיעסע. צוליעב'ן קינד פיהרען א קאמפףביידע שוועסטער, ביידע זיינען אייפערזיכטיג אויפ'ן קינד, יעדע איינע טענה'ט, אז דער זוהן איז איהר זוהן. די שטרענגע מוטער האט איהם ליעב אהן א סוף און האט בעשלאסען, אז ער מוז ווערען א גרויסער מענש און שפּילען אין לאנד אזא ראל אז יעדער איינער זאל פערגעסען אן דער שאנדע, וואס דער פאטער האט אנגעטהון דער פאמיליע; די שטאלצע, גרויסמוטיגע שטיף־מוטער קומט צום אראפּטירטען זוהן אויפ'ן שוועל פון טויט, כדי צו דערלעבען מיט איהרע אייגענע אויגען צו זעהן נחת אין איהם; זיין גליק איז העכער פון אלץ אין איה־רע אויגען. ביטער קעמפפען ביידע שוועסטער פאר'ן זוהן: יעדע מאנט זיין ליעבע, יעדע וויל איהם האבען אויף איהר זייט. צום זוהן האט טענות אויך דער פאטער: ער אליין איז שוואך, ער האט פערלארען א לעבען, איצט וויל ער ווידער ארויפשווימען אויף דער

איבערפלאַך פון׳ם לעבענס־ים און בעט זיין זוהן איהם זיין בעהילפיג.

מיט די בעציהונגען צווישען עלטערען און קינדער בעזונדערס צווישען פאַטער און זוהן, האָט זיך איבסען פעראינטערעסירט שוין מיט יאָהרען צוריק. אין „די זיילען פון דער געזעלשאַפט" איבערציינט זיך בערניק ערשט דאַמאַלס, ווען ער האָט פערלאָרען זיין זוהן, אז אייגענטליך קיינמאָל איז ער ניט געווען זיינער. אין׳ם „קליינעם עאָלף" הערען מיר עהנליכע, גאַנץ אונפערשטענדליכע ווערטער, אז זייער עאָלף איז קיינמאָל ניט געווען זייער אייגענער. די עלטערען איז ער געווען פרעמד.

דאָסזעלבע ווידערהאָלט זיך אויך אין „באָרקמאַן׳ען": דער זוהן געהערט קיינעם נישט, ניט דער מוטער, ניט דער שטיף־מוטער, ניט דעם פאַטער. אין די פריהערע פּיעסען זיינען שולדיג אין דער דאָזיגער פערפרעמדקייט נור די עלטערען; אין דער לעצטער דראַמאַ ווערען די דאָזיגע בעציהונגען אויסגעפאָרשט מיט א גרעסערער טיפקייט און פון אן אנדער שטאַנדפּונקט. ווי אלמער׳ס אין׳ם „קליינעם עאָלף", האָט ערהארד׳ס מוטער אין זין געהאט ניט איהר זוהן, נור איהרע אייגענע צילען; דער זוהן איז געווען א געצייג אין איהרע הענד; מיט זיין פערזענליכקייט האָט זי זיך גאָרנישט גערעכענט. און דאָך זיינען דער עלטערען ערהארד׳ס, בעזונדערס זיין שטיף־מוטער, טיפערע, העכערע נאַטורען, ווי זיין זוהן. ערהארד איז א נישטיגער מענש, ער וויל נור לעבען, א גוטען טאָג לעבען און ער הערט זיך גאָרניט צו צו די טענות פון די עלטערען. ער וויל ניט ווערען געניאַל לויט זיין מוטער׳ס ווואונש, אָבער ער וויל אויך ניט ארבייטען, ווי דער פאַטער האָט בעשטימט; ער וויל אפילו ניט שענקען דער טויט־קראַנקער מוטער א פּאָר מאָנאַטען, כדי צו פערברענגען מיט איהר די לעצטע טעג פון איהר לעבען. ער האָט שוין ענטשלאָסען זיך: ער וויל אנטלויפען ערגעץ ווייט־ווייט מיט דער שעהנענקער פרוי ווילטאָן, וואָס סימוואָליזירט מיט זיך א נידריגע, רויהע לעבענספריידיגקייט.

ווי מייסטערהאַפט איז געמאָלט די פרוי מיט א פּאָר בלייפע־

דער־שטריכען. ווי כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס זי האָט ניט איין מאָל געמוזט ענטפערען אי יאָ אי ניין. ווי פיין האָט איבסען בעמערקט אזא שטריך: זי איז שוין א דאַמע אין די באַלזאַק־יאָהרען, דאָס הייסט, זי איז שוין עלטער פון דרייסיג יאָהר; אָבער רעדענדיג מיט ערהאַרד'ס מוטער, רעדט זי זיך אַרויס, אַז „זי האָט איהם ניט איין מאָל דערמאָנט, אַז זי איז עלטער אויף זיבען יאָהר פון איהם," פון דעם דריי־און־צוואַנציגען ערהאַרד'ן. זי האָט פערלייקענט א פאָר יאָהר. איהר פּראַקטישע חכמה דריקט זיך אויס אין די ווערטער, אין וועלכע זי דערצעהלט דער מוטער, אַז זי נעמט די יונגענקע פריילין פאַלדאַל מיט זיך אויף יעדען פאַל: „ווען ערהאַרד וועט פאַרטיג ווערען מיט מיר — און איך מיט איהם, — וועט פאַר אונז ביידע זיין גוט, אויב איהם, דעם אָרימען יונג, וועט בלייבען עפּעס, עמיצער... איך וועל זיך שוין ווי עס איז איינאָרדנען, זייט רוהיג." עס איז שווערער צו כאַראַקטעריזירען א פּערזענליכקייט אין א לאַנגען ראָמאַן פולער, ווי זי ווערט דאָ כאַראַקטעריזירט אין עטליכע קורצע רעפּליקען.

מאָנומענטאַל־זיכער זיינען געמאָלען אויך אַלע אַנדערע פּערזאָנען, וואָס פיגורירען אין דער פּיעסע. געבויט איז די דראַמא אונגעוועהנליך גוט. זי דערהויבט זיך מיט איהרע פיער שטאָק, ווי אַן אייזערנער געבוי אויף א גראַניט פונדאַמענט, א פעסטע און שטאַרקע, א קלאָרע און דורכזיכטיגע. פון אָנהויב ביז'ן סוף איז די דראַמא אָנגעהויכט פון איין שטימונג: די דאָזיגע שטימונג הערשט אין דעם אונטערשטען שטאָק, זי און אויך אין'ם שאָטען־לאַנד פון'ם העכסטען שטאָק; ענדליך דערפיהלט זיך דער פרייהייטס־ווינד, וואָס הויבט אָן בלאָזען אין'ם איינזאַמען צימער פון'ם אַנאַרכיסט, וואָס האָט זיך אָבגעריסען פון דער וועלט פון יאָהרען. דער דראַמאַטישער שטורם טראָגט זיך איבער דער גאַנצער פּיעסע. דער פולס פון דער פּיעסע קלאַפּט וואונדערבאַר שטאַרק, ווי אין טאַקט צום קלאַפּען פון פולס פון דער איינגאַנצען נאָך ניט רייף געוואָרענעם דיכטער. אינגליש־שנעל לויפט די פּיעסע אַלץ ווייטער און ווייטער, אָבער לויט דעם גייסט, וועלכען זי אָטעמט, איז דאָס ניט א ווערק

פון א יונגען מענשען. דאָס איז דער גייסט פון ווייזהייט, פון שטרענגער ווייזהייט, דער גייסט פון קלאָרער זאַנפטקייט, מיט גרויסער רחמנות קוקט דער דיכטער אויף מענשליכע פעהלערן; ער ווערט אויפגעבראכט פון דער פערשטיינערטקייט פון'ם מענשליכען הארץ און פערצייהט דאָך די אָרימע מענשען.

„סאָלנעס", „עאָלף", „באָרקמאַן" — דאָס זיינען די דראמען, וועלכע איבסען האָט אָנגעשריבען, האָבענדיג זיך צוריקגעקעהרט שוין פון אויסלאַנד אהיים. פון'ם יאָהר 1891 אָן זיצט איבסען אין נאָרוועגיען. אין דער יוגענד האָבען די נאָרוועגיער איהם ניט אָבגעשאַצט; איצט אין דער עלטער פערהערליכען זיי איהם און פערגעטערען איהם, אלס דיכטער, וואס האָט געמאכט אונשטערבליך זיין לאַנד.

די סקאַנדינאַווישע ליטעראַטור איז איצט שוין גאָר ניט יענע ליטעראַטור, וואס זי איז געווען דאמאָלס, ווען איבסען האָט געשריבען זיין „בראַנד" אָדער האָט מיט זיינע דראמען דורכגעשניטען נייע וועגען אין'ם לעבען פון זיינע צייטגענאָסען. אין נאָרוועגיען, ווי אויך אין דענעמארק און איסלאַנדיען, אין שוועדען און פינלאַנד האָט געבליהט א נייע, יונגערע ליטעראַטור, וואס צייכענט זיך אויס מיט פרישע, בעדייטענדע טאַלענטען. די סקאַנדינאַווישע לענדער קאָנקורירען איינע מיט דער אנדערער; יעדע וויל איבעריאָגען די אנדערע. עס קען אָבער קיין שום צווייפעל ניט זיין, אז די סקאַנדינאַווישע ליטעראַטור האָט ניט קיין גרעסער ווערק, ווי איבסען'ס דראמען. אויף איבסען'ען קען מען מעסטען די הויך, צו וועלכער די סקאַנדינאַווישע ליטעראַטור איז דערגאַנגען.

נאָכוואָרט

אַ פּערזענליכער שטאַנדפּונקט

.1898

איך וועל איצט ניט רעדען וועגען איבסען׳ס ווערק; איך האָב שוין ניט איין מאָל וועגען דעם גערעדט. איך וויל פּרואווען זיך ענטפערען אַליין אויף דער פּראַגע, פאר וואָס פערנעמט ער, אלס דענקער, אַזאַ גרויסען אָרט אין מיין לעבען. וואָס האָט ער מיר געגעבען? און וואָס בעשטעהט דאָס ספּעציפישע, וואָס פערבינדט מיך מיט איהם?

עס זיינען פאַראַן דריי פערשידענע גרופּען דענקער, מיט וועלכע יעדער שרייבער טרעט אריין אין געוויסע בעציהונגען: ערשטענס, זיינען דאָס יענע מענשען, וואָס זיינען שוין געוועזען אנערקענט, ווען דו האָסט אָנגעהויבען דיין ארבייט; זיי זיינען די קלאַסיקער, די מייסטער, יענע וואָס ווירקען אויף אייך און זיינען אייערע וועגווייזער. דערנאָך האָט יעדער בעציהונגען צו זיינע צייטגענאָסען, מיט וועלכע ער האָט זיך ענטוויקעלט אין איין ריכטונג, שטעהענדיג אויף דערזעלבער הויך, וואָס זיי; אויף צייטגענאָסען האָסט דו אַ ווירקונג און זיי ווירקען אויף דיר. ענדליך זיינען די אינגערע שרייבער געוועהנליך אונטער דיין ווירקונג און דיר גיבען זיי גאַרנישט.

צווישען די מענשען, וועלכע איך האָב פּערזענליך געקענט, געהערען אַנדערסאָן און פּאַלודאַן־מולער צו דער ערשטער גרופּע, די יונגערע סקאַנדינאַווישע שרייבער — צו דער לעצטער. פאַרוואָס איז דאָס, אַז איך הויב אָן צו טראַכטען וועגען די צייט גענאָסען, וואָס האָבען געווירקט אויף מיר, טראַכט איך פריהער פון אלע וועגען איבסען׳ען? איבסען איז ניט דער איינציגער פון די מאָדערנע שרייבער, וואָס האָבען געהאַט אַ ווירקונג אויף מיר. איך האָב זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט אַזעלכע פראַנצויזישע שרייבער, ווי די דראַמאַטורגען דומאַ און אָזיע, די דענקער טען און רענאַן, בעלעטריסטען ווי זאָלאַ און דאָדע. אַ שטאַרקען איינ־

דרוק האָבען אויף מיר געמאַכט אַזעלכע מענשען, ווי סטיוּאַרט מיל, דאַרווין און סווינבורן אין ענגלאַנד, פּאָול הייזע און פריד־ריך ניטשע אין דייטשלאַנד, ה. ברעכנער און יוליוס לאַנגע אין דענעמאַרק.

איינינע יאָהר בין איך יוליוס לאַנגע'ן געווען פערפליכטעט מעהר, ווי וועמען עס איז אין דער וועלט, אָבער דאָך איז ער ניט געווען א געשעהעניש אין מיין גייסטיג לעבען, אַזאַ יאָהר, ווי טען, איז עטליכע יאָהר געווען מיין לעהרער און וועגווייזער. פון היי־נע'ן האָב איך א צייט פיעלעס געלערנט. ניטשע האָט ווי א מע־טעאָר א בליץ געטהון פאַר מיין אויג, פערשיינט אַלעס אַרום זיך און איז פערשוואונדען, סווינבורן איז שנעל פערגאַנגען פון מיין האָריזאָנט, קיינער פון זיי האָט אָבער ניט געהאַט אַזאַ ווירקונג אויף מיין אינערען לעבען, ווי איבסען.

איך האָב געזעהן, ווי אַזוי ער איז געוואַקסען אויף מיינע איי־גענע אויגען — דאָס האָט א גרויסע בעדייטונג. לאַנגע דער־צעהלט, אַז זייענדיג אַפּט אין רוים, האָט ער געהאַט א געלעגענהייט צו זעהן, ווי קאַרל בלאָך האָט געאַרבייט אויף א בעשטימטען ווערק און דאָס דאָזיגע בילד האָט טאַקי דעריבער געמאַכט אויף איהם א שטאַרקערע ווירקונג, ווי די גרויסע קלאַסישע ווערק פון אַמאָליגע צייטען. אָבער דאָס איז ניט אַלץ; וועניג מענשען זיינען געוואַק־סען פאַר מיר אין די אויגען. מעגליך, אַז איבסען איז מיר נאָהענ־טער דערפאַר, וואָס ער האָט געשריבען אויף א סקאַנדינאַווישער שפּראַך. דאָס ערקלערט דאָך ניט אַלץ. האָב איך דאָך אויך אי־בערגעלעבט מיט מיינע אייגענע אויגען די גאַנצע גייסטיגע ענט־וויקלונג פון ביערנסאָן'ען. ער האָט מיך שטאַרק אינטערעסירט, און דאָך פיהל איך זיך ניט אַזוי שטאַרק פערפליכטעט צו איהם, ווי צו איבסען'ען. עס איז מעגליך, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס איך פערשטעה איבסען'ען בעסער, און איבסען פערשטעהט מיך בעסער. אָבער ווי קומט עס, וואָס מיר פערשטעהען זיך אַזוי גוט? זאָל צווישען אונז ביידע זיין א געוויסע גייסטיגע פערוואַנדשאַפט, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס איבסען איז עלטער פון מיר און אונענדליך טאַלאַנטפולער?

אויף דער דאָזיגער פראַגע קען איך ניט ענטפערען. מיר צו־נעהען זיךביידע שטאַרק. אונזערע נאַטורען זיינען ענטגעגענגע־זעצטע. אין אָנהויב פון זיין טעטיגקייט איז ער אַלס מענש גע־ווען מיר שרעקליך פרעמד. מיך האָט עמפּערט אין איהם זיין טיפע פעראַכטונג צו מענשען. מיט עטליכע יאהר שפּעטער האָט ער דערוועקט אין מיר ליעבע מיט זיינע ליידענשאַפטליכע קאַמפּפס־שטימונגען. אָבער אויך דאַמאַלס איז עפּעס געשטאַנען צווישען אונז און האָט אונז צושיידט: דאָס זיינען געווען אונזערע טעאָ־ריען, אונזערע לעבענסאַנשויאונגען. יאָהרענווייז זיינען מיר גע־ווען גייסטיג פערבונדען, מיר האָבען זיך געטיילט מיט אונזערע מיי־נונגען וועגען פערשידענע זאַכען. מיר האָט זיך געדוכט, אז איך פערשטעה איהם אַלץ מעהר און מעהר. איינמאָל האָט ער מיך געמאַכט אויפמערקזאם דערויף, אז צווישען די פּאָרטרעטען פון פערשידענע מהוער פון איין פערגאַנגענער עפּאָכע איז פאַרהאַן א געוויסע עהנליכקייט, ווען מיר, מאָדערנע, קוקען אויף זיי. אין׳ם יאהר 1884 האָט ער מיר געשריבען פאָלגענדע סימפּטאָמאַטישע ווערטער: „ווי איהר, פיהל איך אויך, אז מיר שטעהען נאָהענ־טער איינער צום אנדערען, ווי אין די ערשטע יאהרען פון אונזער בעקאַנטשאַפט, אָבער איך רעכען, אז דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס, ענטוויקלענדיג זיך לאַנגזאם, זיינען מיר ביידע, יעדער פון זיין זייט, צוגעגאַנגען א פּאָר שריט איינער צום אנדערען".

איבסען איז געווען מיין נאָהענטער פריינד יאָהרען לאַנג אין משך פון א גאַנצער גענעראַציאָן. דאָס ערשטע מאָל האָט ער מיר געשריבען אין אַפּריל 1866. א שטענדיגע פריינדשאַפט פון א גרויסען מענשען איז א גרויס גליק. און דאָך האָב איך זיך זעל־טען בעגעגענט מיט איהם. געזעהן האָב איך איהם א פּאָר מאָל, א פּאָר געצעהלטע מאָל, נעמליך אין דרעזדען אין 1871-72, אין מיונכען — 1877, אין קאָפּענהאַגען — 1885 און 1887, אין כריס־טיאַניא — אין 1893, 1892, 1890. יעדעס מאָל האָבען אונזערע בעגעגנישען געדויערט עטליכע וואָכען אָדער עטליכע טעג. זיינע בריף זיינען אויך זעלטען געווען לאַנג, ער פלעגט ניט שרייבען אָפט. אין די אינגערע יאָהרען האָט ער נאָך ליעב געהאַט שרייבען

לאַנג, אָבער אין די לעצטע יאָהרען שרייבט ער זעהר זעלטען און זעהר קורץ.

כדי צו ערקלערען, וואָס איך וויל זאָגען, מוז איך אָנהויבען פון אָנהויב. דעם ערשטען שטאַרקען איינדרוק האָט אויף מיך איבּ־סען געמאַכט מיט זיין דראמא „פּרעטענדענטען אויפ'ן טראָן". איך האָב זיך פערשאַפט די ערשטע אויסגאַבע, פון יאָהאַן דאַל, וואָס איז געווען געדרוקט אין כריסטיאַניא מיט גאָטישען שריפט כמעט אויף א ריינעם דענישען לשון. „די קאָמעדיע פון ליעבע" האָט אין יע־נע טעג אויף מיר ניט געמאַכט קיין שום איינדרוק. „דאָס פעסט אין סאָלהאוג" און „די העלדען אין העלגאָלאַנד" האָבען מיך פער־אינטערעסירט נור אויף א מאָמענט; פרוי אינגער, וואָס האָט אָנ־געוועהט אויף מיך עפּעס פרישעס, האָט מיך ניט אָנגעריהרט פער־זענליך; אָבער „די פרעטענדענטען אויפ'ן טראָן" האָבען מיך טיף געריהרט; איך בין בעצויבערט געוואָרען פון דער קונסטווערק און פון דער מייסטערהאַפטער כאַראַקטעריסטיק פון האָקאָן און סקו־לע. די דאָזיגע מענשען זיינען אייגענטליך געווען מיר פערזענ־ליך פרעמד, אָבער סקולע האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ שטאַרקען קינסטלערישען איינדרוק, אז פון יענער צייט אָן בין איך געוואָרען א הייסער אָנהענגער איבסען'ס. לאַנג־לאַנג איז סקולע געווען דער קלימאַקס פון איבסען'ס דיכטערישער ארבייט. איך בין געבלי־בען דערביי אפילו האָבענדיג איבערגעלעזען „בראַנד". אונז, די אמאָליגע יוגענד, וואָס האָט זיך ערצויגען אויף סערען קירקעגאָרד, האָט „בראַנד" ניט געקענט אַזוי ערשיטערען, ווי דאָס געוועהנליכע פובליקום, וואָס איז ניט געווען אונטער דעם איינפלוס פון דער פילאָסאָפישער ליטעראַטור, וועלכע איז געווען שווערער צו פער־שטעהן. דאָך האָט זיך אין „בראַנד" געפיהלט א מעכטיגער גייסט און אייניגע סצענען האָבען בעצויבערט מיט זייער פּאָעטישען כאַ־ראַקטער. אין „פּיער גינט" איז פאַרהאַן מעהר פּאָעטישע שעהנ־הייטען, ווי אין „בראַנד"; אונפערגעסליך איז, ווי פּיער פערטרייבט פון דער שטאַרבענדער מוטער די געדאַנקען פון נאָהענטען טויט מיט זיין פאַנטאַסטישער מעשה. די קאָמעדיע „דער בונד פון יו־גענד" האָב איך אין זיין צייט אפשר ניט גענוג הויך אָבגעשאַצט,

אבער איך בין דאמאלס געווען ווייניג בעקאנט מיט נארוועגיען, בין קיינמאל ניט געווען דארט און האב ניט געהאט קיין מעגליכ־קייט צו אורטיילען ריכטיג, צי האט דער דיכטער ריכטיג פערשטא־נען די ווירקליכקייט. שטארק ענטציקט בין איך געווען פון די בעסטע פון איבסען'ס לידער; איך האב געלעזען זיי און ווידער אמאל געלעזען. א גרויסען איינדרוק האבען אויף מיך געמאכט די פאעמען „נידער", „צומישעניש", „א בריעף צו פרוי הייבערג". „נידער" איז די ריהרענדסטע, „צומישענעס" — די קלוגסטע און שארפזיניגסטע; „א בריף" — די פאלקאמענסטע פון אלע איב־סען'ס פאעמען.

מעגליך, אז די לידער האב איך פערשטאנען בעסער דערפאר, וואס מיט א צייט פריהער האט איבסען זיך אנטפלעקט מיר אין זיינע בריף, און מיר פערזענליך האט זיך איינגעגעבען צו בעקע־נען מיט איהם. מיינע הארציגסטע ערינערונגען פון איבסען'ען שטאמען פון'ם יאהר 1871. אין'ם ווינטער 1870-71 איז מיר אויס־געקומען צו זיין אין רוים פיער חדשים; איך בין דאמאלס געווען ניט געזונד. איבסען, וואס האט דאמאלס געוואוינט אין דרעז־דען, האט מיר געשריבען עטליכע מאל. אין זיינע בריף האט ער ניט נור אינטערעסירט זיך הארציג מיט מיין געזונד, נור אויך בע־גייסטערט מיך און צוגעגעבען מוט; זיינע אריגינעלע אידעען הא־בען ערשיטערט מיין געדאנק; איך בין קיינמאל נאך ניט געווען אזוי שטארק אונטער איבסען'ס איינפלוס, ווי איצט. זיינע ווערק זיינען געווען געווענדט צו דער גאנצער וועלט, ווי אלע; איצט רעדט ער צו מיר, נור צו מיר. דאס, וואס איבסען האט מיר גע־שריבען, איז געווען אן עפאכע אין מיין לעבען. איך בין געווען אי איינפערשטאנען מיט איהם, אי אין כעס אויף איהם.

ווען איך האב מיט עטליכע יאהרען שפעטער פערעפענטליכט אייניגע פראזען פון איבסען'ס בריף צו מיר, האבען זיי פעראינ־טערעסירט דאס פובליקום ניט ווייניגער פון זיינע קינסטלערישע ווערק. אנדערע האבען שטארק געלויבט, אנדערע — געזידעלט איבסען'ען פאר די דאזיגע צופעליגע בעמערקונגען. זיי האט מען ציטירט, גלייך ווי דאס וואלטען געווען ניט צופעליגע אויסדרו־

קען, נור א גאַנץ פּראָגראַם. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז איי־נע פון זיינע פּראָזען איז געוואָרען דאָס מאָטאָ פון אַן אַנאַרכיס־טישער פראַנצויזישער צייטשריפט און אַן אַנאַרכיסטישער טראָ־ריסט האָט אין געריכט אין זיין פערטיידיגונגס־רעדע ציטירט צו־זאַמען מיט דאַרווין'ען, הערבערט ספּענסער'ן, קראָפּאָטקין'ען, אָק־טאַוו מירבאָ'ן אויך הענריק איבסען'ען, אַלס איינער פון די אַפּאָס־טאָלען פון דער אַנאַרכיסטישער אידעע.

איבסען פּערענדיגט איינעם פון זיינע בריף צו מיר מיט אַזעלכע ווערטער: „דאָס וויכטיגסטע איז דער אויפשטאַנד פון'ם מענשליכען גייסט און איינער פון יענע, וואָס זוכען, זייט איהר". דער ערשטער טייל פון דער פראַזע איז שוין הונדערטער מאָל אי־בערגעדרוקט געוואָרען; דער צווייטער טייל האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז איך האָב געענטפערט איבסען'ען אין פּערזען, אויסדריקענדיג מיין ליידענשאַפטליכען פערלאַנג צו האָבען אַ חבר אין קאַמפף און דעם נאַאיווען גלויבען, אַז אַזאַ חבר וועט זיין איב־סען. זייט יענער צייט זיינען פערגאַנגען זיבען־און־צוואַנציג יאָה־רען; אָבער שוין אין די ערשטע צוויי יאָהר האָב איך זיך אי־בערצייגט, אַז איבסען דאַרף געהן אַליין אויפ'ן אָנגעצייכענטען וועג און אַז אויך איך מוז פיהרען אַליין מיין קאַמפף. איך האָב קיין שום פערלאַנג ניט צו אויסגעבען זיך פאַר איבסען'ס א ברו־דער אין גייסט; איך גלויב גלאַט ניט אין דער ברודערשאַפט פון גייסט. אָבער אין יענער צייט האָב איך געפיהלט אַנדערש און דאָס האָט מיר צוגעגעבען מוט.

„קייזער און גאַלילעער" איז די איינציגע דראַמא, פון וועלכער איבסען האָט מיר געלעזען עפּעס נאָך איידער עס איז ערשינען. איך האָב געהערט לעזענדיג איהם עטליכע סצענען. ווי גרויס דאָס ווערק איז ניט, איז דאָס ניט פון יענע ווערק, וואָס האָבען מיך פער־זענליך גערירט. שטאַרק גערירט בין איך געוואָרען פון „נאָראַ". אין „נאָראַ" פיהלט זיך לעבען, ווירקליכקייט. מיר האָט זיך גע־דוכט לעזענדיג, אַז איך בין בעקאַנט געוועזען מיט נאָראַ'ן, האָב זי געזעהן אין לעבען אַזאַ, ווי זי איז אין דער פּיעסע. דער איינ־דרוק איז געווען אַ קאָלאָסאַל־שטאַרקער. מיר האָט זיך געדוכט,

אז איך האב אליין איבערגעלעבט דאס אלעס, וואס די העלדין לעבט איבער; איך בין געווען צו שטארק ענטציקט, פונ'ם גאנצען ווערק, איך זאל בעמערקען, אז עס איז פאלש פון'ם קינסטלערישען שטאנדפונקט, וואס נארא האט זיך אזוי שנעל פערוואנדעלט אין א אנדערען מענשען. „די געשפענסטער" צינדען אונזער הארץ און מיט'ן אוטאר'ם מוט; דאס איז א גרויס ווערק. ווען די סקאנדי־נאווער פרעסע האט גענומען בעקעמפפען דאס דאזיגע גרויסע ווערק אויף א רויהען און נארישען אופן, האט מיך אבגעעקעלט פון אזא נידריגקייט. איבסען שרייבט מייסטערהאפטע ווערק איינס נאכ'ן אנדערען. טיעף און אריגינעל איז „די ווילדע ענטע", שטארק פא־לעמיש און דאך ערהאבען איז „ראסמערסהאלם", בורזשואז־געװעהנליך און דאך מיסטיש־סימוואליש איז „די פרוי פון ים", קלוג און ריין־פסיכאלאגיש איז „העדא גאבלער", אבער העכער פון אלע אין פאעטישען זין איז „בוימייסטער סאלנעס". ווערהענד „עאלף" און „בארקמאן" זיינען אנגעזעטיגט מיט מרה שחורה און טרויער, טראגט הילדא אריין אין „סאלנעס" ליכט, פרייד, ענטוזיאזם פון יוגענד. איהר געשטאלט איז אזוי טיף־נארוועגיש, אזוי טיף־נאציאנאל, אז קיין נארוועגישערע געשטאלט קען איך מיר ניט פאר־שטעלען אין דער ליטעראטור. און אין דערזועלבער צייט איז הילדא טיף־מענשליך, אלגעמיין־פערשטענדליך. „סאלנעס" האט מיך בעצויבערט פון דער קינסטלערישער זייט; די דראמא איז מער־בענהאפט און אין דערזעלבער צייט איז זי ווי א ודוי צווישען פיער אויגען; לעזענדיג „סאלנעס'ן" דוכט זיך אייך, אז עמיצער רעדט אייך ווערטער אין אויער אריין. אין „סאלנעס" איז דער דיכטער אראבגעשפרונגען פון'ם פיעדעסטאל און געווארען נאהענטער צו געוועהנליכע שטערבליכע, ווי ווען עס איז אין זיין לעבען.

יא, דער ענטוויקלונגסגאנג פון איבסען'ען טראגט זיך דורך פאר מיין אויג ווי אן אויסגעצויגענע פלאמען־ליניע. אמאל האט זיך מיר געדוכט, אז איבסען דער דיכטער האט געהאט אויף מיר אזא שטארקע ווירקונג דערפאר, וואס איך האב פון בריף און בע־געגענישען געקענט אויך איבסען'ען דעם מענש, אבער איצט פיהל איך, אז איבסען'ס ווערטער האבען אימער פאר מיר א גרויסע בע־

דייטונג געהאַט נור דערפאַר, וואָס זיינע ווערק זיינען אַזוי טיף און אייגענאַרטיג.

סוף כל סוף בין איך דאַנקבאַר איבסען'ען דערפאַר, וואָס ער האָט מיר געגעבען אַ ביישפּיעל פון זעלבסטפערטיפונג, קאָנצענטראַציאָן פון קרעפטען. וואָס מעהר דו ווערסט דורכגעדרונגען אין משך פון לעבען פון דער איראָניע פון לעבען, וואָס גרינדליכער דו היילסט זיך אויס פון אַ צו הויכער אָבשאַצונג פון דיינע פעהיגקייטען, וואָס מעהר דו פערשטעהסט, ווי אונניצליך און זונפרוכטבאַר אַלע דיינע שטרעבונגען זיינען, אַלץ שטאַרקער ווערט דער נסיון צו קוקען אויפ'ן אייגענעם לעבען און טעטיגקייט גלייכגילטיג און אַפּאַטיש. דעריבער איז גאַנץ נאַטירליך, אַז דו ווערסט ערשטוינט, בעגעגענדיג אַ מענשען, וואָס צווייפעלט אין אַלעמען, און אין דערזעלבער צייט גלויבט ער אַזוי טיף און נאַאיוו אין זיין אַרבייט, בעציהט זיך צו איהר אָהן יעדער איראָניע און לעבט נור צוליעב זיין אַרבייט. אין'ם יאָהר 1872 האָט איבסען געווענדט זיך צו מיר מיט פאָלגענדער ווערטער: „טראַכט גוט וועגען מיר און מיין זאַך, ניט פערלאָזענדיג דאָס איינציג וויכטיגע פאַר אייך, ווייל דאָס איז א י י ע ר אַרבייט". איך מוז זיך מודה זיין, אַז שוין דאַמאַלס איז מיר שווער געווען פאַרצושטעלען זיך, אַז מיין אַרבייט איז דאָס איינציגע וויכטיגע אין דער וועלט. אויך איצט קען איך פועל'ן ביי זיך צו קוקען אַזוי אויף מיין אַרבייט. איך בעריהם זיך ניט. איך דערצעהל נור פאַקטען. אַ מענש, וואָס בעציהט זיך צום לעבען אידעאַל, ווי איך, האָט מעהר שאַנסען צו ענטוויקלען אַלע זיינע קרעפטען און ערפילען די אַרבייט, וואָס ער דאַרף ערפילען. איבסען'ס קראַפט בעשטעהט דערין, וואָס פערטיפענדיג זיך אין זיך, האָט ער זיך אויסגעלערענט צו קוקען אויף זיין לעבען, אַרבייט, ווי אויף דער וויכטיגסטער אין דער וועלט און מיט זיין ביישפּיעל האָט ער יעדען איינעם, וואָס וויל בעשאַפען עפּעס גרויסעס, געוויזען דעם וועג, וואָס פיהרט צו בעסערער קינסטלערישער פערפאָלקאָמענונג.